STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10862

# DOS GETO IN FLAMEN

Samuel Golburt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל גאלבורט

# דאס געטא אין פלאמען

אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין דייטשלאַנד

מינכען — 1948

THE BURNING
GHETTO

Published under EUCOM
Civil Affairs Division
Authorization Number
UNDP 236. — Responsible
publisher: Obadia Feld

דעם אנדענק פון מיין ברודער

# משה׳לע

וועלכער איז אין בליענדן עלטער
געשטארבן אין קאוונער געטא
דעם 15־טן סעפטעמבער 1942.

# געווידמעט

הילע און שער־בלאט
געצייכנט דוד ווייכמאן

*        *
*

אַ בלומיקער שטורעם האָט צעשמעטערט יידישע היימען, קהלות און שטעט. דער אשמדאי פון גיהינום האָט צעשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען איבער יידישע קעפּ. יידן זיינען געטריבן געוואָרן פון זייערע הייזער אין געטאָ אריין און פון דאָרטן צום טויט...

די יידישע קאָוונע האָט געטיילט דעם שוידערלעכן גורל פון פיל הונדערטער יידישע שטעט אין די נאַצי־יאָרן.

שמואל גאָלבורט, אַ באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן און העברעאישער פּעדאַגאָג פון ליטע, שילדערט אין זיין האַזיקן בוך אָט די טראַגישע עטאַפּן פון חורבן קאָוונע און דעם בלוטיקן לעבנס־גאַנג פון אַ יידישן יונגנמאַן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע גילגולים פון געטאָ־לעבן און איז שפּעטער אַוועק אין וואַלד קעמפן מיט געווער אין די הענט קעגן די פאַרשאָלטענע רוצחים.

וואָס איז זיין בוך? אַ ראָמאַן?

יאָ, לויט דער ליטעראַרישער פאָרם. אָבער אין תוך איז עס מעמוּאַרן.

דער העלד פונעם ראָמאַן הייסט אָשר זעלווער, אָבער דאָס איז שמואל גאָלבורט. ער באַשרייבט זיינע אייגענע איבערלעבענישן, יסורים און אויפטרייסלונגען. זיין שילדערונג איז ניט קיין דיכטערישע

פאַנטאַזיע, ניט קיין אויסגעקליגלטע נאָוועלע. דאָס איז אַ טריי איבער־געגעבענע כראָניק פון ווירקלעכע געשעענישן, אַן אמתער סיפור המעשה.

די מעשה קלינגט אָפטמאָל פאַנטאַסטיש, אומגלויבלעך, ווילד. אָבער דאָס איז ניט די שולד פונעם אויטאָר. אַזוי אומוואַרשיינלעך און פּאַראַדאָקסאַל איז געווען דאָס טראַגישע לעבן פון קאָוונער יידן.

אַזוינע ניסים האָבן באמת פּאַסירט מיט זעלווער — גאָלבורט.

וואָרום יעדער ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט די געטאָ און קאַצעט־עינויים, איז אַ לעבעדיקער נס אויף צוויי פיס...

דער אויטאָר שילדערט זיין געטאָ־געשיכטע איינפאַך, קלאָר, דורכזיכטיק. און טאַקע די דאָזיקע פּשוטקייט און ערלעכקייט פון זיין אופן שרייבן האַלט דעם לייענער אין גרויס שפּאַנונג פון אָנהויב ביזן סוף.

זיין מי איבערצוגעבן די קלענסטע, אָבער וויכטיקע פּרטים פון דעם קנויל געשעענישן, וואָס פאַלן האַמערדיק און גרויליק אויף זיין קאָפּ, שטאַמט פון זיין עצם שטרעבונג צו שילדערן גענוי און פּינקטלעך די אמתע פּאַסירונגען.

נאָך אַ וויכטיקער פּרט פון היסטאָרישער באַדייטונג: דער מחבר דעקט אויף די מערדערישע מיטהילף פון די ליטווינער אין דער פאַר־פאָלגונג און אויסראָטונג פון די ליטווישע יידן — אַ הימל־שרייענדיקער פאַרברעכן, וואָס די אין בלוט אָפּגעטונקטע ליטווישע טוער באַמיען זיך איצט צו פאַרלייקענען און צו פאַרטושן.

מיט אומגעדולד וועט דער לייענער וואַרטן אויף די איבעריקע חלקים פון אָט דעם ווערק, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל ליידן און צאַפּלענישן פון אַ געפּייניקטער יידישער נשמה.

ראובן רובינשטיין

פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון די ליטווישע יידן

אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד.

מינכען, דעם 10־טן אָקטאָבער 1948.

# פאָרוואָרט

די יידישע ליטע, וועלכע איז געווען באַרימט מיט אירע מוסדות פון תורה און השכלה, מיט אירע גאונים און שרייבער, מיט איר נאַציאָנאַלער יידישקייט און קולטור-שעפערישקייט, איז במשך פון בערך 3 חדשים, נאָכן באַזעצן ליטע דורכן נאַציש-דייטשן אָקופּאַנט, דערטרונקען געוואָרן אין בלוט און איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

אַ הייפל ליטווישע יידן איז צוזאַמענגעטריבן געוואָרן אין צוויי געטאָס — אין קאָוונע און שאַוול.

דער מחבר האָט זיך געפונען ביזן 12-טן נאָוועמבער 1943 אין קאָוונער געטאָ. שפּעטער איז ער אַוועק מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

דער מחבר האָט פאַרצייכנט זיינע טראַגישע איבערלעבונגען אין געטאָ גופא און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן פּרט פון זיינע שילדערונגען.

„דאָס געטאָ אין פלאַמען" איז דער ערשטער באַנד פון אַ טרילאָגיע און באַשטייט פון 4 טיילן. די איבעריקע צוויי בענדער הייסן: „אין וואַלד" און „איבער גרענעצן".

דער ערשטער טייל פון „דאָס געטאָ אין פלאַמען" נעמט אַרום אַ פּעריאָד פון קאַרגע צוויי חדשים פון מלחמה-אויסברוך (22-טן יוני 1941) ביזן אָפּשליסן דאָס געטאָ (15-טן אויגוסט 1941).

דער מחבר ווייס גאַנץ גוט, אַז זיינע שילדערונגען זיינען נור אַ שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון די שרעקלעכע געשעענישן פון יענע גרויליקע טעג.

צו שווידערלעך און גרויזאַם זיינען געווען יענע טעג, אַז אַ מענטש־לעכע פעדער זאָל בכלל זיין אימשטאַנד זיי צו באַשרייבן.

דער מחבר האָט געשטרעבט אין זיינע שילדערונגען צו בלייבן טריי דעם אמת, דעם ריינעם אומגעפעלשטן און ניט צוגעפוצטן היס־טאָרישן אמת.

זאָלן אונדזערע מיטצייטלער און די קומענדיקע יידישע דורות זען, ווי דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געצאַפּלט אין גסיסה־יסורים צווישן מערדער און מענטשן־פרעסער, וואָס האָבן פאַרטיליקט אָן שום רחמנות און אייגזעעניש יידישע מענער, פרויען און קינדער.

און זאָל אייביק געדענקען די יידישע אומה ווי מאָדערנע מענטשן־חיות פון 20־טן יאָרהונדערט האָבן אָפּגעטאָן די ווילדעסטע רציחות און שרעקלעכע געמיינהייטן און זאָל זי אָפּלערנען דערפון דעם נויטיקן מוסר השכל.

זכור את אשר עשה לך עמלק!

ש. ג.

# ערשטער טייל

אלקים, זדים קמו עלי ועדת עריצים
בקשו נפשי...

תהילים פו, יד.

סבוני כמים כל היום הקיפו עלי יחד.

תהילים פח, יח.

ערשטער קאַפּיטל

# ס׳הויבט זיך אָן

אַ שטאַרקער קלאַפּ האָט אויפֿגעוועקט אָשר זעלווער זונטיק דעם 22־טן יוני 1941, 4 אַ זייגער באַגינען אין זיין קליינעם צימערל אויף פּרעזידענט גאַס. אָשר קריכט פֿויל אַרויס פֿון זיין בעט. שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. אַ ריח פֿון בלומען, — וועלכע וועקן זיך אויף פֿון זייער נאַכטיקן שלאָף אַנטקעגן דעם ערשטן שטראַל פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון, — פֿאַרשיכורט אים — אַך, וואָס פֿאַר אַ פּראַכטפֿולער פֿרימאָרגן! — וואונדערט ער זיך, פֿאַרמאַכט דעם פֿענצטער און לייגט זיך ווייטער שלאָפֿן...

אָשרס צימער געפֿינט זיך אויפֿן ערשטן שטאָק. זיין מעבל: אַ טיש, אייניקע שטולן, אַ בעט און אַ קליידער־שראַנק. אָשר׳ס בעלי־בתים — צוויי אַלטיטשקע, וואָס ווינען אָן קינדער. ער אַ געוועזענער בעל־מלאָכה, געווען אין אַמעריקע, געמאַכט פֿיל געלט, געקומען צוריק קיין קאָוונע, געקויפֿט צוויי גרויסע הייזער נעבן פּרעזידענטס פּאַלאַץ און געלעבט פֿון דירה־געלט. זי — אַ שטאָלצע, קלוגע אַלטיטשקע. אויף איר פּנים זיינען נאָך קענטיק די שפּורן פֿון איר אַמאָליקער שיינקייט. פֿון איר מאַיעסטעטישן גאַנג און גראַציעזער האַלטונג איז ניט צו זען, אַז זי איז אַ טאָכטער פֿון אַ בית הקברות־מאַן.

ביידע זיינען זייער קאַרג ביז לעכערלעכקייט. אָשר וווינט ביי זיי אַ יאָר צייט זינט די רויטע אַרמייער האָבן אַריינגעמאַרשירט קיין ליטע. נאָך איידער זייערע הייזער זיינען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, האָבן די אַלטיטשקע באַשלאָסן צו פֿאַרקלענערן זייער וווינונג, וואָס איז באַשטאַ־

גען פון 6 צימערן מיט אַ קיך, אָנגעהויבן זוכן קוואַרטיראַנטן, וועלכע האָבן גוטע רעפערענצן. אָשר האָט אַזעלכע רעפערענצן געהאַט און ער האָט זיך באַזעצט אין איינעם פון זייערע צימערן.

די אַלטע האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צום נייעם קוואַרטיראַנט און געזוכט אים צופרידנצושטעלן מיט וואָס נאָר מעגלעך. דער אַלטער פלעגט זיך אַפילו ניט שטערן צו ציילן זיינע דאָלאַרן פאַר אָשר'ן אין די אויגן און די אַלטע האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זי האָט וועמען צו דערציילן וועגן אַמאָליקע דערפאָלגן.

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך אָשר אַ צווייטן מאָל אויפגעכאַפּט: אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. עס איז אַריינגעקומען דער בעל־הבית. אָשר וואַרפט אַ בליק אויפן זייגער: האַלב פינף, — וואָס טוט זיך דאָ? פרעגט ער זיך. דער אַלטער זעצט זיך שווער אַוועק אויפן שטול, וואַקלט זיך משמעות אויף די פיס. זיין פּנים איז צושראָקן.

— איר האָט גאָרניט געהערט? וווענדעט ער זיך צו אָשר'ן.

— וואָס געהערט? — פרעגט אָשר האַלב גענעצנדיק.

— נו, די שרעקלעכע קלעפּ! אַ מייל זאָגן, אַז עס קומען מאַר מאַנעוורעס, אָבער אַנדערע מיינען, אַז דאָס זיינען דייטשע באָמבעס.

אָשר גיט אַ שפּרונג פון בעט, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן.

— קומט! — זאָגט ער צום בעל־הבית.

— איר זייט דאָך אין אַ כאַלאַט, וווהין ווילט איר גיין?.

אָשר ענטפערט ניט. און איידער דער בעל־הבית באַוויזט זיך אויפצוהויבן פון שטול, זיצט שוין אָשר אין צווייטן צימער. ער דרייט נערוועז דעם קנאָפּ פון ראַדיאָ און גלייך הערט ער קלאָר און דייטלעך פון דייטשלאַנד וועגן אויסברוך פון אַ קריג מיט רוסלאַנד.

דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג האָט אָשר געאַרבעט אין קאַנטאָר. אַלס בוכהאַלטער אין איינער פון די גרעסטע פאַבריקן איז ער באַפולמעכטיקט געוואָרן צו מאַכן רשימות פון די אַרבעטער, וועלכע זאָלן בייגאַכט היטן די פאַבריקן אין קאָוונע. אין די הימלען האָבן געקעמפט דייטשע און רוסישע פליער. די זעניט־אַרטילעריע האָט אָן אויפהער געדונערט.



קאָוונע, אַלטשטאָט.

צ. ה. ק.

קלײנע גרופּעס מענטשן האָבן זיך נערװעז דורכגעריסן דורך די פּראָטואָרן נאָכשפּירנדיק מיט האַרץ־קלאַפּעניש דעם פאַרצװײפלטן קאַמף צװישן די פליער. די געשעפטן זײנען געװען איבערפולט. פרויען האָבן געשלעפּט פון פאַרבונדענע קניפלעך אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס און געקויפט אַלץ װאָס מען האָט נור באַקומען. דורכן טאָג זײנען די געשעפטן אויסגעלײדיקט געװאָרן און די פּוסטע פּאָליצעס האָבן אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ הונגער.

נאָכמיטאָג האָט מען אין פאַרשײדענע ערטער פון שטאָט אָנגעהויבן גראָבן אָקאָפּעס. אַפילו אַלטע לײט און קינדער האָבן שװער און עקשנות'דיק געאַרבעט, כדי צו שאַפן זיך אַ באַהעלטעניש אויף דער צײט פון סכנה.

שוין אין ערשטן מאָמענט פון קריגס־אויסברוך האָבן זיך אײנגעפונען אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן, װעלכע האָבן פאַרשפּרײט פאַרשײדענע קלאַנגען. יעדע מינוט פלעגט מען הערן נײעס: די רוסן זײנען אַריבער די דײטשע גרענעץ, מעמעל איז פאַרנומען...

אַ װײלע שפּעטער — די דײטשן מאַרשירן פאָרויס. זײ רינגלען אונדז אַרום...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז די פּעסימיסטן זײנען געװען גערעכט. עס זײנען געקומען אַנטלאָפענע פון די גרענעץ־שטעט, הונדערטער פורן מיט זאַכן האָבן זיך געצויגן איבער קאָװנער גאַסן, די פּראָװינצער זײנען געװען שרעקלעך פאַרצװײפלט.

זײ האָבן דערצײלט װעגן גרױסע שריפות, װעגן אַעראָפּלאַנען און באָמבעס. זײ האָבן דערצײלט, אַז זײ זײנען באַשאָסן געװאָרן פון דײטשע פליער, װעלכע זײנען געפלױגן גאַנץ נידעריק איבער די װעגן, אַז זײ האָבן זיך געראַטעװעט אין די װעלדער און גריבער, אַז פיל זײנען דערהרגעט געװאָרן אָדער זײ ליגן פאַרװונדעטע אין די זומפּן אָדער אויף שאָסײען...

טראָץ דעם װאָס די פּראָװינצער זײנען געװען שרעקלעך מיד, דורשטיק און הונגעריק, האָבן זײ דאָך באַשלאָסן זיך ניט אָפּצושטעלן אין קאָװנע, נאָר פאָרן װײטער, װאָס װײטער פון דער דײטשער גרענעץ.

די זוגטיקדיקע נאַכט איז געווען אַ שרעקלעכע. די מערהייט אייג־ ווייגער פון קאָוונע זיינען געלעגן פארשטעקט אין די קעלערס און פלעגן אויפגעציטערט ווערן פון יעדער באָמבע אָדער אַרטילעריע־שאָס.

מאָגטיק פרי האבן זיך באשטעטיקט די קלאַנגען, אַז די רוסן ציען זיך שנעל צוריק און די דייטשן מאַרשירן פאָרויס און פאַרנעמען איין שטאָט נאָך דער צווייטער...

מענטשן האבן זיך געפּאַקט און געלאָפן צום וואָקזאַל. די גאסן זיי־ נען שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן און פעק. די מערהייט זיינען געווען יידן: זיי האבן פארשטאַנען וואָס זיי קענען הערוואַרטן פון היטלער־ דייטשלאַנד...

געדיכטע רייען מענטשן האבן זיך געצויגן צום שאָסיי, וואָס פירט פון קאָוונע איבער ווילקאָמיר צו דווינסק.

אין דער זעלבער צייט האבן אָנגעהויבן בושעווען די ליטווישע פאַרטיזאַנער. זיי האבן זיך אָרגאַניזירט אין די אזוי גערופענע „פאַר־ טיזאַנער־אָטריאַדן". מאָנטיק האבן זיי פארכאַפּט די קאָוונער ראַדיאָ־ סטאַנציע.

— וואָס רעכנט איר צו טאָן? — פרעגט די אַלטע אָשר'ן, ברעכנ־ דיק די הענט פון פארצווייפלונג.

— איך לויף ניט, איך האָב אַ ברודער דאָ אין קראַנקענהויז און אַ מוטער אין דער פּראָווינץ, — ענטפערט אָשר אַנטשלאָסן.

— און מיר? און מיר? אָשר! זאָגט, גיט אַן עצה, ווי זאָלן מיר טאָן? זאָלן מיר לויפן? — פרעגט די אַלטע מיט אַ וויינענדיקן קול.

— איר, איר? — חזר'ט איבער אָשר פארטראַכט: — איך מיין, אַז איר, אַלטע לייט... איך גלויב ניט, אַז איר זאָלט זיין ביכולת צו לויפן, זיך צו ראַטעווען, איך גלויב ניט... איך מיין, אַז איר מוזט בלייבן אויפן אָרט — ניט לויפן...

אָשר'ן האט באַגאַסן אַ שוויס און ער האט זיך געמאַכט אַ פאָר־ וואורף, וואָס ער דערלויבט זיך צו זיין אַ פּוסק אחרון אין פראַגן פון לעבן און טויט.

און ער רעדט צו די אַלטע ווייטער:

— אויב איר באשליסט דאך צו לויפן, איז איצט די צייט, איצט און ניט שפּעטער, איצט און ניט אין אַ שעה אַרום. איר פאַרשטייט ?

די אַלטע האבן שוין ניט געהערט זיינע לעצטע ווערטער, זיי האבן באַשלאָסן ניט צו לויפן... וואָלט אָשר פאַרויסגעזען די צוקונפט, וואָלט ער געשריען: לויפט, לויפט! ערגער וועט איר יעדנפאלס ניט מאכן. אויב איר וועט אפילו פאלן פון אַ קויל אָדער הונגער לויפט אַלץ איינס, בכדי ניט אריבערצולעבן גרויזאַמע טעג, וואָס ס'האבן צוגעגרייט פאַר אייך די ציוויליזירטע מערדער פון 20־טן יאָרהונדערט.

ניט איינמאָל האט געטראַכט אָשר זעלווער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַז די אַלטע האבן אים פאַר זייער אומקום געוויס געשאָלטן, וואָס צוליב אים זיינען זיי ניט געלאָפן.

דעם גאנצן מאָנטיקדיקן טאָג איז אָשר ארומגעגאנגען ווי פאַר־חלומ'ט. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען די געשטאַלט פון זיין מוטער, וועלכע איז איבערגעבליבן אין דער פּראָווינץ, און פון זיין קראַנקן ברודער, וועלכער ליגט אין קאָוונער קראַנקנהויז. צייטנווייז פלעגט ער ארייננעמען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און זיצן פאַרקלערט לאַנג־לאַנג. וואָס ער האט געטראַכט, איז שווער צו זאָגן. מעגלעך גאָרנישט. מעגלעך בשעת גרויסע געשעענישן שפּירט זיך דער יחיד שוואַך און הילפלאָז, און אַ ווירוואַר באַהערשט זיינע געפילן און אפשר איז עס אַ מין נירוואַנאַ, דער געשפּענסט פון טויט, וועלכער דרינגט אַריין אין אונדזער נשמה...

מאָנטיק נאָכמיטאָג איז געקומען אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ פריינט פון די אַלטע, זיך געזעגענען מיט זיי פאַר איר אָפּפאָר צו אירע עלטערן אין דער פּראָווינץ. אָשר זעלווער, וועלכער איז דאַן גראָד געווען דערביי, האָט געפונען פאַר נויטיק איר אָפּצורעדן. — קיין פּראָווינץ גאָר ? לויפט בעסער זיך ראַטעווען! — שרייט ער צו דער קראַנקן־שוועסטער אַן אויפגערעגטער.

— ווי וואָלט איר געהאַנדלט, ווען איר האָט אַ געלעגנהייט צו פאָרן צו אייערע עלטערן אין דער פּראָווינץ ? — פרעגט זי אָשר'ן און שטעכט אים דורך מיט איר שאַרפן בליק.

— איך וואָלט אפשר אויך אזוי געהאַנדלט ווי איר — שטאַמלט אָשר אין פאַרלעגנהייט: — אָבער דאָך וואָלט עס געווען נישט ריכטיק.

— ריכטיק אָדער נישט ריכטיק, פסק'נט דער שכל אָבער נישט די געפילן, — זאָגט זי און קוקט אויף אים. זי שווייגט אַ ווײַלע, אָבער גלייך גיט זי צו:

— שכל און חשבון זיינען גוט אין אַ נאָרמאַלער צייט. אין אַן אומנאָרמאַלער צייט קען דער שכל זייער אָפט פירן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. זוכסט לעבן און באַגעגנסט דעם טויט. גייסט פאַלש און נישט אויסגערעכנט און דו בלייבסט לעבן...

שטיל. אַלע אין צימער שווייגן ווי זיי וואָלטן מסכים געווען מיט איר. אויך אָשר האָט מער נישט פרובירט זי צו איבערצייגן, אָבער דאָך האָט ער געפילט, אַז איר שריט איז בײַ דעם מאָמענט פאַלש און לעבנסגעפערלעך. ער האָט געקריגן אויף איר מיטלייד... ווען זי האָט אים געגעבן די האַנט זיך צו געזעגענען, האָט ער צו איר שטיל געזאָגט:

— פאָרט נישט!

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט און אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר בלויע, גרויסע אויגן. אָשר'ן איז געוואָרן הייס. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— ווײַל... נו, ווײַל אין דײַטשלאַנד זיינען די יידן מיט יאָרן צוריק געלאָפן פון דער פּראָווינץ קיין בערלין... דאָס ווײַזט, אַז אין גרעסערע שטעט איז זיכערער...

— איך פאָר נישט זוכן קיין זיכערקייט! — האָט זי אים אַנטשלאָסן געענטפערט: — אויב עס וועט מיר זיין באַשערט, וועל איך בלייבן אויך דאָרט לעבן. ווען נישט, וועל איך שטאַרבן צוזאַמען מיט מיינע עלטערן אין דעם שטעטל, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן...

דעם זעלבן טאָג איז די קראַנקן־שוועסטער אָפּגעפאָרן צו איר-עלטערן אין דער פּראָווינץ.

צווייטער קאַפּיטל

# אין געראַנגל

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין קאַוונע דינסטיק דעם 24־טן יוני 1941. דעם פֿאַריקן טאָג און די גאַנצע נאַכט האָבן זיך געצויגן דורך דער שטאָט אָפּטרעטנדיקע רוסישע אַרמיי־טיילן. עס האָט אויסגעזען, אַז עס וועט גאָר קיין סוף צו זיי ניט נעמען. דאָך איז דינסטיק פֿרי שטיל געוואָרן. קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען ניט געזען אין די גאַסן: עס האָט אויסגעזען ווי אַ שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם. פּלוצלונג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שאָס פֿון אַ ביקס. אַ מענטש איז געפֿאַלן נעבן פּרעזידענטס פּאַלאַץ. צוויי פֿאַרזאַנגען, וויַיזט אויס זיַינע מערדער, האָבן זיך אַוועקגערוקט אין אַ צווייטער גאַס. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַשר זעלוווער אַראָפּ פֿון די טרעפּ פֿונעם הויז אין וועלכן ער האָט געוווינט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און איז שנעל פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם טויטן. זײַן רעכטע האַנט האָט ער געהאַלטן אין דער הויזן־קעשענע, מען זאָל מיינען, אַז ער האָט געוואָר.

ער האָט דורכגעשניטן די גאַס און איז אַרויף אויפֿן צווייטן טראָטואַר. מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו זײַן קאַנטאָר. נעבן קאַנטאָר איז אויך געלעגן אַ דערשאָסענער.

לאַנגזאַם האָט ער אויפֿגעשלאָסן די טיר און איז אַרײַן אינעווייניק. אַוועקזעצנדיק זיך שווער אין אַ פֿאָטעל ביים שרייב־טיש, האָט ער גענומען דאָס טרייבל פֿון טעלעפֿאָן, געדרייט פּיבערהאַפֿט די נומיקע ציפֿערן.

— אוניווערסיטעט־קליניק? ביטע אָפּטיילונג „צ״! ווער רעדט? די אַמטירנדיקע שוועסטער? ביטע זעלווערן פֿון פּאַלאַטע 7 צום טעלע־

פאָן. ער קען נישט ? ער האָט הויכע טעמפעראַטור ? דאָ רעדט זיין ברודער, איך בעט אים איבערגעבן, אז איך וועל אין ערגעץ ניט לויפן, ב׳וועל זיך אָנשטרענגען צו זיין נעבן אים.

ער לייגט אַוועק דאס טרייבל און אַ מידער, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, שפּאַרט ער זיך אָן אָן טיש און פארזינקט אין געדאַנקען...

די פרימאָרגנדיקע זון־שטראַלן גנב׳ענען זיך אַריין דורכן פענצטער, שלייכן איבער די קאַנטאָר־ביכער, וועלכע שטייען אויף דער פּאָליצע, און דערגרייכן אָשר׳ן ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט וואַרעמען אין זיין איינזאמקייט און פארפראַרנקייט... ווען אָשר גייט ארויס פון זיין קאַנטאָר פאַרכאַפּט אים אַ פראַכטפולער זומערדיקער פרימאָרגן און אויף זיין געדאַנק קומען ארויף ביאליק׳ס ווערטער: „השמש זרחה השטה פרחה והשוחט שחט“... פּאָגראָמען... יאָ, די צייט איז פּאַסיק פאר דעם... ער גייט שנעל, שליידערט נערוועז מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן. שטיל איז אַרום. ער טרעפט קיינעם ניט אויף זיין וועג. ער גייט פאַרביי נעבן פרעזידענטס פּאַלאַץ. דער טויטער ליגט נאָך אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע, אָבער פאר דער צייט האט שוין אימיצער באוויזן אַראָפּצוציען פון אים די שטיוול.

אָשר גייט ארויף אויף די טרעפּ. ער קלאַפּט אָן. די בעל־הבית׳טע לאָזט אים אַריין. זי מוסר׳ט אים אויס, פארוואָס ער דערלויבט זיך אין אַזאַ סכנות׳פולער צייט צו גיין אין קאַנטאָר. אין צווייטן צימער האבן זיך פארזאַמלט אירע קרובים, וועלכע וווינען אין זעלבן הויז.

— אָט איז זעלווער ! — רופט אויס דער בעל־הבית און אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צו אים.

אָשר גייט גלייך צו צום ראַדיאָ און שטעלט אָן אויף קאָווגע. מען הערט וועגן דער ניי־געשאַפענער ליטווישער רעגירונג, וועגן די העלדנטאַטן און נצחונות פון די „פּאַרטיזאַנער“. צום סוף ווערט איבערגעגעבן פאָלגנדע מעלדונג: פאר יעדן דערהרג׳עטן דורך יידן דייטשן סאָלדאט, וועט מען זאָפאָרט דערשיסן 100 יידן.

— בעל הבית ! — שרייט אויס אָשר — איר הערט וואָס זיי מעלדן ? דאָס זוכן זיי אַן אויסרייד אָנצוהויבן פּאָגראָמען אויף יידן. איר

האָט שוין אַמאָל מיר געפּאָלגט און צוגעמאַכט אייערע שווערע, מאַסיווע טירן מיט אייזערנע שטאַבן. פאָלגט מיר אויך איצט, פאַרשליסט אַלע טירן און אליין וועלן מיר אריבערגיין אין פינפטן צימער. ברעכן אַזעלכע פינף טירן, גלויב איך, וועלן זיי ביי דעם מאָמענט קיין געדולד ניט האבן.

— איר זענט אַ שוואַרצזעער! — רופט אוים איינער פון די שטוביקע צו אָשר'ן, — איר זענט דאך געווען זיכער, אַז מאַנטיק וועלן די דייטשן שוין זיין אין קאָוונע, הייגט איז שוין דינסטיק און זיי זיינען נאך ניטאָ. מען קען גארניט ווינסן. מעגלעך, אַז פאר דער צייט האבן זיי שוין געכאַפּט אַ מפּלה.

— וואָס דארפט איר זיך אַמפּערן? — מישט זיך אַריין דער בעל־הבית, — וואָס שאַדט עס, אַז די טירן וועלן זיין פארמאַכט און מיר אַלע וועלן זיך געפינען אין לעצטן צימער?

אָשר העלפט דעם בעל־הבית פאַרריגלען די טירן. שפּעטער פרעגט ער אָשר'ן:

— וואָס איז געווען דער שכל צו לויפן אין קאַנטאָר? איר האָט דאך געשטעלט אין סכנה דאָס לעבן.

— אַז אייער פרוי האָט זיך פאַרעקשנט און ניט געלאָזט מיך רעדן דורכן טעלעפאָן מיט דעם קראַנקנהויז. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט אין אַזאַ געפערלעכער צייט מורא, איך זאָל רעדן פון איר הויז מיט אַ קריסטלעכן אַנשטאַלט. עס האבן ניט געהאָלפן מיינע טענות. זי האָט פשוט געבעטן רחמנות האבן אויף איר. מיט מיין קראַנקן ברודער האָב איך דאך געמוזט רעדן. בין איך אַוועק אין קאַנטאָר.

— אַך די ווייבער! אין אַלע גאַרישקייטן גלויבן זיי און וואו עפּעס וויכטיקעס — גיבן זיי אַ מאַך מיט דער האַנט.

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, דער אַלטער, און דאַן זאָגט ער שטיל צו אָשר'ן:

— זעלווער! די לאַגע איז גאַנץ ערנסט, מיר מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק...

שפּעטער זיינען זיי אריבערגעגאַנגען אין לעצטן צימער. אָשר האָט

פרייער אָפּגעטאָטעמט ווי ער וואָלט פארענדיקט אַ שווערע ארבעט. די פארזאמלטע זיינען געזעסן פארטראכט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, עס האָט אויסגעזען, אַז יעדער פון זיי שפירט די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט. געוויס האט דערצו מיטגעווירקט די לעצטע מעלדונג פון ראַדיאָ, אַז די דייטשע אַרמיי מאַרשירט אין די פאָרשטעט פון קאָוונע. אַלע זיינען געזעסן טרויעריקע, דערשלאָגענע און געפילט, אַז זיי שטייען פאר גאָר גרויסע געשעענישן. נור דאס איין יעריקע קינד, וואָס איז מיטגעבראכט געוואָרן דורך איינעם פון די קרובים, האט קיין זאך ניט געשפירט. עס איז געלעגן אין וועגעלע און לוסטיק זיך געשפּילט...

פלוצלינג האט אַ שטאַרקער קלונג איבערגעריסן אַלעמענס געדאנקען.

— איך וועל גיין אַ קוק טאָן, ווער איז דארט, — האט געזאָגט די אַלטע און זיך אויפגעשטעלט.

— ניין! — שרייט אויס אָשר, — ניין, איר זאלט ניט גיין! מען דארף זיך ניט אָפּרופן...

— פאַרוואָס ניט? — פרעגט די אַלטע פאַרווונדערט.

— אַדרבה, מען דארף פרעגן, ווער קלינגט דארט, אפשר האט אַ שכן געבראכט אַ גוטע בשורה, רופט זיך אָפּ איינער פון די קרובים.

עס הויבט זיך אָן אַ שטאַרקע אַמפּעריי. דער אַלטער, וועלכער שטעלט זיך צוערשט אויף אָשר'ס צד, לאזט זיך צום סוף באווירקן. די טירן ווערן אויפגעריגלט. דערווייל קלינגט דאָס גלעקל אָן אויפהער...

— ווער איז דארט? —פרעגט די אלטע מיט אַ ציטערדיקער שטים.

— איך, מאַריאַ, אייער דינסט, — קומט אַ תשובה פון יענער זייט טיר.

— דו?... איצט... צו וואָס?... פרעגט די אלטע מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— משוגע זייט איר! — ענטפערט די זעלבע שטימע. צוואָס האט איר זיך פארריגלט? פאר וועמען האט איר מורא? איר זייט דאך גישט קיין קאָמוניסטן... זאלן מורא האבן די קאָמוניסטן... עס איז ווידער געשאַפן געוואָרן אונדזער ליטווישע רעגירונג... סמעטאנא דער

פרעזידענט האָט זיך צוריקגעקערט... מען האָט ארויסגעיאָגט פון לי־טע די קאָמוניסטן! פרייט זיך אַלע, אַנדערע דאַרפן מורא האָבן, זאָלן זיי מורא האָבן. פאַר אייך וועט עדות זאָגן דער גאַנצער הויף איינוווינער און איך די ערשטע...

די דינסט האָלט אין איין שרייען און אינעווייניק קומט פאַר אַ געפּילדער. אָשר זעלווער מיטן אַלטן שרייען, מען זאָל זי נישט אריינ־לאָזן און די אַלטע מיט די קרובים טענה'ן, אַז מען דאַרף זי יאָ אריינ־לאָזן, מען דאַרף איצט מיט איר זיך נישט אייַנרייסן.

דער אַלטער ווערט פאַרשריען:

— דאָס קינד וויינט, מען דאַרף אויפקאָכן טיי! — שרייט זיינס אַ פּלימעניצע.

— זעלווער איז אַ שרעקעוודיקער האָז, — שרייט אַ צווייטע.

די אַלטע ווענדעט זיך צו אָשר'ן:

— איר ווייסט אליין נישט וואָס איר ווילט! פאַר אַ ווילע זייט איר געגאַנגען אין קאָנטאָר און איינגעשטעלט דאָס לעבן. און איצט ציטערט אויף אייך די הויט. בארואיקט זיך, זעלווער, פאַר דער דינסט האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן...

אָשר זעט, אַז ער האָט פאַרשפּילט. קיינער הערט אים נישט. ער וויל רעדן, אויפקלערן, איבערציייגן, אָבער דער טומל ווערט גרויס... דאָס קינד וויינט און פון יענער זייט טיר ליאַרעמט נאָך אַלץ די דינסט. וועגן דער אומזיסטער שרעק... די טיר ווערט געעפנט. די דינסט רייסט זיך אַריין און זידלט אויס די אַלטע. גלייך מאַכט זי דעם סאַמאָ־וואַר. אַ ביסל שפּעטער זעצט זיך דער עולם טרינקען טיי. די פּנימער ווערן פריילעכער, עס פאַרשווינדט די פריערדיקע פאַרצווייפלונג. נאָר איין אָשר זיצט טרויעריק. זיינע געדאַנקען לויפן שנעל פון איין פּלאַן צום צווייטן... אפשר לויפן אין קאָנטאָר? אפשר וועט אים געלינגען זיך דאָרט צו פאַרשטעקן?... ניין, ס'איז שפּעט, איך האָב פאַר־שפּעטיקט, געווים איז לעבנס־געפערלעך אַראָפּצוגיין אין גאַס, נישטאָ קיין עצה. ער גייט אריין אין זיין צימער, פאַרשליסט די טיר און נעמט אַרויס דעם שליסל. ער באַוויזט זיך נאָך נישט אָוועקצוזעצן, ווי אין די

איבעריקע צימערן ווערט אַ טומל. ער הערט גוישע שטימען... באַ-
פעלן, דראָאונגען און צום סוף הערט ער דייטלעך: „אַלע יידן מוזן זיך
צוזאַמענקלייבן אויף „ראַטושע פּלאַץ"...

— מען דאַרף מיט זיך מיטנעמען די דאָקומענטן?

— שנעלער! מאַרש!

אַשר נעמט שנעל אַראָפּ דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, דרייט נום. 91.

— אינפאָרמאַציע? ביטע דעם נומער פון שטאָט-קאָמיסאַר. דער קאָמי-
סאַר האָט נאָך קיין נומער נישט?... יאָ, יאָ, פאַרבינדעט... ה' קאָ-
מיסאַר! (מען קלאַפּט אין אַשר'ס טיר) ה' קאָמיסאַר, איז דאָ אַ באַ-
פעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך צוזאַמענקלייבן אויף ראַטושע פּלאַץ?...

דער בעל-הבית קלאַפּט: — זעלווער לאָזט אַריין! איר דאַרפט קיין
מורא ניט האָבן, מען דאַרף גיין אויף ראַטושע פּלאַץ ווייזן די דאָקו-
מענטן, דאָרטן וועט מען אויספאָרשן, די נישט קאָמוניסטן וועט מען
גלייך...

— ניין, עס איז נישטאָ אַזאַ באַפעל! — הערט אַשר דורכן טע-
לעפאָן אַ תשובה.

— אָבער אָהער זיינען געקומען עפּעס באַוואָפנטע מענער! שרייט
אַשר אַריין אין טעלעפאָן: — זיי ברעכן מיין טיר... ה' קאָמיסאַר!...

מען האָט איבערגעריסן די פאַרבינדונג, צי דער קאָמיסאַר אַליין האָט
איבערגעריסן דעם געשפּרעך, האָט אַשר נישט געוווּסט. די טיר האָט
געקרעכצט פון די קלעפּ (די טיר פון זיין צימער איז געווען אַ דינע)
און איידער זעלווער באַוויזט אָוועקצולייגן דאָס טרייבל, ווערט אויפגע-
בראָכן די טיר מיט אַ שטורעם. פיר „פּאַרטיזאַנער" מיט ביקסן אין
די הענט רייסן זיך אריין אין צימער. זייערע פּנימער זיינען פול מיט
רציחה, די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט. אַשר וואַרפט אַ בליק צום אָפע-
נעם פענצטער. ער איז גרייט צו ריזיקירן און שפּרינגען פון צווייטן
שטאָק, אָבער די אויסגעשטעלטע צו אים ביקסן מאַכן אים קלאָר, אַז עס
דראָט אים אַ זיכערער טויט. מאָמענטאַל באַהערשט ער זיך און מיט
אויסערלעכער רואיקייט בלייבט ער שטיין אומבאַוועגלעך.

— פאַרוואָס האָסטו אונדז נישט אַריינגעלאָזט אין צימער? —



קאָוונע, יעזואיטן־גימנאַזיע (רעכטס), נעבן ראַטושע־פּלאַץ. זאַמל־פּונקט
פון די אַרעסטירטע יידן אין די ערשטע מלחמה־טעג.

צ. ה. ק.

פרעגט איינער פון די פּאַרטיזאַנער, האַלטנדיק אויסגעשטעלט די ביקס קעגן אָשר'ן. און איידער אָשר באַוויזט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, באַקומט ער מיט דער שווערער ביקס אַ זעץ איבערן רוקן.

— מיט וועמען האַסטו גערעדט טעלעפאָניש? — פאַלט אַ פראַגע פון אַ צווייטן און אַ דריטער איז מוסיף: — זאָג, זשיד, דעם אמת, ווען נישט וועל איך דיר אַרויסרייסן דיין צונג.

אָשר שטרענגט זיך אָן, אַז זיין שטימע זאָל נישט ציטערן פון אויפרעגונג:

— איך האָב גערעדט מיטן קאָמיסאַר, ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין באַפעל, אַז אַלע ייִדן זאָלן זיך זאַמלען אויף ראַטושע פּלאַץ...

— צוויי מאַן זאָלן בלייבן באַוואַכן אָט דעם פויגל! און איך מיט נאָך איינעם וועלן גיין צוזאַמענגעמען די איבעריקע זשי־דעם פון דעם הויף! באַפעלט איינער פון די פיר, וואָס ווייזט אויס, זייער עלטסטער. פאַרן אַרויסגיין זאָגט ער צו די צוויי, וועלכע בלייבן איבער, אַז אויב דער זשיד וועט פּרוּוון לויפן, זאָלן זיי אים גלייך דערשיסן ווי אַ הונט.

אָשר לייגט אַריין אויטאָמאַטיש אין זיין פּאָרטפעל אַ ברויט. „וועד ווייס וואו עס וועט נאָך אויסקומען זיך צו וואַלגערן?" טראַכט ער ביי זיך און ציט אַרויף זיין ווינטער־מאַנטל. ביידע פּאַרטיזאַנער לאָזן פון אים ניט אַראָפּ די בייזע היה'שע אויגן. יעדן ריר זיינעם פאָלגן זיי נאָך מיט זייערע בליקן.

— מאַרש!

צוויי ביקסן באַגלייטן אַרויס אָשר'ן פון זיין צימער...

ביי דער טיר אויף דער גאַס שטייען שוין אַלע ייִדישע איינוווינער פון דעם הויף.

פרויען האַלטן די קלענערע קינדער אויף די הענט. אַלעמענס פּנים'ער זיינען טויט־בלאַס און דערשראָקן. אין די הענט האַלטן זיי פּעסט זייערע דאָקומענטן, מיט וועלכע זיי האָפן זיך צו רעהאַביליטירן.

אַנדערע פּרוּוון באַרואיקן:

— מען וועט ווייזן די דאָקומענטן און מען וועט גיין אַהיים. —
אָבער אַן אינסטינקטיווע מורא שפּירט זיך אין זייערע ווערטער און
דאָס באַאומרואיקט נאָך מער דעם עולם.

אָשר זעט קלאָר זיין מצב. זיין מוח אַרבעט אַן אויפהער. איין
פּלאַן יאָגט דעם אַנדערן. אַן אינערלעכע שטימע שרייט אין אים: לויף,
לויף!... אָבער וווהין? ער דרייט אויס דעם קאָפּ, וויל זיך אַרומקוקן,
באַטראַכטן... גלייך קריגט ער אַ קלאַפּ אין קאָפּ מיט דער ביקס. אַ
ווילע ווערט אים פינצטער אין די אויגן. פון גאָר נאָענט הערט ער אַ
שטימע:

— צו וואָס רייסט איר זיך, זעלוויער, מיט די יונגים? איר וועט
ערגער מאַכן מיט ביידן, פאָלגט וואָס זיי זאָגן אייך!

אָשר'ן דוכט זיך, אַז דאָס איז די שטימע פון זיין בעל־הבית'טע.
ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרזינקט אין געדאַנקען:

— אפשר גאָר אַנטלויפן פון דער ביקס אין דעם לעצטן מאָמענט?
וואַרטן?... עס קען שפּעט זיין!... לויף, לויף!... שרייט אין אים
ווייטער אַ באַפעלערישע שטימע.

ער הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיט פאַראַכטונג אויף די פּאַר־
טיזאַנער, וועלכע שטייען פון ביידע זייטן. זיי וואָרנען אים ער זאָל נישט
דרייען מיטן קאָפּ, אויב ער וויל נישט דערשאָסן ווערן...

אַ שייגעץ פון אַ יאָר 14 לויפט אַרויס פון הויף. באַלד נאָך אים
פירט אַ פּאַרטיזאַנער אַ ייד אין מיטעלע יאָרן, וועמען דער הויז־וועכטער
האָט געפונען אַ באַהאַלטענעם אין קעלער.

— מאַרש! — הערט זיך אַ באַפעל און די מאַסע רירט זיך פון
אָרט.

איבער 50 מענטשן ווערן געהיט פון פיר פּאַרטיזאַנער און דעם
שייגעצל. צוויי מיט די ביקסן אין די הענט גייען נעבן אָשר'ן.

מען גייט פאַרביי די ערשטע קווער־גאַס. די גאַס איז אינגאַנצן
ליידיק. קיין שום באַוועגונג.

— נישט גוט! — טראַכט אָשר, — דאָ איז אוממעגלעך צו פאַר־
שווינדן. דער עולם באַוועגט זיך לאַנגזאַם, דאַ הערט זיך אַ קרעכץ פון אַ
פרוי, דאָרט אַ געוויין פון אַ קינד...



קאָוונער יידן ווערן געפירט דורך ליטווישע „פּאַרטיזאַנער" איבער פּוטווינסקיאָ גאַס

צ. ה. ק.

פלוצלונג, ווי פון דער ערד וואַקסט אויס אַ צווייטע גרופּע „פּאַר־טיזאַנער". זיי שטעלן זיך אָפּ, איינער משמעות זייער עלטסטער שטעלט אָפּ דעם עולם און האַלט אַזאַ רעדע:

— איר, זשידעס, הינט, איר האָט אונדזער בלוט יאָרנלאַנג גע־זויגן. איצט מיינט איר, וועט איר שטאַרבן מיט אַ לייכטן טויט פון אַ קויל? ניין, דאָס וועט אייך ניט געלינגען! מיר וועלן אייך אָדערווייז שניידן, קיין איינער פון אייער הינטיש־פאָלק וועט אונדזער גרויזאַמע נקמה ניט אויסמיידן.

— ניט אַכטונג אויף זיי! — באַפעלט ער די פּאַרטיזאַנער, וועלכע פירן די יידן. — יודאַ! — שרייט ער אויס און הויבט אויף אַ פּאַר־ביילטן פויסט.

ער גייט מיט זיינע לייט אַוועק. דער עולם רירט זיך ווייטער. מען וויינט, מען קלאָגט, די ווייבער יאָמערן, די קינדער שרייען און דאָס אַלץ ווערט פאַרשלונגען אין דער ברענענדיקער לופט.

די זון שיינט מיט איר פולער פּראַכט. די מויערן אויף ווילנער גאַס באָדן זיך אין אירע שטראַלן, ווי זיי וואָלטן זיך געריייצט מיט די אומגליקלעכע:

— איר האָט דורות־לאַנג ווי מוראַשקעס געאַרבעט, אייערע פּע־איקייטן און ענערגיע האָט איר אַוועקגעגעבן בכדי מיר זאָלן באַשיינען די גאַסן פון אייערע מערדער.

... כאַ, כאַ, כאַ... באַלד וועלן די מערדער זיצן אין אייערע וואַרעמע הייזער אין שטאָט און שטעטל, אויסגעפּוצטע אין אייערע שבת'דיקע און יום־טוב'דיקע קליידער ביי פלעשער אַלטן וויין, וואָס איר האָט אָנגעגרייט צו בר־מצוה'ס און חתונות פון אייערע קינדער, און יובלען איבער אייער הינטישן טויט. אַרויסגעוואָרפן וועט איר זיין אויף מיסט־קאַסטנס, ווו הזירים וועלן נישטערן...

לאַנג איז נאָך אָשר געגאַנגען דעם טויט־גאַנג וואָרפנדיק זיין בליק צו יעדער קוואָר־גאַס, ניט קענענדיק זיך אָנמשלימן צו לויפן.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געוויש פונדערווייטנס. וואָס ווייטער ווערט דער טומל שטאַרקער. צום סוף איז געוואָרן קלאָר, אַז דייטשן מאַרשירן אַריין אין קאָוונע.

טויזנטער זייגען זיי געפאַרן אויף וועלאָסיפּעדן. אַ חוזק־שמייכל האָבן ארויסגערופן אויף זייערע ליפּן די עטלעכע צענדליק דערשראָקענע אומגליקלעכע און פאַריאושטע יידן, וועלכע זיינען געטריבן געוואָרן.

פאַר אָשר׳ס אויגן שוועבט אַ געדיכטער נעפּל. ער זעט מער קיין זאַך ניט. עס ווערט אים שרעקלעך הייס...

מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער ביז מען קומט צום „ראַטושע פּלאַץ״. די נאָענטסטע קוואַר־גאַס איז דיין לעצטע האָפענונג זיך צו ראַטעווען, — קלאַפּט אים ווי מיט אַ האַמער, אַ געדאַנק אין קאָפּ. ער פאַרגעסט אַלעמען: די פּאַרטיזאַנער, וועלכע טרעטן פון אים ניט אָפּ, דאָס מיליטער, וואָס מאַרשירט און פאַרפולט די גאַסן. פאַר זיינע אויגן זעט ער נור אַ פינטעלע וואָס לאָקט און ציט אים און דאָס פינטעלע איז — אַ קוואַר־גאַס, וועלכע איז שוין גאַר נאָענט... אָט באַלד... אָבער פּלוצלונג: האַלט! דער עולם בלייבט אויטאָמאַטיש שטיין. פון צווייטן טראַטואַר הערט אָשר באַפעלן. ער זעט האַרט דייטשן. ס׳בליצט אויף אַ פּאַטאָ־אַפּאַראַט...

די צוויי פּאַרטיזאַנער, וועלכע שטייען פון אָשר׳ס ביידע זייטן, שטעלן זיך אין אַ פּאָזע בכדי ארויסצוקומען וואָס אימפּאָזאַנטער אויפן בילד.

אָשר נוצט אויס דעם מאָמענט. ער דרייט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן. די זון באַקט אומ׳רחמנות׳דיק, די שטראַלן שטעכן ווי מיט שפּיזן זיינע אויגן, אָבער ער שפּירט עס כמעט ניט. ווי ראַטעוועט מען זיך? עגבערט אים אין מח, אָן אויפהער, דער זעלבער געדאַנק.

פּלוצלונג פאַלט זיין בליק אויף אַ שוי־פענצטער נעבן אים. אַ פּוס־טער צימער! ווייזט אויס, געווען דאָרט אַ קליינע קראָם, וואָס איז אין די באָלשעוויסטישע צייטן ליקווידירט געוואָרן. עס שטייען נאָך אינעווי־ניק אַ געוועלב־טיש און אַ פּאָליצע. מער איז דאָרט קיין זאַך נישט פאַראַן. מיטאַמאָל זיינען אָשר׳ס אויגן ליכטיק געוואָרן. ער ווערט אינ־גאַנצן ווי עלעקטריזירט. ער האָט קלאָר און דייטלעך געזען אינעווייניק אַ טיר, וועלכע פאַרבינדט געוויס די קראָם מיט אַ וווינונג...

אייניקע סעקונדן האָט געדויערט זיין גאַנצע באַטראַכטונג. מאָ־

מענטשאַל באשליסט ער, אז איצט איז געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט זיך צו ראַטעווען. פון דער נשמה־טיפעניש ברעכט אויס אַ פלאַם, וועל־כער פארכאַפּט זיין גאַנצן וועזן און שמידט אוים אין אים ענערגיע, אַנטשלאָסנקייט און ריזיקן כח... דאס האבן זיך צעפלאַקערט אין אַ העליש פייער די פונקן, וועלכע ער האט געירשנט פון זיינע אבות.

... נור אין קאמף איז ער גרייט צו שטארבן... נקמה פון די גוים־מערדער פאר זיין פריצייטיקן טויט וועט ער נעמען!

אַך, ווען ער וואָלט געהאט געוואוסט!... ער וואָלט מיט עטלעכע שאָסן אַוועקגעלייגט די בלוטגיריקע חיות, וואָס לויערן דאָ אויפן לעבן פון די אומשולדיקע מענטשן, פון די פיצלעך קינדער, וואָס פארגייען זיך אין אַ ביטער געוויין... אַלץ שמייכלט ארום אים, אלץ איז אָנגע־גאָסן מיט ליכט... שויבן קראַכן...

פלוצלונג האט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. ביידע פאר־טיזאַנער, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבן אָשר'ן, זיינען אַוועקגעשליידערט געוואָרן אין די זייטן. עס הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ און גלאָז פון אַ צובראָכענעם שוי־פענצטער צושפּרינגט זיך אין אלע זייטן... דאס האט אָשר זעלווער, מיט זיין גאַנצער קראַפט אַוועקגעשטויסן ביידע פּאַרטיזאַנער און ווי אַ שטורעם זיך דורכגעריסן דורכן שוי־פענצטער. איידער דער עולם האט באַגריפן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט און איידער די פּאַרטיזאַנער זיינען געקומען צו זיך פון איבערראַשונג, איז שוין אָשר געווען אין קראָם. ווי פארשטיינערט בלייבט ער שטיין אויף זיין אָרט: ער זעט, אַז קיין אינעווייניקסטע טיר איז ניטאָ. די נאַטור האט אים גרויזאַם אָפּגענאַרט. די זון־שטראַלן זיינען זיינע מערדער. זיי זיינען גע־פאַלן אויף דער פּאָליצע און געוואָרפן אַ שיין אויף דער וואַנט און אים האט זיך געדוכט פון דרויסן, אַז עס איז אַ טיר... און אפשר דער ווילן, די קראַנקע פאַנטאַזיע, די פארצווייפלונג אָדער דאס אלץ צוזאַמען האט אָשר'ן געמאַכט קורצזיכטיק. אַ סעקונדע, און אפשר דאס אויך ניט, איז ער געשטאַנען אין זיין פארגליווערטקייט. ער האט זיך אַ פארצווייַ־פלטער געוואָרפן מיט די פויסטן צו דער וואַנט. ביי דעם אומגליקלעכן האט זיך נאך געפונען אַ שטראַל האָפענונג: אפשר איז די וואַנט פון

ברעטער ? אפשר וועט ער דורכברעכן די וואַנט און ראַטעווען זיין לעבן ? אָבער ליידער זיינע פויסטן זיינען געפאַלן אויף אַ געמויערטער וואַנט, וועלכע האָט ווי מיט חוזק אַראָפּגעקוקט אויף זיינע פאַרצווייפלטע צאַפּלעניש. נאָך איין פינצטערן בליק וואַרפט אָשר ארום זיך :

פיר מויער־ווענט, אַ טיר און אַ פענצטער, דורך וועלכן ער איז געשפּרונגען. ביידע ארויסגענג ווערן געהיט דורך די פאַרטיזאַנער...

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט גיט אַ רוק אָשר דעם געוועלב־טיש צום פענצטער און אַהין, אין ווינקל וואַרפט ער זיך אנידער אויפן דיל.

און תיכף הויבן אָן פליען קוילן, איינע נאָך דער אַנדערער דורך דער אויסגעבראָכענער שויב איבער זיין קאָפּ און זיי שניידן זיך אריין אין די ווענט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן די פאַרטיזאַנער אָנגעהויבן ברעכן די טיר און מיט שטורעם זי אויפגעריסן...

— גייט אריין אינעווייניק ! — הערט אָשר אַ באַפעל פון דרויסן.

— דער טייוול מוז האָבן געווער ! — ענטפערן די פאַרטיזאַנער, גיט אָפּשטעלנדיק די שיסעריי.

ביסלעכווייז ווערן זיי דרייסטער, לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק רוקן זיי זיך פאָרויס. זיי דערזעען ווי אָשר ליגט פאַרשטעקט אונטערן געוועלב־טיש און זיי שיסן דירעקט אויף אים. קוילן פליען פון אַלע זייטן. ער פאַרלירט די האָפענונג זיך צו ראַטעווען. ער איז פאַרלוירן...

פּלוצלינג גיט אָשר אַ שרעקלעכן געשריי און גורעט זיך איין אין דער פאָדלאָגע.

— פאַרטיק ! — רופט אויס דער עלטסטער מיט אַ טאָן פון אומגעדולד. עס איז אים ניט געווען אָנגענעם, אַזוי לאַנג זיך צו פאַרנעמען מיט איין ייִד, ווען עס וואַרטן פיל הונדערטער...

— מאַרש ! הערט זיך אַ באַפעל און גלייך נאָכדעם אַ קלאַנגעריי און יאָמעריי.

— ווי איז צו אונדז ! מען פירט אונדז אַלע שיסן...

— מאַרש ! — הערט זיך אַ צווייטער באַפעל.

די געשרייען און געוויין הויבן זיך אָן דערווייטערן...

אָשר הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אום אין אלע זייטן.

— דוכט זיך, אז איך לעב — רעדט ער ווי צו זיך. ער פּרוּווט באַוועגן די הענט מיט די פיס. אלץ איז אין אָרדנונג. — זיין פּנים איז פייכט, ער פירט אריבער מיט דער האנט — בלוט! אַך, גארנישט, דאס איז דאך פון גלאז...

פון ווייטן הערט זיך נאך אַ שטילער געוויין. דאס ווינטל ברענגט צו אָשר'ס אויערן אָפּגעריסענע געשרייען און ווערטער: זעלווערן האט מען... איצט פירט מען אונדז שיסן...

ס'ווערן אלץ שוואַכער און דומפּיקער די געשרייען. ווייטע קלאַנגען, וועלכע ווערן באלד פארשטומט.

אָשר גיט זיך אַ שטעל אויף, נעמט זיין פּאַרטפעל אבער גלייך קומט אים אויף אַ געדאנק: — וווהין זאל איך גיין? די גאסן זיינען געווים פול מיט מערדער, וועלכע כאַפּן יידן. ער בלייבט שטיין פאַר־טראַכט; וואָס זאל ער ווייטער טאָן? נאָר איינמאָל פּאסירט אַזאַ נס. אָבער בלייבן דאָ הייסט אומקומען.

ניט לאנג איז אויסגעקומען אָשר'ן זיך צו איבערלייגן. די געשעע־ענישן זיינען געפלויגן ווי אין אַ פילם.

אָשר האט ניט געקענט וויסן, וואָס פאר אַ רושם זיין שפּרינגען דורכן פענצטער און די שיסעריי האבן געמאכט אין גאס. די גאסן זיינען שוין געווען פול מיט קריסטן, וועלכע האבן מיט פרייד און באַ־גייסטערונג זיך צוגעקוקט, ווי דייטשן מאַרשירן, ווי די פאַרטיזאנער פירן יידן צום שיסן און דאָ פלוצלינג, אין צענטער — אַזאַ בילד...

וואָלט עם אָשר אויסגערעכנט, וואָלט ער געווים געבליבן ליגן אויפן דיל כלומרשט אַ טויטער ביז אָוונט און ניט געשטאַנען נעבן דער טיר.

פלוצלינג ווערט אָשר אויפגעציטערט. ער הערט גאַנץ נעבן זיך אַ שטימע:

— איר ווייט, דאָ ניט לאַנג האט אַ פאַרפלוכטער ייד...

שלעכט! אַ פאַרטיזאנער האט אים באַמערקט.

— ער לעבט! קומט אַהער! — שרייט דער פּאַרטיזאַנער צו זיי־
נע חברים מיט אַ שרעקלעכן קוויטש, וואָס קלינגט אין אָשר'ס אויערן
ווי אַן אָנזאָג אויף טויט.

— צוויי ביים פענצטער, דריי אינעווייניק! — הערט זיך אַ
באַפעל.

דריי פּאַרטיזאַנער גייען אריין מיט ביקסן אין די הענט. ביי אָשר'ן
שווינדלט דער קאָפּ. ער פּרוּווט צו זיי רעדן:

— וואָס האב איך אייך געטאָן אַז איר גייט צונעמען מיין לעבן?

— ווייל דו ביסט אַ פאַרשאָלטענער זשיד, דאַרפסטו ניט לעבן!
— ענטפערט איינער פון די דריי.

— וואָס גייט איר מיט אים אריין אין דיסקוסיעס? דערשיסט
אים, דעם הונט און פאַרטיק! — הערט זיך פון דרויסן אַ שטימע.

ניט האָבנדיק קיין אנדער ברירה, פּרוּווט אָשר זיך צו ראַטעווען
אויף דעם זעלבן וועג ווי דאָס ערשטע מאָל.

דריי ביקסן שיסן אויס. מיט אויסערגעוויינלעכער פלינקייט און
מיט אַ שווינדלעכן געשריי פאַלט אָשר אויף דער פּאָדלאָגע מיטן פּנים
צו די מערדער. אַ טעמפּער וויטאַק נעמט אים דורך. זיין קערפּער איז
ווי געליימט געוואָרן. ער בלייבט ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. דער
קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט. ער, אָשר, שפּירט נאָך אָנגעשטרענגט
דורך די האַלב פאַרמאַכטע אויגן איטלעכע באַוועגונג פון די „פּאַרטי־
זאַנער".

— פאַרטיק! — רופט אויס איינער.

— מיר דוכט זיך, אַז ער לעבט נאָך, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער.

די צוויי „פאַרטיזאַנער", וועלכע זיינען געבליבן הינטן דעם פענצ־
טער, גייען אריין אינעווייניק. זיי לאַכן זיך פאַנאַנדער: — איר זייט די
אמתע שיסער! מיט דריי קוילן ניט פאַרטיק צו מאַכן, דאָס איז שוין
אַ קונץ. מיר האָבן ווייניק קוילן און מען דאַרף זיי אומזיסט ניט אויס־
ברייִנגען.

— איר זעט דאָך, אַז ער איז טויט! — רופט זיך אָפּ איינער פון
די דריי. קענטיק ער פילט זיך געטראָפן, גיט ער אָשר'ן אַ בריק מיטן

שטיוול. אָשר'ן ווערט פינצטער אין די אויגן. אַ שניידיקער ווייטאַק גענעמט אים דורך, ער דערשטיקט אין זיך דעם געשריי, וואָס האָט גע־שפּאַרט פון האַלדז און האַלט איין דעם אָטעם.

— מיר דוכט זיך, אַז ער לעבט נאָך! — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער און ציט אַרויס אַ רעוואָלווער. אָשר ליגט אַ פאַרצווייפלטער און טראַכט:

— אָט לעב איך. איך הער, איך פיל, איך באַנעם, איך פאַרשטיי. און אָט פאַרשווינדט פּלוצלינג אַלץ אין מיר ווי קיינמאָל ניט געווען. שווידערלעך! מען וויל ביי מיר דאָס לעבן אַוועקרויבן און איך האָב ניט קיין געווער, איך קען זיך ניט ראַנגלען.

מיט האַלב אָפענע אויגן קוקט ער מיט שרעק אויף דעם צו אים אויסגעשטעלטן רעוואָלווער. זיין שרעק ווערט מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין נייגיר ווי אַזוי פאַרשווינדט דער „איך" פונם פינטעלע מענטש. אַ מין משוגעת באַהערשט אים: ס'ווילט זיך אים שפּירן, זען, ווי אַזוי אַ מענטשלעכע נשמה גייט אויס ווי אַ ליכט און —

דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן. אָשר האָט אויטאָמאַטיש עט־וואָס דעם קאָפּ צוריקגעצויגן.

די קויל איז אַדורך האַרט פאַרביי זיין קאָפּ און עטוואָס פאַר־וווּנדעט דעם אויבערשטן טייל פון לינקן אויער...

— משוגע ביזטו! — שרייט זייער פירער, אומזיסטע קוילן פטר'סטו אויף אַ טויטן זשיד!

— איך וועל אַ קוק טאָן צי ער האָט געלט? — רופט זיך אָפּ איינער.

— געווים האָבן שוין די פריערדיקע פון אים אַלץ צוגענומען, — ענטפערט אים אַ צווייטער.

— נו, גענאַנגען! — קאָמאַנדעוועט דער פירער. זיי פאַרלאָזן דאָס צימער. אָשר הערט, ווי עס דערווייטערן זיך זייערע טריט און שפּירט זיך גליקלעך. ער האָט זיך אַ צווייט מאָל געראַטעוועט.

ליגט אַזוי אָשר און האָט מורא זיך צו רירן. אפשר קוקט ווער? ער שפּירט שרעקלעכע ווייטאָקן. „האָב איך זיך אַזוי שטאַרק צו־

קלאַפּט?" פרעגט ער זיך. מיט גרויסע שוועריקייטן שפּאַרט ער זיך אָן אויף דער רעכטער האנט און וויל דערגיין פאַרוואָס ער קען ניט רירן מיטן אונטערשטן טייל קערפּער. ער באַמערקט אַ גרויסע לאָך אין דער לינקער זייט פון די הויזן. פון דארט שטראמט בלוט.

אָשר ציטערט אויף: — איך בין דורכגעשאסן! וואָס וועט איצט זיין מיט מיר? מורמלט ער אין ווייטאַק און פאַרצווייפלונג. אַך, ווען זיי וואָלטן פאַרענדיקט מיטאַמאָל...

אָנמעכטיק לאזט ער אַראָפּ די הענט. דער ווייטאַק ווערט שטאַר־קער. אָשר פּרוווט פאַרקוועטשן די וווּנד מיט די הענט, דאס בלוט זאל אזוי שטאַרק ניט שטראָמען. אבער ער האט ניט געפילט, אַז דאס בלוט שטראמט אויך פון אַ צווייטער וווּנד...

די מינוטן ציען זיך ווי אַן אייביקייט. ער ליגט אין יסורים אין אַ קאַלוזשע בלוט און האט מורא אַ קרעכץ צו געבן, אַז די גוים זאלן ניט דערהערן און ניט קומען אים אַוועקפּטר'ן איינגאַנצן.

דער קאָפּ איז פריש, ער דענקט לאָגיש: ווער קען אים ראַטעווען? יידן? אין בעסטן פאַל געפינען זיי זיך אין די טורמעס. דער גוי ייד, זיין בלוט־שונא וועט נאך קומען חוזק'ן איבער זיינע ווייטאַקן און הנאה האבן פון זיינע שמערצן.

פאַר אשר'ס אויגן שוועבט פאַרביי זיין קראַנקער ברודער, וועלכער ליגט אין אַ גוישן שפּיטאַל. געוויס צאַפּלט ער זיך אויך, אויב ער לעבט נאָך, אין די הענט פון די מערדער. ווייט־ווייט שוועבט אַ פאַרבלוטיקטע געשטאַלט פון אַ פרוי... מאַמע! — קרעכצט ארויס אָשר און פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן... פּלוצלונג גיט זיך אָשר אַ ריס פון זיין אָרט. עס באַהערשט אים אַ שטורמישער דראַנג חרוב צו מאַכן אַלץ און אַלעמען מיט זיינע לעצטע כוחות אָט ווי שמשון הגבור אין זיין צייט, און מיט זיין טויט כאָטש טיילווייז נקמה נעמען פון זיינע בלוט־פאַרגיסער און פּייניקער...

אָבער אָנמעכטיק פאַלט זיין קאָפּ אויף צוריק און זיינע יסורים ווערן פון אָנשטרענגונג גרעסער.

— איך וועל דאָ שטאַרבן ווי אַ הונט, — מורמלט ער. קיין אויס־וועג איז ניטאָ. מיטאַמאָל דערהערט ער טריט. ער פאַרמאַכט די אויגן און פאַרהאַלט דעם אָטעם. ער הערט צוויי מענער רעדן :

— דאָ איז אַ זשיד היינט פרי דורכגעשפרונגען דורכן שוי־פענצ־טער, ער ליגט דאָ אַ דערשאָסענער.

— ער ליגט נאָך דאָ ? מען דאַרף אים פאַרבייפאַרנדיק מיט דער פור מיטנעמען. אין אַזעלכע היצן איז געפערלעך צו לאָזן ליגן אַ טויטן. קערפּער.

אָשר זעט דורך די האַלב פאַרזשמורעטע אויגן צוויי פאַרשוינען. איינער ציוויל געקליידעט און דער צווייטער — אין פאַרטיזאַנער־בגדים. דער ציוויל־געקליידעטער גייט צו צו אָשר׳ן. אָשר אָטעמט ניט.

— ער טראָגט אַ גוטן מאַנטל !

— נאַרישקייטן ! ענטפערט דער „פאַרטיזאַנער”. ס׳איז דאָך אויס־געשמירט אין בלוט.

— אפשר אים דאָך ארונטערציען ?

— עס וועלן דיר פעלן מאַנטלען ? היינט ביינאַכט וועסטו האָבן מאַנטלען אין די צענדליקער. געלט און גאָלד וועלן אויך נישט פעלן. די זשידעס זיינען געגנוג רייך. אויך זשידוווקעס וועלן מיר זיך אויסקלייבן די שענסטע.

אָשר ליגט און עס הויבט אים פון אָרט. וואָלט ער איצט געהאַט געּ־ווער ! ער וואָלט געקענט נקמה נעמען און רואיק שטאַרבן. ווי אַנגענעם וואָלט אים געווען אַזאַ נקמה איבער די סאַדיסטן. אָשר פאַרשטייט, אַז דאָס איז אַ נאַרישע פאַנטאַזיע פון אַ פאַרצווייפלטן, שטאַרבנדיקן מענטשן . . .

לאַנגזאַם דערווייטערן זיך די טריט פון די מערדער און אָשר בלייבט ווייטער ליגן אַליין. — זיי וועלן מיך נאָך לעבעדיקערהייט באַ־גראָבן, — קרעכצט ער. העלף מיר גאָט !

מיט די לעצטע כוחות גיט ער זיך אַ זעץ אויף. מיט איין האַנט כאַפּט ער זיך אָן געשווינד פאַרן געוועלב־טיש, אבער ער שרייט אויס

פון ווייטאק און פאלט גלייך צוריק. זיין קאָפּ גיט אַ טעמפּן קלאַפּ אין דער פּאָדלאָגע און ער בלייבט ליגן אָן באוווסטזיין...

---

אין דער זעלבער צייט ווען אָשר זעלווער האט פארלארן זיין האָפ־נונג זיך צו ראַטעווען, האבן די פּאַרטיזאַנער געבושעוועט אין שטאָט. זיי פלעגן ארייַנלויפן אין יידישע הייזער און אונטערן אויסרייד, אַז פון דארט האט מען געשאָסן, פלעגן זיי ארויספירן אויפן הויף, מענער, פרויען און קליינע קינדער און אויסשיסן ביז איינעם.

נאך במשך פון אייניקע טעג און נעכט האבן זיך געהערט די יאָ־מערלעכע געוויינען און געשרייען פון יידישע פרויען, קינדער און אַלטע לייט, וועלכע זיינען גרעסטנטייל האלב נאקעט ארויסגעשלעפּט געוואָרן פון די הייזער און צעשלאָגענע, פארבלוטיקטע אָפּגעפירט געוואָרן אין די פארשיידענע פונקטן. פון דארט זיינען זיי איבערטראנספּארטירט געוואָרן אין די טורמעס, וועלכע זיינען געווען איבערגאַנגס־פּונקטן צום 7־טן פארט — די ערשטע פארניכטונגס־שטעלע פון יידן אין קאָוונע. אויף „לייסוועס" (קאָוונער הויפּט־גאַס) זיינען דעמאָנסטראַטיוו דורכ־געפירט געוואָרן גרופּעס יידן פון סלאָבאָדקע, וועלכע זיינען צוזאמענ־גענומען געוואָרן פון די בתי־מדרשים און ישיבות. צווישן די געפירטע האט מען געזען פיל יידן אָנגעטוענע אין טלית און תפילין.

די האזיקע שחיטה־פּראָצעסיעס זיינען באגלייט געוואָרן מיט קלעפּ פון נאַגייקעס און שרעק־שאָסן פון די באגלייטער.

דאס שיסן יידן איז געווען אַ כבוד און אַ פארגעניגן פאר די ליט־ווישע רוצחים.

אין די ערשטע קריגס־טעג איז פארגעקומען אַ באַסקעט־באָל־מאַטש צווישן אַ ליטווישער אויסוואַל־מאַנשאַפט און אַ דייטשער. נאכן מאַטש האט מען די זיגער, די ליטווינער, מכבד געווען מיטן דערשיסן אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק יידן אויפן זיבעטן פארט. ס'זיינען צו־זאמענגעכאַפּט געוואָרן צענדליקער יידן פון דער ארום־יער געגנט און זיינען געבראַכט געוואָרן אין הויף פון אַ גאַראַזש אויף וויטאַוט־פּראָס־

פעקט. דארט זיינען זיי אויף אַ שווידערלעכן אופן פארפייניקט געוואָרן צום טויט. ווי עדי=ראיה פון די דערבייאיקע הייזער האבן איבערגעגעבן, זיינען עטלעכע צענדליק פון די דאזיקע יידן דערהרג'עט געוואָרן דורך לאָפּאַטעס און אויטאָ=רעמאָנט=געצייג. ביי אַ טייל פארפייניקטע האט מען אין די מיילער אריינגעשטופּט די שלויכן, וואָס דינען צום וואַשן די אויטאָס, אריינגעלאזט דורך די שלויכן וואַסער און די קערפערס פון די געפייניקטע זיינען צעזעצט געוואָרן. די עטלעכע לעבן=געבליבענע האבן געמוזט אויסשמירן אין בלוט פון זייערע דערהרג'עטע חברים אַ טוך און טאנצן ארום דער „רויטער פאָן”, ווי די פאַרטיזאַנער האָבן דאס אָנגערופן. צום סוף האבן די מערדער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויפן הרוגים און געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע סאָוויעטישע לידער...

אזוי האט דער ליטווישער גוי אומברחמנותדיק געשלאגן, געממיתט און געשאָכטן יידן, זיינע מיטבירגער במשך פון יארהונדערטער און האבן אונטערגעטראגן אַ מתנה פון יידיש בלוט זייער האַר און מאַיעסטעט דעם דייטשן טיראַן... עס בלייבט נאר אַ רעטעניש, צוליב וואָס איז דערלויבט געוואָרן צו ארבעטן דער יידישער סאַניטאַר=אָפּטיילונג? פארוואונדעטע יידן פלעגן אַוועקגעפירט ווערן אין יידישן קראנקן=הויז „בקור=חולים”, וו עס האט נאך געאַרבעט דער גאנצער יידישער פערסאָנאַל.

דאס האט לגמרי זיך ניט געקלעפּט מיט די אָפיציעלע פּאָגראָמען.

אפשר האט דערמיט דער ליטווינער געוואָלט באווייזן, אַז ער איז „קולטורעל” און ער מארדעט יידן אנדערש ווי אין מיטלאַלטער. און אפשר איז געוועזן דערביי אַן אנדער מיין. ווי עס זאל ניט זיין האבן דאך פיל יידן זיך צייטווייליק געראטעוועט פון טויט, ווי מיר וועלן עס זען אין די ווייטערע קאַפּיטלען.

---

אָשר האט זיך אויפגעכאַפּט, זיינע אויגן האבן געבלאנדזשעט איבערן צימער. ער האט בשום אופן ניט געדענקט ווי אזוי ער קומט אַהער. ער האט געוואָלט זיך אויפשטעלן. דער ווייטאק האט אים מאָמענטאַל

דערמאָנט, וואָס עס האט מיט אים פּאַסירט — אך, ווען איך וואָלט איינ־געשלאָפן אויף אייביק!... זיי קענען צו יעדער מינוט קומען מיטן וואָגן מיך צונעמען... זיי וועלן מיך באַגראָבן אַ לעבעדיקן...

ער האט אויפגעציטערט.

— וואָס זאל איך טאָן? — האט ער געמורמלט אין זיין פאַר־צווייפלונג. ער האט זיך געמיט זיך צו האלטן רואיק און קאלטבלוטיק.

ער שטייט פאַר דער דילעמע: אָדער ליגן און ווארטן ביז זיי וועלן קומען מיטן וואָגן אָדער גלייך רופן נאָך הילף.

ער איז זיכער געווען, אז ער וועט די מערדער פארשאפן פרייד, ווען זיי זאלן קענען אים באַגראָבן אַ לעבעדיקן. קיין רחמנות פון זיי קען ער געוויס ניט דערוואַרטן. אין צווייטן פאל — דער באַלדיקער טויט און... אפשר?... זיינע געדאַנקען האבן אָנגעפאנגען בליץ שנעל אַרבעטן...

אפשר?... אפשר וועט זיין געשריי דערהערן אַ צופעליקער פאַר־בייגייער, ניט קיין אויסגעשפּראָכענער יידן־פיינט?

אפשר וועט יענער מסכים זיין אים צו העלפן? אין וואָס קען זיך אויסדריקן יענעמס הילף, האט אָשר ניט געטראַכט. ער האט אויפגע־כאַפּט דעם קליינעם שטראַל האָפנונג. און געמורמלט צו זיך: דאָך איז דאָס דער בעסערער וועג... ס'איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. זיין פאַנטאַזיע האט זיך צעשפילט. ער איז געווען זיכער, אז ער האט געפונען דעם ריכטיקן אויסגאנג. ער לעגט זיך אָן אויף דער רעכטער האַנט און מיט דער לינקער שטופּט ער אָפּ מיט כוח דעם געוועלב־טיש פון דער וואַנט. גרויסע טראָפּנס שוויים גיסן זיך פון זיין שטערן. דער בלוט־אָפּפלוס און די שמערצן פארשטארקן זיך דורך זיין אָנשטרענגונג. אָבער ער לייגט אויף קיין זאך ניט קיין אַכט. מיט אַ ווילדער עקשנות טוט ער זיין ארבעט און צום סוף געלינגט אים עטוואָס אָפּצורוקן דעם געוועלב־טיש.

ער זעט דורך דער אויפגעבראָכענער טיר אַ קליינעם פּאַס טראָ־טואַר. אָשר איז זייער צופרידן און נעמט זיך אויספירן זיין ווייטער־דיקן פּלאַן: שרייען און בעטן הילף ביי די פאַרבייגייער.

ווען איינער וועט אריינקומען צו אים, וועט ער אים אָנקוקן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. בעטן הילף וועט ער נאָר ביי אַזעלכן, וועלכער וועט אים שיינען צו זיין אַ שטילער מענטש. ווען ניט — וועט ער זיך מאַכן גוססדיק און ער וועט כאָרכלען...

מיט אן אויסערגעוויינלעכער מאָדנער רו איז אָשר געלעגן אַ שעה און אפשר נאָך מער און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף די פאַרבייגייער אויפן טראָטואַר. פיל מאָל האט ער געשריען און גערופן נאָך הילף. אָבער יענע זיינען פאַרביי און האבן זיך אפילו ניט אומגעקוקט...

צום סוף האט אָשר אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין פּלאַן. אַ ווילדער שרעק איז אים פלוצלונג באַפאַלן. ער האט געשפּירט, אַז ער ווערט משוגע. אַ געדאַנק האט אים אָנגעפאַנגען עגבערן דעם מוח, אַז דאָס אַלץ איז נור אַ בייזער חלום. ער וועט זיך נור אויפכאַפּן און דער גאַנצער שווידער וועט פאַרשווינדן.

אָשר האט אָנגעהויבן ווילד שרייען. ער האט שוין ניט געקוקט צי דער פאַרבייגייער איז אַ ציוויליסט. זיינע געשרייען האבן אָפּגעקלונגען אין דעם פוסטן צימער נאָך אימה׳דיקער.

פלוצלונג איז אָשר שטיל געוואָרן: פעסטע טריט האבן זיך דערנענטערט צו דער טיר... אַ מענטש איז אריבערגעטרעטן די שוועל און איז אריין אינעווייניק. אָשר עפנט האַלב די אויגן און פון זיין האַרץ רייסט זיך ארויס קעגן זיין ווילן אַ שטילער קרעכץ.

אָשר האט דערזען פאַר זיך אַ פאַרטיזאַן. אַ טויטע שטילקייט האט געהערשט אין צימער. אָשר איז געלעגן ווי פאַרשטיינערט. ער האט געוואַרט אויף דאָס ערגסטע, ווי עס וואַרט דאָס לעמעלע אויפן לעצטן שפּרונג פון טיגער.

ער האט געוואַרט. קיינע געדאַנקען האבן אים ניט געפּלאָגט. זיין מוח האט אויפגעהערט טראַכטן. געווים איז געווען דערין אַ הויך פון דער אייביקייט, ווען געדאַנקען ווערן צעשמאָלצן ווי זאַלץ אין וואַסער...

זיין נשמה איז געווען האַלב אויסגעלאָשן. ס׳האט זיך אים געדוכט, אַז אַ געהיימע האַנט גלעט זיין פאַרשטאַרטן קערפּער.

עפּעס אומענדלעך ווייטע מרחקים האָבן אים געזונגען אַ טרויעריק ליד אַזוי קלאָר, אַזוי דייטלעך און הערלעך! ...

אָשר וויל אויסשטרעקן זיינע הענט צום אומבאַקאַנטן און אָנט־רונען ווערן אויף שטענדיק אין דער זיסער פאַרגעסנקייט...

אָבער אַ מחיצה שטייט פאַר אים און אים פעלט דער מוט אריבער־צוטרעטן די שוועל.

פון דער צווייטער זייט שטייט אָן אויסגעהונגערטע רויב־חיה, וועלכע מעסט דעם מהלך פאַר איר שפּרונג. זי איז שוין זאַט פון בלוט, אָבער דאָך וועט זי ניט אָפּלאָזן איר רויב. זי וועט ניט זיין באַפרידיקט, כל זמן זי וועט ניט זען דעם לעצטן צאַפּל פון איר קרבן און כל זמן זי וועט זיך ניט אָנזעטיקן מיט זיין וואַרעמען זידנדיקן בלוט...

— אַך, דו זשיד, דו מאַכסט זיך טויט? ניט לאַנג האָסטו דאָך געריטשעט ווי אַ ווילדער אָקס. כאַ—כאַ—כאַ... איך וועל באַלד עפע־נען דיינע אויגן! — הערט אָשר אַ הייזעריקע פאַרשיכורטע שטימע, וועלכע קומט פון דער קאַלטער ווירקלעכקייט און וועקט זיינע חושים און גלידער...

פּלוצלונג גיט אָשר אַ שרעקלעכן געשריי. ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ מיטן שטיוול...

— דו לעבסט? עפן דיינע זשידאַווסקע אויגן! איך וויל זיך מיט דיר אַ ביסל דורכשמועסן און הנאה האָבן, פאַרשאָלטענער זשיד, פון דיינע ווייטאָקן... כאַ—כאַ—כאַ.

דער שכור האָט זיך געהאַלטן פאַרן בויך, ווי ער וואָלט ניט וועלן, אַז ער זאָל אים פּלאַצן פון גרויס געלעכטער.

אָשר רייסט אויף די אויגן, הויבט אויף דעם קאָפּ און וואַרפט אַ בליק פון שנאה און פאַראַכטונג צום פאַרטיזאַן. פון זיין האַלדז רייסט זיך אַרויס קעגן זיין ווילן אַ ווילדער געשריי: „הונט! מערדער! האָב איצט הנאה פון מיינע יסורים, אָבער דער טאָג וועט קומען, ווען מיינע ברידער, וועלכע וועלן בלייבן לעבן, וועלן"...

אָשר בלייבט שטום און פאַרענדיקט ניט. דורך זיין לייב גייט דורך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. עס גיט אים אַ שוידער. דער קאָפּ הויבט

אים אָן צו שווינדלען, דאס הארץ ווערט אים געריסן ווי דורך צוואַנ־
גען און שטיל וויינט אין אים זיין נשמה...

ניין, עס איז ניט ריכטיק. קיינער פון מיינע ברידער, וועלכע וועלן
בלייבן לעבן, וועלן ניט האבן דעם מוט און אויך ניט דעם ווילן נקמה
צו נעמען פאר מיינע יסורים, פאר מיין בלוט...

לאנגזאם לאזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ. זיינע אויגן בלייבן ווי איינגע־
געסן אין פּרצוף פון זיין דם־שונא...

— נו, פּארענדיק — רופט אויס דער פּארטיזאַן מיט אַ טייוולשן
שמייכל, — דיינע ברידער וועלן פון מיר קיין נקמה ניט קענען נעמען,
ווייל קיינער פון זיי וועט פון אונדזער האנט ניט אַוועקגיין קיין לעבע־
דיקער. איינער פריער, אַ צווייטער שפּעטער, אַלע וועלן זיי האבן דיין
סוף! כאַ—כאַ—כאַ!...

מיטאַמאָל האט זיין פּנים זיך פארענדערט. ער האט געשטעלט אַ
טריט נענטער צו אָשר'ן און לאנגזאם אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט,
האט ער אים געזאָגט:

— דו פארשאָלטענער זשיד! דו דערלויבסט זיך נאך מיר צו זיד־
לען? די קאָלוזשע בלוט, אין וועלכער דו ליגסט זאגט עדות, אַז דו וועסט
לאנג ניט לעבן, אָבער...

— מערדער!—שרייט אָשר ווי אַ באַנומענער, שיס מיך אויפן אָרט!
ווען ניט וועל איך דיר ווייטער רופן ביי דיין ריכטיקן נאָמען. פארגאָסן
בלוט וועט ניט רוען, וועט ניט שווייגן. איך ווייס ניט איצט, ווי עס וועט
די נקמה איבער אייך קומען. אבער איך בין זיכער, איך בין פעסט אי־
בערצייגט, אַז זי וועט דאך קומען!...

די לעצטע ווערטער זיינען ארויסגעזאגט געוואָרן דורך אָשר'ן מיט
אַזאַ פעסטער איבערצייגונג, אַז זיי האבן אַ ווילע געווירקט אויפן פּאַר־
טיזאַן. ער איז געבליבן שטיין ווי פּארטראכט, האט באלד ארויסגעכאַפּט
דעם רעוואָלווער, אָבער גלייך אים אריינגעלייגט צוריק אין טאַש.

— ניין, איך וועל דיך ניט פארענדיקן, ב'וויס, אַז דו ווילסט עס.
דו ווילסט באפרייט ווערן פון דיינע ווייטאקן. ליג דא אין דער קאָלוזשע
בלוט, קוק אויף דער גאס, אויף די שפּאַצירנדיקע, שריי וויפל דו ווילסט,

קיינער וועט זיך צו אַ זשיד ניט צורירן. אויף ווידערזען! איך האב מער קיין צייט ניט. איך דארף גיין צו אייערע ווייבער... פאר זיי לאז איך איבער די ווייניקע קוילן, וועלכע זיינען מיר געבליבן. איך זאָג דיר אָבער צו אויף מיין מיליטערישן ערנוואָרט, אַז איך וועל דיך נאך ביינאכט באזוכן. שטאַרב נאך ניט אַוועק דערווייל, ווייל דאַן וועט דאך זיין אומזיסט מיין גאנג.

— הונט, מערדער! — שרייט אָשר און קראַצט פון גרויסער אויפרעקונג מיט זיינע הענט דעם דיל. איך האב ניט קיין מורא פאר דיינע פייניקונגען, אייער ארמיי באשטייט פון מערדער און בלוט־פארגיסער, פונקט ווי דו...

ער האט ניט פארענדיקט, ווייל דער פארטיזאַן איז צו אים צוגעשפרונגען. אַ שווערער קרעכץ האט זיך ארויסגעריסן פון אָשר'ס הארץ און ער איז געבליבן שטיל.

---

עס איז שווער צו זאגן, ווי לאנג איז אָשר געלעגן אַ פארחלשטער. ווען ער האט זיך צום סוף אויפגעכאַפּט, האט ער באמערקט, אַז יענער שטייט נאך אַלץ ניט ווייט פון אים. ער האט ווייטער פארמאכט די אויגן. די שמערצן האבן זיך פארשטארקט און ער האט זיך געפילט זייער שוואַך. זיין קאָפּ אָבער האָט טראַץ דעם געאַרבעט אָן אויפהער און געוועבט געדאנקען וועגן טויט... ער האט באשלאסן ארויסצוברייננגען דעם פארטיזאַן פון זיין געדולד, בכדי ער זאל אים דערשיסן. דאך מאָדנע, אין אָשר'ס אונטערבאוווסטזיין האט געגעסטעט אַ ווילן צום לעבן — ער האט מורא געהאט פאר דעם פארטיזאנס געוואַלד און איז געווען צופרידן, וואָס יענער טשעפּעט אים ניט מער... ער האט זיך געמאכט אַ פאָרוואורף פאר זיין שוואכקייט און ער האט עס אויך צום סוף באזיגט. מיט גרויס אָנשרענגונג האט אָשר קוים ארויסגעשטאמלט:

— קענסט ניט אַוועקגיין פון מיר, מערדער! ווייל ניט דו קענסט מיך שיסן, ניט דו קענסט מיך לאזן לעבן...

— איך בין ניט קיין מערדער. איך האב פארבייגייענדיק געהערט

געשרייען, בין איך אריינגעגאנגען. אין דער מיר האב איך געטראפן א פּאַרטיזאַן. ער האט געווים אין דיר געשאָסן ?

— אַ? — משוכעט זיך אָשר אוים ווי פון שלאָף. ער הערט אַן אנדער קול. איז עם אַ חלום ? ער רייסט אויף די אויגן און פארוואונדערט קוקט ער זיך אַרום.

פאַר אים שטייט אַן איינפּאכער באַאַמטער, ער וואָלט זאָגן, אַ בריוו־טרעגער. ער שיינט צו זיין ווייט איבער די מיטעלע יארן. זיינע אויגן זיינען וואָסערדיק און זאגן ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס.

— ניין, — ענטפערט אָשר, — דער פּאַרטיזאַן האט מיך ניט גע־שאָסן. ער איז נור געקומען זיך לוסטיק מאכן איבער מיינע ווייטאקן.

— ווער ביזטו אייגנטלעך און ווי אזוי קומסטו אַהער אין קראָם ?

— ווער איך בין ? — ענטפערט אָשר טרויעריק. — איך בין דער, וועמען דו פאַראַכטעסט. איך בין דער, וועמען דיין פאָלק אן די דייטשן זוכן אויסצוטאַרדן אַן רחמנות — איך בין אַ ייד... דו אַנטלויפסט גארניט ? דו בלייבסט נאך שטיין ? — פרעגט אָשר מיט גרוים פאַרוווּנ־דערונג : — אויב אַזוי וועל איך דיר דערציילן : פּאַרטיזאַנער האבן מיך געפירט, האב איך זיך פון זיי געוואָלט ראַטעווען. בין איך דאָ, דורכן שויפענצטער דורכגעשפּרונגען. האבן זיי אין מיר געשאָסן...

— דו ביזט מסתמא אַ קאָמוניסט, אַז דו האסט געפּרווט אַנט־לויפן און מורא געהאט פאַר אַן אויספאַרשונג ?

— ניין, איך בין ניט קיין קאָמוניסט. דאס קענסטו זיך איבערצייגן פון די דאָקומענטן, וועלכע געפינען זיך ביי מיר אין טאַש. געשפּרונגען בין איך דורכן פענצטער נור דערפאַר, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז זיי וועלן מיך אַלס ייד דערמאָרדן.

— קענסטו מיט אַ צווייטנס הילף זיך אויפשטעלן?—פרעגט ווייטער דער באַאַמטער. אָשר, ווי אַ קליין קינד, וואָס האט זיך פארזינדיקט ביי זיין מוטער, לאָזט ארוים אַ טרער. זיין האַלדז וועדט אים פאַרלייגט און ער קען ניט ארויסרעדן קיין איין זילבע. דאס בלוט שלאָגט אים אין געזיכט. אָ, גאָט ! שרייט אַלץ אין אים. איז עס מעגלעך ? איז עס מעגלעך, אַז איך זאל ניט שטארבן ווי אַ הונט ?... דער באַאַמטער

שטייט געדולדיק און וואַרט אויף אַ תשובה. אָשר פרוּווט זיך באהערשן און מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו רעדן. צום סוף שטאַמלט ער ארויס ווייזנדיק מיט דער האַנט אויף זיינע דורכגעלעכערטע הויזן אייניקע אָפגעהאַקטע זאַצן: דאָ אין איין אָרט... מעגלעך, אַז עס זיינען פאַראַן מערער... איך קען זיך ניט רירן און כ'וואָר שוואַכער מיט יעדער מינוט... אויפשטעלן זיך אפילו מיט עמיצנס הילף קען איך ניט. ווען איך וואָלט געקענט וואָלט איך שוין דא לאַנג ניט געווען.

אָשר שטרענגט זיך אָן און מיט זיינע לעצטע כוחות זעצט ער פאָר: — וויל דו ווייזט מיר ארויס אַ געפיל פון מענטשלעכקייט און מיטלייד, וועל איך זיך דערלויבן דיך צו בעטן עטוואָס...

— וואָס ווילסטו בעטן? — פרעגט דער באַאַמטער.

— כ'וויל דיר בעטן — פארן טויט דערפילט מען דאך אפילו די לעצטע בקשה פון אַ מערדער — מיך אריבערצופירן אויב מעגלעך אין אַ קראַנקנהויז, אויב דיר איז עס אוממעגלעך, פארענדיק דאָ מיין לעבן. איך זאָל ניט דאַרפן ווייטער זיך מוטשענען. אזוי צי אזוי וועל איך דיר זיין דאנקבאר...

טיף אין הארצן האט אָשר געטראַכט, אַז ער האט דא געזאָגט אַ ליגן. ער וועט ניט דאנקבאר זיין פאר די לעצטע קויל. גיכער וואָלט ער שטאַרבן מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

דער באַאַמטער איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי ער וואָלט זיך איבער־לעגט און פלוצלינג האט ער פארלאזט אָן שום תשובה דאס צימער. אָשר איז געבליבן פול מיט ספקות. עס האט זיך אים געדאַכט, אַז דער באַ־אַמטער האט ארויסגעוויזן צופיל מיטלייד און דאס איז ניט נאַטירלעך אין אַזאַ צייט בנוגע יידן. אויך איז אים ניט געווען פארשטענדלעך, פארוואָס יענער האט געוואַרט, ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן. און צום סוף זיין פלוצלינגער ארויסגיין, ניט אויסרייידנדיק קיין וואָרט. אין אָשר'ס מוח האבן אָנגעהויבן קעמפן צוויי געדאַנקען: איין געדאַנק האט אים געזאָגט, אַז דער באַאַמטער איז אריין אין קראָם נור צוליב נייגיר. דער צווייטער געדאַנק: דער באַאַמטער האט אים געוואָלט העלפן, נור ער האט ניט געקענט און דעריבער איז ער ארויס.

און אפשר ? אפשר איז דאָ אַ דריטער פאַל ? פרעגט זיך אָשר און גיט זיך צו מוט. אפשר איז ער ארוים זוכן אַ מיטל ווי אַזוי מיך צו ראַטעווען ? ער האט דאך געפרעגט, צי איך קען מיט עמיצנס הילף זיך אויפשטעלן . . . אַ ווייטער, אָבער דאך אַ ליכטיקער, שטראַל, אַ שטראַל פון האָפנונג דרינגט אריין אין אָשר'ס אַנגעווייטאַקטער און געפייניקטער נשמה. אָבער פונקט ווי אַ וואָלקן פארציט דעם קלאָרן הימל, אזוי פארפינצטערט אַ נייער געדאַנק זיין מוח.

אפשר איז אויך דער באַאַמטער געקומען אויסהערן אַ יידנס ווידוי ? אפשר איז ער אויך געקומען זיך זעטיקן מיט מיינע ווייטאקן און יסורים ? און נאר כדי איך זאל רעדן וואָס מער און עפענען פאר אים מיין הארץ, האט ער זיך פארשטעלט פאר אַ מיטפילנדיקן.

אזוי האבן אָשר'ס ספקות געשליידערט זיין געפייניקטע נשמה צווישן ליכט און פינצטערניש, האפענונג און אַנטוישונג, גלויבן און אומגלויבן, לעבן און טויט . . . דאך האט אָשר געוווּסט, אַז זיין איצטיקער מצב איז ניט אָפּהענגיק פון געדאַנקען, גיכער פון מזל, וואָס לויט זיין איבערצייגונג שטאַמט עס ארויס פון אַ העכערער מאַטעריע, פון דער השגחה אליין . . . דאס האט אָשר'ן עטוואָס צוריקגעהאלטן אין זיין פארצווייפלונג, געגעבן אים דאס גלייכגעוויכט און געווען ווי באַלזאַם אויף זיין וווּנד.

אָבער זיין שוואַכקייט האט אלץ מער געווירקט אויפן הארצן. דער בלוט=אָפּפלוס איז געווען געוואַלטיק גרויס, די ווייטאקן שרעקלעכע און די פיבערדיקע געדאַנקען האבן געטאָן זייערס, ווער ווייס ווי לאַנג וואָלט נאך אָשר זעלווער אויסגעהאלטן, ווען זיין גורל וואָלט פלוצלונג ניט געקראָגן גאר אן אנדער ווענדונג.

ווי אין אַ זיסן חלום האט זיך אָשר געפונען, ווען דאס צימערל, אין וועלכן ער איז געלעגן, איז פארשוווּמען געוואָרן פון צארט=ווייסע כאַלאַטן און קאָפּ=טיכלעך. פון ווייטן איז אויך געשטאַנען דער באַאַמטער און געשוויגן. ער האט געהאָלפן די סאַניטארקעס אָפּצורוקן דעם געוועלב=טיש, וואס האט געשטערט צוצוקומען צו אָשר'ן. זעקס סאַניטאַרקעס פרוון אָשר'ן ארויסטראָגן פון צימערל און אַוועקלייגן

אויפן טראָג־בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן (זיי האָבן דאָס טראָג־בעטל ניט געקענט דורכנעמען, געווען אַ שמאָלע טיר). ווען זיי פּרוּוון אָבער אָשר'ן רירן פאַר די פיס און הענט ווערן זיינע שמערצן שרעקלעך. זיי באַשליסן אים אַרויסצוטראָגן פון קראָם אויף אַן אַנדער אופן: דריי סאַניטאַרקעס נעמען פאַר איין זייט מאַנטל, דריי פאַר דער צווייטער און אַזוי טראָגן זיי אים אַרויס און לייגן אים אַרויף אויפן טראָג־בעטל...

ווען אָשר ווערט צוריק געטראָגן דורך דער גאַס, איבער וועלכער ער איז געפירט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער, פּלאָנטערן זיך אין זיין מוח אָפּגעהאַקטע געדאַנקען:

הימל... זון... מענטשן... און.... שלעכטס און גוטס זיינען ווי צוויי פאַרבן פון רעגנבויגן...

אין שלעכטס איז דא אויך אַ פינטעלע גוטס. ווייזט אויס, אַז אויך דער גיהנום איז ניט ריין פון אַזעלכע פינטעלעך, — טראַכט ווייטער אָשר. פאַר זיינע אויגן שוועבן פאַרביי צענדליקער מענטשן, אויף זייערע רואיקע געזיכטער איז קענטיק אַ חוזק־שמייכעלע. ניט ווייט פון זיך הערט ער אַ שטים, פול מיט פאַראַכטונג: אַ דערשאָסענעם זשיד טראָגן זיי!...

אָשר טראַכט ווייטער: אין סדום האָבן זיך ניט אייגעפונען קיין צען צדיקים, אָבער דאָך האָבן זיך צוויי — דריי געפונען... אין גבעה האָט דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט אַריינגעלאָזן דעם פרעמדן נעכטיקן צו זיך אין הויז, אַרויסגעוויזן אפילו אַ געפיל פון קרבנות־גרייטקייט. ווייזט אויס, אַז אויך מיר האָט דער צופאַל צוזאַמענגעפירט מיט אַזאַ איינעם. מעגלעך, אַז איך וועל נאָך בלייבן לעבן, — פליט דורך ביי אָשר'ן אַ געדאַנק, ווען ער וויגט זיך אויפן טראָג־בעטל אונטערן שמייכלדיקן העל־בלויען הימל.

— — — — — — —

דער דאָקטאָר, צו וועלכן מען האָט געבראַכט אָשר'ן, האָט אים קיין מעדיצינישע הילף ניט געגעבן. ער האָט אים אָפּגעשיקט אין יידישן קראַנקנהויז.

ליגנדיק אין דער מאַשין פון רויטן קרייץ, וועלכע איז שנעל גע־

פלויגן צום קראַנקנהויז, האָט זיך אָשר געשפּירט זייער שלעכט. די שטאַרקע אויפטרייסלונגען האָבן נאָך מער צערייצט זיינע בלוטנדיקע וווּנדן. אָבער די האָפענונג האָט אָשר׳ן ווי פאַרשיכורט... הייסט עס, דער „ביקור-חולים״ אַרבעט! עס האָט זיך אים ניט געלייגט אויפן שכל: אויב זיי מאָרדעווען, צו וואָס האָבן זיי איבערגעלאָזט דאָס קראַנקנהויז? ער האָט באַשלאָסן צו זיין געדולדיק. אין קראַנקנהויז וועט ער זיך געוויס אַלץ דערוויסן.

אין די מאָמענטן איז אָשר געווען זיכער, אַז אויב ער וועט זיך אויסהיילן פון זיינע וווּנדן, וועט ער אין „זייערע״ הענט מער ניט אַריינ-פאַלן. ווי נאַאיוו איז ער דאַן געווען! ער האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז נור דער אָנפאַנג, אַ קליינע התחלה און אַריינפיר צו גאָר גרויסע גע-שעענישן, וועלכע ער וועט מוזן דורכמאַכן פיל יאָרן און ניט איינמאָל וועט ער שטיין ביים ראַנד פון קבר. וואָלט אָשר געוווּסט דאַן באַטש אַ טייל פון די גרויסע לײדן און פּיין, וועלכע ער וועט נאָך דאַרפן דורכמאַכן, אַז ער וועט נאָך כסדר זען, ווי זיינע ברידער און שוועסטער ווערן פאַר זיינע אויגן געפירט צום טויט, אַז ער וועט מוזן לעבן אין אַן אָרט, וואָס די מערדער האָבן אַ נאָמען געגעבן „געטאָ״, אַז ער וועט מוזן דאָרטן איבערלעבן אַזוינס, וואָס צורייסט די נשמה און פאַר-וואַנדלט דעם מענטשן אין אַ הונט — וואָס איז פיל ערגער ווי דער טויט — וואָלט ער געוויס ניט געווען צופרידן פון דער מעגלעכקייט אויס-געהיילט צו ווערן פון זיינע וווּנדן, אָבער אָשר איז געווען יונג, ענערגיש, לעבנס-דורשטיק און זיין איינציקער פאַרלאַנג איז נאָר געווען געזונט צו ווערן.

דאָס איז געווען זיין איינציקע שטרעבונג, ווען מען האָט אים אַריינגעטראָגן אין יידישן קראַנקנהויז — „ביקור-חולים״.

# אין קראַנקנהויז

ווער האָט אין ליטע נישט געוווּסט פון קאָוונער „ביקור־חולים“? דאָס איז געווען דער איינציקער יידישער הייל־אַנשטאַלט, וווּ עס האָבן געפונען הילף אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט מען געקליבן נדבות פאַרן „ביקור־חולים“ און יעדער ליטווישער ייד, וויסנדיק די וויכטיקייט פון דעם אַנשטאַלט האָט גערן געגעבן זיין נדבה. עס איז גענוג געווען, אַז אין שטעטל זאָל ארויפ־גיין דער באַפולמעכטיקטער פון „ביקור־חולים“ אין בית־המדרש אויף דער בימה און אַ זאָג טון: „רבותי, אייער שטעטל האָט לעצטנס ניט גענוג אָנטייל גענומען אין אונדזער הילפס־אַקציע“, פלעגן יידן אויפ־גערודערט ווערן און די אַקציע פלעגט דורכגיין מיטן בעסטן דערפאָלג.

צווישן מעדיציניש פּערסאָנאַל פון „ביקור־חולים“ זיינען געווען די בעסטע יידישע מעדיצינישע קרעפטן פון ליטע, פון האַלב־אַסימי־לירטע ביז ציוניסטישע טוער.

אין די באָלשעוויסטישע צייטן איז דער „ביקור־חולים“ פאַר־מלוכה׳שט געוואָרן און געקראָגן אַן אַנדער אויסזען, אָבער דאָך האָט זיך דער ייד געשפּירט בעסער ווי אין יעדן אַנדערן קראַנקנהויז. דער אַנשטאַלט ווו ס׳איז שטענדיק געווען שטיל און רואיק, האָט דינסטיק דעם 24־טן יוני 1941 פּלוצלונג פאַרלאָרן זיין רו און אָרדענונג. דאָקטוי־רים און קראַנקן־שוועסטער זיינען ארומגעלאָפן אַהין און צוריק צע־מישטע און דערשראָקענע. די עלטערע קריסטלעכע קראַנקן־שוועסטער און סאַניטאַרקעס זיינען ארומגעגאַנגען שטאָלץ, די קעפּ פאַררײסן און אויף זייערע פּנימער איז געלעגן צוגאָסן עפּעס אַ מין זיגערישער שמייכל און אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט...

מען האט אָן אויפהער געבראכט שווער און לייכט פארוואונדעטע פון פארשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. די פּאַלאַטעס פון דער כירורגישער אָפּטיילונג זיינען שוין געווען איבערפולט. מען האט געשטעלט בעטן אין די קאָרידאָרן און ווו עס האט זיך נור געלאזט. מען האט אויך געבראכט עטלעכע פארוואונדעטע „פּארטיזאַנער", וועלכע האבן געקעמפט קעגן די אָפּטרעטנדיקע רוסן. פאר די „טייערע קינדער" איז אָפּגעגעבן געוואָרן די בעסטע פּאַלאַטע. אין די איבעריקע פּאַלאַטעס זיינען געלעגן אין יסורים די צוויטראַגיקע בירגער.

— — — — — — — —

— אָשר זעלווער! — האט אויסגעשריען איינע פון די קראַנקען־שוועסטער, וועלכע האט דערקענט אין דעם ניי־אריינגעטראָגענעם אירן אַ באַקאַנטן. זי האט געציטערט מיטן גאנצן קערפּער. אין אירע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. זי האט ניט אַראָפּגעלאזט אירע אויגן פון אָשר'ס פארבלוטיקטן געזיכט.

— אַך, דו, מרים! — פליסטערט אָשר.

— ווו ביזטו דורכגעשאָסן? זאָג! — פרעגט זי אים אַ צע־שראָקענע.

דער יידישער כירורג באטראכט אָשר'ס וואונדן. איין וואונד איז אַ לייכטע, די צווייטע אַ שווערע. די קוילן זיינען ניט געבליבן אין קערפּער, אָבער עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיי זאָלן האבן באַשעדיקט אַ ביין. ווען אָשר ווערט פארבאַנדאַזשירט, באמערקט דער דאָקטאָר, ווי צושראָקן ס'איז די קראַנקן־שוועסטער מרים. ער בארואיקט זי, אַז אָשר וועט פולקאָם געזונט ווערן.

אין לאַנגן קאָרידאָר האט מען אריינגעבראכט אַ בעט פאר אָשר'ן.

— ווער איז דער קראַנקער דיינער אַ קרוב? — האט געפרעגט ביי מרים'ען אַ צווייטע קראַנקן־שוועסטער שרה, וועלכע האט באמערקט מרים'ס בלאסן געזיכט און צעטרערטקייט.

— ניין, שרה, דער קראַנקער איז ניט מיינער אַ קרוב. ער הייסט אָשר זעלווער. מיר זיינען פון דעם זעלבן שטעטל און צוזאמען האבן

מיר פארבראכט די קינדער־יארן. זיין פאטער איז געווען דארט מיין לערער. שפעטער איז אָשר...

דאס גלעקל האט אָנגעהויבן קלינגען און איבערגעריסן זייער גע־שפרעך. שרה האט זיך געאיילט צו אַ קראַנקן, וועלכער האט גערופן נאך הילף. אָשר איז אַ מידער און צובראָכענער באלד איינגעשלאָפן.

— — — — — — — —

ווען אָשר האט זיך אויפגעכאַפט, איז שוין געווען נאַכט. דער זייגער האט געשלאָגן 12. ער האט זיך געשפירט זייער שוואַך און געהאט גאָר הויכע טעמפעראַטור. שטיל איז געווען ארום. דאס עלעקטרישע לעמפל האט שוואַך שימערירט.

דאס שוואַכע ליכט איז נישט געווען בכוח דורכצוריסן די פינצ־טערניש. שאָטנס האבן געטאַנצט פאר אָשר'ס אויגן מיט זייער גאנצער שוואַרצקייט און מאווים'דיקייט... אין זיין נשמה איז נאך פינצטע־רער געוואָרן. דארטן ראַנגלען זיך מיט דער פינצטערניש נאך שוואַכע שטראַלן פון האָפענונג און גלויבן, דארטן טאַנצן ארום אַנדערע שאָטנס שוואַרצע און שרעקלעכע...

און אזוי ליגט אָשר מיט אָפענע אויגן און פייניקט זיך. די טיר עפנט זיך. מרים גייט פארביי, זי זעט ווי אָשר ליגט מיט אָפענע אויגן, ווי ער וואָלט געטרוימט אויף דער וואר. זי גייט צו צו זיין בעט און פרעגט אים גאנץ שטיל:

— אָשר, דו קענסט נישט איינשלאָפן?

— ניין, ענטפערט אָשר, און זיין בליק בלאנדזשעט אין חלל פון צימער.

— אָשר, פרעגט מרים אַ באַנומענע — האסטו גרויסע שמערצן?

— זי זעצט זיך אויף זיין בעט און נעמט אים פאר דער האנט צו קאָנטראָלירן דעם פולס.

— אַך, דו ביזט עס, מרים? — פרעגט אָשר, ווי ער וואָלט דערוואַכט פון שלאָף. ער דרייט אוים צו איר זיין קאָפּ און זאגט שטיל:

— די פיזישע שמערצן, מרים, קען איך אריבערטראגן, אבער די נשמה טוט וויי. אַ שרעקלעכער וואָרעם גריזשעט דאס הארץ. פינצטערע

געדאַנקען האָבן פּלוצלונג מיך אָנגעהויבן פּייניקן. מרים, דו וועסט דאָך מיך פאַרשטיין, דו ביזט דאָך יעקב גוטמאַנ׳ס אַ טאָכטער... אַ שרעק איז מיך דאָ באַפאַלן. מיר דוכט, אַז מיט אונדז ווערט פאַרניכטעט דער יידישער קבוץ פון פּוילן און ליטע. דער יידישער צענטער, דאָס האַרץ פון אייראָפּעאישן יידנטום גייט אונטער, שטאַרבט אָפּ פאַר אונדזער פאָלק. ווער וועט בלייבן? דער קאָמוניסטישער ייד פון סאָוויעט-פאַרבאַנד אָדער דער האַלב און גאַנץ אַסימילירטער ייד פון מערב אייראָפּע.

— אָשר! רופט אויס מרים אַן איבעראַשטע: — דו — אַ פעסימיסט? דו זאָלסט פאַרגעסן ארץ ישראל? איז עס איצט ניט דער אמת׳ער יידישער צענטער?

אויף אָשר׳ס געזיכט באַווייזט זיך אַ שוואַכער שמייכל. ער רעדט טרויעריק:

— ארץ ישראל איז נאָך דערווייל אַ קעסל וואָס קאָכט, אַ שמעלץ-טיגל, וועלכער גיסט איבער, וועלכער פאַרמירט נאָך אויס. עס דאַרף נאָך לאַנג דויערן ביז דער קעסל וועט אויפקאָכן און ביז ס׳וועט אויסגעגאָסן ווערן אין פאָרעם אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער יישוב, וועלכער וועט ניט מורא האָבן פאַר קיינע שטורעמס. דאָ אין גלות האָבן מיר אַן איינהייט, אמת, אַ פאַרקריפּלטע, מיט זייער פיל נעגאַטיווע זייטן אָבער דאָך אַן אויסגעפּרוווטע און אויסגעהאַלטענע. ביז ארץ ישראל וועט קענען זעלבסטשטענדיק שטיין אויף די פיס איז זי אָפּהענגיק פון דער מאָראַלישער און גייסטיקער קראַפט פון גלות, פון אונדז, וועלכע ווערן איצט פאַרניכטעט. פאַרשטייסט, מרים, פאַרוואָס איך בין אַזוי פעסימיסטיש, פאַרוואָס עס טוט מיר אַזוי וויי דאָס האַרץ?...

קוים, קוים האָט אָשר אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ער האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שווייס און איז אַנטשוויגן געוואָרן. מרים האָט מיט מיטלייד צערטלעך געגלעט זיינע האָר און טרויעריק געשוויגן. פּלוצלונג האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— אָשר, איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז דו זאָלסט

קענען זיין אזוי פעסימיסטיש, אזוי פארצווייפלט. גלויבסטו טאקע באמת, אַז זיי וועלן אויסשעכטן אלע מענער, פרויען און קינדער פון פיל מיליאָניקן יידישן פאלק אין פוילן און ליטע ? ניין, דאס וועט זיי קיינ= מאל ניט געלינגען ! איך בין פעסט איבערצייגט, אַז נאך אלע קרבנות, וואָס מיר האבן שוין געהאט און וועלן נאך ליידער האבן, וועט דאך דער גרעסטער טייל איבערלעבן די פאָגראָמשטשיקעס און מערדער. ניין, אָשר, דיין מורא איז איבערטריבן. דער יידישער קבוץ אין מזרח= אייראָפּע וועט בלייבן. דאס זיינען ניט די ערשטע פאָגראָמען אויף יידן. יידן וועלן עס אריבערטראָגן. איך פארשטיי, פארוואָס דו ביזט אזוי פארצווייפלט, ווייל דו ביזט קראנק, ווייל דו ליגסט איצט מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור, ווייל דו האסט גרויסע שמערצן... אַגב, יעדער קראַנ= קער שפירט זיך ביינאכט ערגער. אינדערפרי וועלן פארשווינדן דיינע פינצטערע געדאנקען און דו וועסט דאן גאנץ אַנדערש רעדן. איצט וועל איך דיר געבן רפואות צו באַרואיקן זיך, זאלסט גלייך איינשלאפן.

ניט ווארטנדיק אויף אָשר'ס תשובה איז זי פארשוווּנדן אין לאנגן טונקעלן קאָרידאָר...

— — — — — — —

8 אַ זייגער פרי האט אָשר זיך אויפגעכאַפּט. די שרעקלעכע אי= בערלעבענישן פון פאריקן טאג האבן זיך אויסגעוועפּט. ער האט אויפ= געריסן די פארשלאפענע אויגן און מיט פארוווּנדערונג אָנגעקוקט דעם קאָרידאָר, אין וועלכן ער איז געלעגן. אַ חוץ עטלעכע בעטן, וועלכע זיינען געשטאנען נאָענט איינע צו דער צווייטער, האט ער דארט קיין זאך ניט באמערקט.

קראנקן=שוועסטער, סאַניטארקעס און סתם מענטשן, אָנגעטאָן אין ווייסע כאַלאַטן מיטן צייכן פון רויטן קרייץ, זיינען ארומגעלאָפן אַהין און אַהער ווי צעמישטע. אויף זייערע פנים'ער זיינען געלעגן שרעק און פארצווייפלונג. שפעטער האט זיך אָשר דערוווּסט, אַז דאס זיינען פאַ= מיליע=מיטגלידער פון היגן פערסאָנאַל און פריוואַט=דאקטוירים פון דער שטאָט, וועלכע האבן געגלויבט צו געפינען זייער רעטונג צווישן די ווענט פון קראנקנהויז. די מעדיקער האבן זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ פינפ=

טער האָד ביי וויזיטאַציעס און די איבעריקע האבן פרייוויליק זיך גע־שטעלט צו שווארץ־ארבעט.

אָשר האט זיך אויסגעמאסטן די טעמפּעראַטור. זי איז געווען ני־דעריקער ווי ביינאכט. זיינע שמערצן האבן אים אויך נאכגעלאזן. ער האט צוליב די וונדן גור געקענט ליגן אויף דער רעכטער זייט און האט פארשטאנען, אַז אין אַזאַ מצב וועט ער זיך נאך מוזן געפינען פיל וואָכן. אַ טרויעריקער שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האט זיך געזען אין דער לאגע פון דעם נביא יחזקאל בן בוזי...

אַ סאַניטאַרקע האט צוגעשטעלט אַ שטול צו זיין בעט און אַוועק־געשטעלט פאר אים פרישטיק. טראָץ דעם וואָס ער האט שוין אַ מעת־לעת ניט געהאט געגעסן, האט ער נור אויסגעטרונקען די טיי און דאס איבע־ריקע געלאזן.

אַ ווײַלע שפּעטער קומט אריין מרים מיט אַ צווייטער קראנקן־שוועסטער. זיי גייען צו גלייך צו אָשר׳ס בעט.

— שרה האט דיר געבראכט אַ גרוס פון דיינע בעלי־בתים, — זאגט מרים און ווייזט אויף דער קראנקן־שוועסטער.

— איך בין נעכטן אָוונט צופעליק געווען ביי אייערע בעלי־בתים. זיי פרייען זיך וואָס איר זייט געבליבן לעבן און לאזן אייך הערצלעך גריסן — זאגט די קראנקן־שוועסטער און קוקט אויף דעם איבעראשטן אָשר׳ן.

— זיי לעבן ? — רופט אוים אָשר פריידיק פארוואונדערט. זיינע אויגן ווערן פארנעפּלט, מיד לאזט ער אראנטער דעם קאָפּ.

פון איין זייט פרייט אים, וואָס די אלטע זיינען געבליבן לעבן, פון דער צווייטער — מאכט ער זיך אַ פאָרוואורף, וואָס ער האט אָן אַ פאר־וואָס און אַ פאַרוועץ ריזיקירט. ווען די שוועסטער דערציילט אים אבער אלץ וואס עס האט פאסירט מיט די אלטע — פארשטייט ער שוין, אַז נור זיין אנטלויפן פון די פארטיזאנער האט אים געראטעוועט דאס לעבן.

די שוועסטער האט דערציילט :

— ווען די גרופּע, פון וועלכער איר זייט אַנטלאָפן, האט זיך דער־

נענטערט צום ראַטושע־פּלאַץ, איז אייער בעל־הבית געפאַלן (געהאַט ־י פּאַליקע) מען האָט אים איבערגעלאָזן ליגן און מען איז געגאַנגען ווײַ־טער. אויפן ראַטושע־פּלאַץ האָט אַ דײַטשער אָפיציר אָפּגעטיילט די מענער און אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון פּאַרטיזאַנער זײַ אַוועק־געשיקט. די פרויען און קליינע קינדער האָט ער אָפּגעלאָזן אַ היים. גייענדיק צוריק האָבן זיי געפונען דעם אַלטן און אים מיטגענומען מיט זיך. דאָס אַלץ האָבן מיר דערציילט די אַלטע און ווען זיי האָבן זיך דער־וווּסט פון מיר, אַז איר לעבט איז זייער איבעראַשונג געווען געוואַלדיק גרויס. זיי האָבן געוויינט פון שמחה, ווי זיי וואָלטן געווען אייערע על־טערן. זיי האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אמת.

די שוועסטער בעט אָשר'ן דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַ־טעוועט.

— דערצייל, אָשר, איך האָב נאָך אויך ניט געהערט ווי דו האָסט זיך געראַטעוועט — האָט זיך אָפּגערופן מרים.

אָשר לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און דערציילט זיי ווי ער איז ע"פּ נס געראַטעוועט געוואָרן צוויי מאָל כסדר פון טויט.

— איך וואָלט געוואָלט זען — ענדיקט ער — ווי עס קומט ביי־נאַכט דער פּאַרטיזאַן פייניקן דעם יידן און דערוויסט זיך, אַז מען האָט אים אַוועקגעפירט אין קראַנקנהויז...

ווען די קראַנקן־שוועסטערס זיינען אַוועק, האָט זיך אָשר דערשפּירט מיד און שלעפעריק. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און טראָץ זיינע שמערצן און דעם ארומיקן טומל איז ער דאָך אריינגעפאַלן אין אַ דרעמל...

— — — — — — — —

שרעקלעכע קרעכצן און ווילדע געשרייען האָבן אָשר'ן אויפגע־וועקט פון זיין דרעמל. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען ניט ווייט פון זיין בעט אַ טראָג־בעטל. אויף אים איז געלעגן אַ שווער־דורכגע־שאָסענער. ער האָט געשריען און געקריצט מיט די ציין. צייטנווייז האָט ער געקרעכצט און געשאָלטן. ער האָט אויסגעזען צו זיין אין די מיטע־לע יאָרן. אונטער זיין שווערן קערפּער האָט דאָס טראָג־בעטל גע־

קרעכצט. פון די בעטן האט איינער פון די קראנקע אים צוגעוואָרפן
אַ פראַגע:

— ווער האט אייך געשאָסן?

— הערט אַ משוגענעם! — שרייט דער חולה מיט כעס: הערט
אַ פראַגע! ווער האט מיך געשאָסן? ווער, אַז ניט זיי? ווער, אַז ניט די
פּאַרטיזאַנער? געלעבט אַ גאנץ לעבן מיט זיי און זיי ניט געקענט. הערט,
הערט אַ שאלה — קען זיך אַלץ ניט באַרואיקן דער חולה — ווער האט
געשאָסן? זיי זאָלן דערשאָסן ווערן! אַז איך קען ניט אריבערטראגן
די ווייטאָקן, איך האלט עס ניט אויס! איך וואָלט קיינמאָל ניט גע־
גלויבט, אַז זיי זיינען אַזעלכע גזלנים. איך האב מיט זיי געטרונקען פון
איין גלעזל, זיך געקושט און דאך זיי ניט געקענט! אי, די ווייטאָקן, אי,
איך קום אום!.. אויב איר זייט אַ קאָונער, דארפט איר מיך האך קע־
נען, איך בין דאך אברהמ׳על דראשקעניק! ווער האט מיך אין קאָונע
ניט געקענט? נאך בעסער ווי דעם רב. פרעגט וועמען האב איך
שלעכטס געטאָן? אלעמען נור טובות. אי, איך וועל עס ניט אריבער־
טראָגן! איך וועל עס ניט אויסהאלטן! עס איז מיר אַ בראַנד אין
בויך!...

— שלעפּט מען מיך פון סלאָבאָדקער בריק. איך גיי צו מיין ווייב
און קינדער, שלעפּט מען מיך און איך וויים ניט וווהין. געלאָזט דאס
ווייב מיט די פינף עופה׳עלעך אליין אין שטוב... בעט איך זיך ביי
זייער עלטסטן: אנטאנאס, דו דערקענסט ניט אברהמ׳לען? לאָז מיך
אָפּ, איך גיי דאָך צו מיין ווייב, צו מיינע קינדער... לאכט ער, אנטא־
נאס, אין דער ערד זאָל ער נור גיין, לאַכט ער און זאָגט:

— אברהם! דו ביזט דאך אַ זשיד און זשידעס שיסן מיר היינט
ווי משוגענע הינט. קיין זשיד וועט ניט בלייבן לעבן. ווו וועסטו קענען
לעבן אַליין?

— מיר, אברהמ׳לען? — בעט איך זיך ביי אים און פאל אים צו
די פיס, — מיר האבן דאך פופצן יאר געלעבט אין סלאָבאָדקע אין איין
הויז. איך האב דאך דיר אלע מאל טובות געטאָן. זאָג, האסטו וואָס צו
מיר? האב איך דיר ווען געטאָן שלעכטס?

— האָב ניט קיין מורא, אברהמ'ל, — ענטפערט ער מיר דער הונט : כ'האָב ניט פארגעסן, אַז מיר האָבן געלעבט גוט־ברודעריש. דו וועסט זיך ביי מיר ניט דארפן מוטשען, ווי די איבעריקע זשידעס. דיר וועל איך געבן אַ קויל גלייך אין הארצן און דו וועסט זיך אויף שנעל אריבערפעקלען צו אבראַמען.

— נו, איז דאָ אַ גאָט אין הימל ? אי, איך וועל עס ניט אריבערטראָגן דעם בראַנד אין בויך. אוי, געוואַלד, ראַטעוועט, גיט וואַסער צו לעשן דעם פייער !...

די געשרייען זיינע אריבער אין אַ קלאָגעריי : — כאָטש נאָך איינמאָל זען דאָס ווייב, די קינדערלעך. ווו זייט איר קינדערלעך ? ווו זייט איר מיינע עופה'עלעך ? אייער פאָטער שטאַרבט און איר זייט ניטאָ... שוועסטער, שוועסטער ! ברענגט מיר מיינע קינדער, איך וועל זיי ארומנעמען און קושן פאַר מיין טויט...

אַ ווײַלע שפּעטער באַרואיקט ער זיך און דערציילט ווייטער :

— עס גייט פארביי יאַזאַס און זעט, ווי מען פירט מיך. ער איז אַלעמאָל געווען מיין בעסטער פריינט און איך האָב אים שטענדיק געהאָלפן, מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט. מאַכט ער זיך ניט זעענדיק און וויל פארבייגיין. שריי איך צו אים :

— יאַזאַס, טייערער יאַזאַס, ראַטעווע ! זע, זיי פירן מיך דאָך שיסן.

— איך האָב ניט קיין צייט, אברהמ'ל, — ענטפערט ער מיט אַ שכורער שטימע : — עס איז פאַראַן אַזוי פיל ארבעט. נעכטן איז געווען די „לאַנגע נאַכט" ( יום הכפורים) און איך האָב אין אייער סינאַגאָגע די ליכט פארלאָשן און היינט גיי איך צו אייערע ווייבער...

און ער גייט אַוועק...

— אי, ראַטעוועט, ברענגט דעם דאָקטאָר ! איך ווער פארברענט... גיט מיר וואַסער, שוועסטער ! גיט אַ טרונק וואַסער, האָט רחמנות !...

ווען ער ווערט אנטשוויגן, פרעגט אים איינער פון די קראַנקע :

— וואָס איז געווען דער סוף ?

— דער סוף ? — ברומט ארויס דער פורמאַן, — איר זעט דאָך דעם

סוף! אַ קויל אין בויך און אַזעלכע שרעקלעכע ווייטאָקן. זיי האָבן מיך אַרייַנגעשלעפּט אין אַ הויף און געשאָסן אין מיר... איך האָב זיך אויפגעכאַפּט דאָ אין קראַנקנהויז. איך וועל עס במילא ניט אַריבער־טראָגן. ברענגט מיר גיכע מענטשן, פאַר מיין טויט די קינדערלעך, דאָס ווייב!.. דער פורמאַן ווייגט זיך בימער פונאַנדער און קלאָגנ־דיק בעט ער זיך:

— נעמט אַרויס דעם בראַנד פון מיין בויך. גיסט וואַסער, לעשט דעם פייער. איך ווער פאַרברענט, ווו זיינען די דאָקטוירים? ווו זיינען די קראַנקן־שוועסטער? ראַטעוועט! ראַטעוועט!..

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מען האָט אים אַרויסגעטראָגן אין אָפּעראַציע־צימער...

אָשר איז געלעגן און געקוקט ווי מען טראָגט אַרויס אַברהמ'ל דעם פורמאַן, געקוקט און געטראַכט: דער פורמאַן האָט ניט געוווסט, קעגן וועמען צו פּראָטעסטירן פאַרן שרעקלעכן אומרעכט, וואָס זיינע שכנים און מיטבירגער זיינען קעגן אים באַגאַנגען. עס איז אים ניט פאַרשטענד־לעך, צוליב וואָס, „זיי" האָבן אין אים געשאָסן. ער האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון. ער איז געגאַנגען צו זיין ווייב און קינדערלעך, וועלכע זיינען געבליבן אַליין אין שטוב.

צוליב וואָס האָבן זיי געוואָלט אַוועקרויבן זיין לעבן? ער איז אַ ייד? ייד — קריסט, עס איז דאָך ביי אים ניט געווען קיין נפקא־מינה. ער, — ניט ווי ס'רוב זיינע יידישע חברים — האָט אין גאָט ניט גע־גלויבט, פון פאָלקס־טראַדיציעס גאַנץ ווייניק געוווסט. געלעבט צווישן גוים פיל מער ווי צווישן יידן. וואָס האָבן זיי געוואָלט פון זיין לעבן?

— — — — — — —

אין אָוונט איז מרים געזעסן ביי אָשר'ן אויפן בעט. זי האָט טרויע־ריק געקוקט אויף זיין פלאַמיקן פנים און געשוויגן. זי האָט אים ניט געהאַט קיין פרייליכעס צו דערציילן. אָשר קוקט אויף איר און דערמאָנט זיך זיינע קינדער־יאָרן: זיין פאָטער, מוטער, ברודער — פאַר זיינע אויגן שוועבט פאַרביי זיין שטעטל, דאָס טייכל, די לאָנקע ווו ער האָט זיינע בעסטע קינדערשע יאָרן פאַרבראַכט. אַ בענקשאַפט פילט אָן

אָשר׳ס האַרץ נאָך יענע גליקלעכע טעג. וואָס איז איצט געוואָרן פון זיין פאַמיליע? דער פאָטער טויט. די מוטער, אויב זי לעבט נאָך, איז ביי די מערדער אין די הענט. דער ברודער אין איין קראַנקנהויז און ער אַ דורכגעשאָסענער אין אַ צווייטן.

אָשר רייסט איבער זיינע געדאַנקען און זאָגט צו מרים׳ען:

— ווען מיר וואָלטן כאָטש דאָ געהאַט אונדזערע עלטערן!

— איז עס ניט גאַנץ גלייך? — ענטפערט זי אים טרויעריק.

— ניין, — זאָגט אָשר פאַרטראַכט, — דוכט זיך, אַז דאָ איז זיכערער, דאָ וועט זיין מער מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען.

זי שאָקלט צו שטום מיטן קאָפּ, אָבער אין האַרצן חוזק׳ט זי געוויס פון זיינע ווערטער. וואָלט ער געוווּסט, אַז דאָס קראַנקנהויז שטייט שוין אויך אין סכנה, אַז די פּאַרטיזאַנער גרייטן זיך אויך דאָ צו פאַרטרינקען אַלץ אין בלוט, וואָלט ער אַנדערש גערעדט.

ס׳ווייזט אויס, טראַכט זי, אַז דאָס וואָס מ׳האָט אָפּגעלאָזן זיינע בעלי־בתּים האָט אויף אים גוט געווירקט. זי שווייגט, און וויל עס אים ניט דערציילן. איר האַרץ ברויזט פון שמערץ.

די נאַכט האָט זיך אָשר געשפּירט זייער שלעכט. טראָץ די באַרו־איקונגס־מיטלען האָט ער אַ לאַנגע צייט ניט געקענט איינשלאָפן און ווען ער איז צום סוף אַנטדרעמלט געוואָרן, האָבן זיך ביי אים געפּלאָנטערט בייזע חלומות. באַגינען איז ער איינגעשלאָפן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ קינד׳ס געשרייען.

ער האָט ניט געעפנט די אויגן, ווייל עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז אַ נייער חלום. די געשרייען פון קינד האָבן אָבער ניט אויפגעהערט. ער האָט געהערט דייטלעך: אוי, מאַמע! אוי, עס טוט וויי...

אָשר האָט צום סוף געעפנט זיינע מידע, פאַרשלאָפענע אויגן.

אין קאָרידאָר איז שוין געווען גוט ליכטיק. אַ פראַכטפולער זומער־דיקער פרימאָרגן האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער. אַן אויפגייענדיקע זון האָט באַפאַרבט דעם ווייטן האָריזאָנט מיט בלוט־רויטע קאָלירן...

אָשר האָט אָפּגעריסן זיין בליק פון פענצטער. ניט ווייט פון אים האָט ער געזען אַ בעטל, דאָרט איז געלעגן אַ קינד פון אַ יאָר ניין. דאָס

איז געווען אַ מיידעלע. זי האָט ניט געוויינט, נור פון צייט צו צייט אויסגעשריען: אי, עס טוט מיר וויי, אי, מאַמע!

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. עס איז אריינגעקומען אַ קראַנקען־שוועסטער. — אי, עס טוט מיר זייער וויי, אי, מאַמע! — די קראַנקען־שוועסטער איז צוגעגאַנגען צו דער קליינער, זיך געזעצט אויף איר בעטל, זי געגלעט און צוגעזאָגט, אַז גלייך וועט מען שטילן אירע שמערצן. די קליינע איז אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי דער־שטיקט אירע וויינען אין זיך און שטרענגט זיך אָן ניט ארויסצו־לאָזן אפילו קיין קרעכץ.

— דערציילע, מיין קינד, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט... — האָט געזאָגט צו איר די שוועסטער און מיט רחמנות געקוקט אין אירע אויגן, אין וועלכע ס'האָבן זיך געשפּיגלט וויטאָק און שרעק.

— איך האָב מורא, שוועסטער, איך האָב מורא דיר צו דערציילן. „זיי" קענען נאָך דאָ אריינקומען. „זיי" וועלן הערן, אַז איך דערצייל, וועלן „זיי" מיך ווידער שיסן, איך האָב מורא...

— האָב ניט קיין מורא, מיין קינד, אַהער וועלן זיי ניט קומען, דאָ וועט קיינער ניט שיסן. דאָ זיינען פאַראַן נור דאָקטוירים און קראַנקען־שוועסטער, וועלכע היילן די קראַנקע און זאָרגן וועגן זייער געזונט. האָב ניט קיין מורא. אויב ס'פאַלט דיר ניט שווער, קענסטו, מיין קינד, דערציילן, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט.

ווען די קליינע האָט אָנגעהויבן דערציילן, האָט אָשר אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע קראַפט וואָס העכער אויפצוהויבן זיין קאָפּ, וואָס בעסער צו הערן. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ מאָדנעם ווילדן גלאַנץ... תמימות־דיקע קינדישע ווערטער האָבן געשניטן, ווי מיט אַ מעסער זיין האַרץ און פאַרגיפטעט אויף אייביק זיין בלוט מיט שנאה און עקל צום גוי. פון די שוועסטער'ס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

— אין מיטן נאַכט האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון שטאַרקע קלעפּ אין אונדזער טיר. מיר וווינען אויף קאַנטאַ גאַס אויפן צווייטן שטאָק. דער פּאַפּאַ, די מאַמע און איך האָבן זיך פון די שטאַרקע קלעפּ זייער דערשראָקן. דער פּאַפּאַ האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. די קלעפּ זיינען

געוואָרן נאָך שטאַרקער, נאָך אַ ווײַלע און זיי וואָלטן אויפגעבראַכן די טיר. דער פּאַפּאַ האָט שנעל אויפגעשלאָסן און ס'זײַנען אַרײַנגעקומען דרײַ פּאַרטיזאַנער. דער פּאַפּאַ האָט זיי גלײַך אָוועקגעגעבן דאָס געלט, גאָלד און זייגערס. זיי האָבן אַ לאַנגע צײַט געזוכט אין בופעט און קליידער־שראַנק. איינער פון די פּאַרטיזאַנער האָט מיר געהייסן אַרויסקריכן פון בעט און צו גיין צו מײַן פּאַפּאַ. איך האָב מורא באַקומען און אים געפאָלגט. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיטן ביקס אין האַנט און געהיט מיך מיטן פּאַפּאַ און די איבעריקע צוויי... איז מיאוס צו דערציילן...

— דערצייל, מײַן קינד, שעם זיך ניט — האָט געזאָגט די שוועסטער און געגאָסן מיט טרערן— דערצייל אַלץ...

די קליינע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ווי זי וואָלט זיך מיישב געווען אויב זי דאַרף עס דערציילן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַרײַנגעשושקעט דער שוועסטער אַ סוד: זיי האָבן די מאַמען געשלאָגן, פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל, עפּעס זיך מיט איר געפּאָרעט... זי האָט זיך ביטער געהאַנגלט. איינעם האָט זי צודראַפּעט דאָס פּנים. דער פּאַפּאַ איז געשטאַנען נעבן מיר, געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און מורא געהאַט צו קוקן. איך האָב אָנגעפאַנגען צו וויינען און זיך געבעטן בײַ די פּאַרטיזאַנער זיי זאָלן ניט שלאָגן מײַן מאַמען. פּלוצלונג האָט דער פּאַפּאַ געעפנט די אויגן און אָנגעהויבן גיין... דער פּאַרטיזאַנער, וועלכער האָט אונדז געהיט האָט געגעבן אַ געשריי: בלײַב שטיין! ווען ניט שיס איך! און ער האָט אויסגעשטעלט די ביקס אַנטקעגן מײַן פּאַפּאַ. דער פּאַפּאַ איז שטיין געבליבן און ווײַטער פאַרמאַכט די אויגן. טרערן האָבן אָנגעהויבן רינען איבער זײַנע באַקן, פונקט ווי איצט פון דײַנע אויגן, שוועסטער! צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דעם פּאַפּאַ וויינענדיק.

שפּעטער האָבן זיי די מאַמען באַגאָסן מיט וואַסער און אַרויסגעשלעפּט אַ נאַקעטע פון בעט. דער פּנים איז איר געווען אינגאַנצן פאַרבלוטיקט.

כ'האָב זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן שרײַען. די מאַמאַ האָט אַ ווײַלע געעפנט די אויגן, אַ קוק געגעבן אויף מיר און דעם פּאַפּאַ,

געגעבן אַ קרעכץ און ווייטער זיי צוגעמאַכט. די פּאַרטיזאַנער האָבן איר גענומען פאַר די הענט און געשלעפּט פון צימער דורך די טרעפּ אין הויף. איך און דער פּאַפּאַ האָבן געמוזט נאָכגיין. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. מיר איז געוואָרן זייער קאַלט. פּלוצלונג האָט די מאַמע געעפנט די פאַרבלוטיקטע אויגן, ארויסגעריסן די הענט פון די פּאַרטיזאַנער, צוגעלאָפן צו מיר, ארומגעכאַפּט און אָנגעהויבן שטאַרק מיך צו דריקן צו זיך — מיר האָט אַזש וויי געטאָן. זי האָט אָנגעהויבן לאַכן און פון איר מויל האָט זיך געגאָסן בלוט, זי האָט מיר געוואָלט אַ קוש געבן, אָבער אנשטאָט דעם האָט זי מיך אָפּגעגאָסן מיט בלוט.

— מאַמע, האָב איך געוויינט, פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי שטאַרק דיך געשלאָגן ?

פּלוצלונג האָט געגעבן עפּעס אַ קלאַפּ... ווייטער געדענק איך ניט, וואָס עס האָט פּאַסירט. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען ליכטיק. ס'האָט מיר זייער וויי געטאָן. איך האָב זיך ניט געקענט רירן. געבן מיר פון איין זייט איז געלעגן דער מאַמעס קאָפּ און פון דער צווייטער זייט אַ ביסל אָפּגערוקט דעם פּאַפּאַ'ס קאָפּ. איך האָב אָנגע-הויבן וויינען און שרייען, אַז ס'איז מיר שרעקלעך קאַלט, אַז כ'טוט מיר זייער וויי. זיי האָבן אָבער מיר ניט געענטפערט. איך האָב געזען, אַז ביי דער מאַמען זיינען די ציין און אַז אויג אויסגעהאַקט. איך האָב זיך דערשראָקן און אומגעדרייט דעם קאָפּ צום פּאַפּאַ און זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך אויפכאַפּן, אָבער ער האָט מאָדנע געקוקט אויף מיר... זיי זיינען ביידע געשטאָרבן. איך האָב שטאַרק מורא געקראָגן און אָנגעהויבן נאָך העכער צו שרייען.

— שפּעטער זיינען געקומען קראַנקן-שוועסטער און ארויפגעלייגט מיך אויף אַ טראַג-בעטל און מיך געבראַכט אַהער אין קראַנקנהויז. ס'טוט מיר שרעקלעך וויי! זאָג מיר, שוועסטער, פאַרוואָס האָבן זיי געשלאָגן מיין מאַמען? זי איז דאָך שטענדיק געווען זייער אַ גוטע און פאַרוואָס האָבן זיי אין אונדז געשאָסן? מיר האָבן זיי דאָך מיט קיין איין וואָרט ניט באַליידיקט. אי, עס טוט מיר זייער וויי...

די קראַנקן־שוועסטער האָט געגאָסן מיט טרערן און געשוויגן. ניט ווייט איז געלעגן אָשר זעלווער מיט צוזאַמענגעביילטע פויסטן. פּלוצלונג האָט ער אַרויסגעבראָכט:

— און דיין פּאַפּאַ איז געשטאַנען און געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן?...

— שוועסטער! — האָט דאָס מיידעלע אויסגערופן מיט אַ ציטערדיקער שטימע — פאַרוואָס איז יענער קראַנקער אַזוי אין כעס? איז ער בייז אויף מיין פּאַפּאַ?

— ניין, מיין מלאכ'ל, — האָט געענטפערט, וויינענדיק אויפן קול די קראַנקן־שוועסטער. דער קראַנקער איז אויף קיינעם ניט אין כעס. ער איז קראַנק, רעדט ער אַזוי...

— פאַרוואָס וויינסטו, שוועסטער? האָסטו רחמנות אויף מיין פּאַפּאַ און מאַמען, וועלכע זיינען געשטאָרבן?

— ניין! — שרייט אָשר ווי משוגע פון זיין געלעגער — די שוועסטער האָט רחמנות אויף זיך אַליין, וויינט זי...

— שוועסטער, וואָס וויל יענער קראַנקער? איך האָב מורא, ער רעדט אַזוי מאָדנע...

— האָב ניט מורא, מיין קינד, דעם קראַנקן טוט זייער וויי, רעדט ער אַזוי מאָדנע, — האָט די קראַנקן־שוועסטער זי געגלעט און באַרואיקט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו ניט, שוועסטער, אויף די פראַגן, וואָס איך האָב דיר געפרעגט?

— איך ווייס ניט, מיין קינד, איך ווייס ניט, מיין גאָלד, וואָס דיר צו ענטפערן. איך ווייס אַליין ניט...

— אפשר ווייסט יענער קראַנקער, זאָל ער מיר דערקלערן, אָבער זאָל ער אַזוי מאָדנע ניט שרייען. איך האָב מורא, ווען ער שרייט...

אָשר'ן איז געוואָרן פאַרלייגט דער האַלדז. ער האָט ניט געקענט אַרויסברענגען קיין איין קלאַנג. אינעווייניק אין האַרצן האָבן געטריפט טראָפּנס בלוט. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט אַ פאַרבלוטיקטע געשענדעטע יידישע פרוי. זי קוקט אויף אים מיט איר געזונטן אויג, קוקט

שטאַלץ און לאַכט. און נאָך איר שלעפּט זיך נאָך אַ קליין מענטשעלע, וועלכער האַלט פאַרמאַכט די אויגן, וויינט און בעט זיך: לאָזט מיך לעבן, לאָזט מיך לעבן!... דעם מענטשעלעס פּנים האָט אויסגעזען אַשר'ן צו זיין זייער באַקאַנט. יענער דאַרף נור עפענען די אויגן און... אַשר האָט אַ ציטער געגעבן. דורך זיין קערפּער איז אַדורך ווי אַ עלעקטרישער שטראָם... צו וואָס שרייט ער? דאָס מיידעלע זאָגט דאָך, אַז זי האָט מורא פאַר זיין שרייען. דוכט זיך, אַז ניט ער רעדט עס: אַ גילגול פון אַ שטאָלצער יידישער נשמה שרייט אין אים, מאָנט איר רעכט, אָבער יענער ייד, דער טאַטע פונעם אומגליקלעכן קינד, איז דאָך ניט שולדיק. ער גייט אין אַן אויסגעטראָטענעם וועג פון דורות. ער איז געבונדן מיט זייערע קייטן. ער איז אָנמעכטיק צו צערייסן אָט די קייטן, אין וועלכע ס'האָט געשמידט זיך אַליין יעקב דער יושב אוהל. געוויס, אויב יענער ייד וואָלט נאָך אַלעמען בלייבן לעבן, וועט ער ניט זוכן קיין נקמה. ניבער וועט ער זוכן אַלץ צו פאַרגעסן. ער וועט לויפן אויף די בית־עולמ'ס וויינען אויף די קברים, אין בתי־מדרשים, בעטן ביי גאָט מחילה...

— אַי, עס טוט מיר וויי! — האָט אויפגעוועקט אַשר'ן פון זיין פאַרגליווערטקייט דעם קינד'ס געשריי. ער הייבט אויף די אויגן און זעט, אַז די שוועסטער זיצט פאַרטראַכט אויפן בעטל ביים קינד, גלעט איר קעפּעלע און שווייגט...

ס'קומט אַריין ד"ר זאַכאַרין. אויפן אייז־קאַלטן פּנים פון אַ דאָק־טאָר, וועלכער טוט זיין אַרבעט מעכאַניש, ווי אַ קצב, וואָס ווייסט ניט פון געפיל און מיטלייד, האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. ער איז צוגעגאַנגען צום קינד און עס געגלעט. צום ערשטן מאָל פאַר זיין לאַנגער פּראַקטיק איז ער סענטימענטאַל געוואָרן ביז טרערן. צום ערשטן מאָל ציטערט זיין האַנט.

— אַי, עס טוט מיר שרעקלעך וויי, ה' דאָקטאָר!

— מיין קינד, מיר וועלן גלייך באַרואיקן דיינע שמערצן: ציטערט ניט ווילנדיק דעם דאָקטאָר'ס שטימע.

— ה' דאָקטאָר, וועל איך ניט שטאַרבן, ווי מיין מאַמע און פּאַפּאַ?

— ניין, מיין קינד, דו וועסט נים שטארבן, מיר וועלן זיך באמיען דיך געזונט צו מאכן — ענטפערט דער דאקטאר און באוועגט מאדנע זיין גרויסן קאָפּ.

— פארוואס, ה׳ דאקטאר, האבן זיי אין אונדז געשאסן? מיר האבן דאך קיינעם קיין שלעכטס נים געטון?

— דאס זיינען, מיין קינד, געווען שלעכטע, זייער שלעכטע מענטשן.

— ה׳ דאקטאר, מיין מאמע פלעגט מיר פארבאטן זיך שפילן מיט קריסטלעכע קינדער. זי פלעגט מיר זאגן, אז זיי האבן אונדז יידן פיינט. פארוואָס האבן זיי אונדז פיינט און פארוואָס זיינען זיי אזעלכע שלעכטע מענטשן?

דער דאקטאר האט זיך פארטראכט. דאס קינד האט געשטעלט אַ משוגה׳דיקע פראגע, וואָס ספעציעל פאר אים דעם האלב-אסימי-לירטן יידן איז געווען שווער צו געפינען דערויף אַ תשובה.

— מיין קינד, דאס רעדן שטרענגט דיך אָן. אַז דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו אַליין אליין דערגיין...

ער האט לאנגזאם און זייער פארזיכטיק אוועקגעזעצט דאס קינד און אויפמערקזאם באטראכט די ווונדן.

אָשר זעט פאר זיך אַ קליין צארט קערפערל, ווי פון אַ מלאכ׳ל, וואָס איז ארונטערגעפאלן אויף אונדזער בלוט-דורשטיקער ערד. אויף דעם שניי-ווייסן רוקן שפיגלט זיך אַ רויטער צייכן ווי אַ בלימעלע, ווי אַ קליינע ראָזע, ווען זי אָטעמט איין זון און לופט...

אויף רוסיש זאגט דער דאקטאר דער שוועסטער, אַז מען מוז דאס קינד גלייך אָפערירן און ארונטערנעמען אַ העמטעלע...

ווייך זיינען דעם דאקטאר׳ס ווערטער צום קינד, פאטערלעך גלעט ער איר קעפעלע, פארזיכטיק לייגט ער זי מיט דער שוועסטערס הילף צוריק אַוועק... ער רעדט נאך, דער דאקטאר, אבער אָשר הערט שוין נים... פאר זיינע אויגן שוועבט דאס קליינע קערפערל מיטן רויטן צייכן און ער מורמלט צו זיך אליין ווי ער וואָלט ווידוי געזאגט:

— מיר זיינען שולדיק אין דעם קינד׳ס ליידן. די קומענדיקע דורות וועלן עס אונדז נים מוחל זיין.

דער דאָקטאָר איז שוין ניט געווען. נור די שוועסטער איז נאָך אַלץ געזעסן און געגלעט די קליינע און אירע אויגן האָבן פאַרחלומט גע־קוקט אויף איין פּינטעלע אין סופים.

— מייער קינד — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ווייבע, מיט ווייטאָק אָנגעזאָפּטע שטימע — שטרענג זיך אָן אַריבערצוטראָגן דיינע ווייטאָקן פּונקט ווי דיין העלדישע מאַמע, וועלכע האָט דיך אַרומגע־נומען און געלאַכט פאַרן טויט...

אָשר'ן האָט זיך געדוכט, אַז די שטימע איז זיינע און די שוועסטער האָט געוואָרפן אויף אים אַ מאָדנעם בליק.

— ווי קען איך לאַכן, אַז עס טוט מיר זייער ווי? מסתמא האָט מיין מאַמען ניט אַזוי שטאַרק ווי געטאָן, אַז זי האָט געלאַכט...

— ניין, מייער קינד, דיין מאַמע האָט געהאַט שרעקלעכע שמערצן און דאָך האָט זי געלאַכט. דיין פּאַפּאַ האָט קיינע שמערצן ניט געהאַט און דאָך האָט ער געוויינט.

באַלד האָט מען די קליינע אַוועקגעטראָגן אין אָפּעראַציע־צימער.

די קראַנקן־שוועסטער איז צוגעגאַנגען צו אָשר'ס בעט און מיט פאַרוואורף אים געזאָגט:

— אָשר זעלווער, אַ העלדישער און פּעדאַגאָג, רעדט צו אַ שמאָר־בנדיקן קינד אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. האָט איר, הער זעלווער, הויכע טעמפּעראַטור?

אָשר'ן איז הייס געוואָרן. די שוועסטערס ווערטער האָבן אים גע־געבן ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט ניט צוזאַמענצוברעכן און אַרויסגעשטאַמלט:

— ווער זייט איר אַזעלכע, וועלכע רעדט פון פּעדאַגאָגיע אין די לעצטע מינוטן, ווען ס'הויבן אויס אונדזערע נשמות, ווען עס ווערן פאַרלאָשן די לעצטע פונקען פון אונדזער גלויבן און אונדזער נשמה איז פול מיט יאוש בנוגע אונדזערע הייליקייטן?...

ער האָט אָנגעהויבן רעדן ווערטער אָן אינהאַלט און טעם. די שוועסטער איז געשטאַנען און געקוקט אויף דעם אומגליקלעכן, וועל־

בער פייניקט זיך אומזיסט אומגישט. דער דאָקטאָר פאַרבייגייענדיק האָט געהייסן אַריינגעבן אָשר'ן אַ שפּריץ און ער איז איינגעשלאָפן.

אין אָוונט איז די קראַנקן־שוועסטער שרה געזעסן ביי אָשר'ן אויפן בעט, געמאָסטן אים די טעמפּעראַטור און געשוויגן. אָשר האָט זיך גע־שפּירט פיל בעסער. דער קאָרידאָר איז געווען ווי שטענדיק האַלב באַ־לויכטן און אַרויסגערופן טרויעריקע געדאַנקען. דאָס שווערע אָטעמען פון די קראַנקע האָט אָנגעטריבן אַ מרה שחורה אויף די צוויי יונגע מענטשן.

פּלוצלונג האָט זיך שרה צוגערוקט גאַר נאָענט צו אָשר'ן. ער האָט דערפילט די וואַרעמע נאָנטקייט פון איר קערפּער. זי האָט אַראָפּגע־בויגן איר קאָפּ. אירע האָר האָבן געגלעט זיין שטערן און אירע שוואַרצע אויגן האָבן אין דער טונקלקייט אַזוי טרויעריק און מיט בענקשאַפט געקוקט, אַז אָשר'ן האָט זי אויסגעזען עפּעס ווי אַ ניט־ערדישע... אין ווייסן כאַלאַט האָט די יונגע שרה אים אויסגעזען, ווי אַ וואונדער־באַרע שיינע געשטאַלט פון אַ יידישער טאָכטער. ער וואָלט זאָגן, פון יענע יידישע מיידלעך, וועלכע פלעגן טאַנצן אין בית־המקדש, אָנגע־טאָן אין ווייסן, אין דעם הייליקן טאָג פון יום הכפורים...

— שרה! איר זייט אַן אמתע יידישע טאָכטער! — האָט אָשר געפּליסטערט אין אַ שטילן עקסטאַז.

זי האָט ניט געענטפערט.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך, געגלעט איר קאָפּ, זי האָט געשוויגן. פּלוצלונג איז אָשר איבעראַשט געוואָרן. טרערן זיינען געפאַלן אויף זיין האַנט. ער האָט געפילט, אַז זי לעבט איבער אַ טראַגעדיע, אַז איר נשמה איז אָנגעווייטאַקט. זי איז געווען פאַר אים אַ רעטעניש. ער האָט ניט געקענט וויסן, אַז מיט זיין קאָמפּלימענט האָט ער אין איר האַרצן אַ טיפע וואונד באַרירט. אַ געהיימע קראַפט האָט אים געצויגן צו דעם סודות־פולן מיידל. אָשר האָט זיך מער קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן. ער האָט צוגעדריקט די קראַנקן־שוועסטער צו זיך און ליידנשאַפטלעך זי געקושט. זי האָט אים אָפּגעשטויסן. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט אים מיט כעס איבערגעריסן:

— מענער וואָלטן פארבראכט מיט אַ פרוי אפילו אויפן קבר פון טאטע־מאַמע. אויך איר, זעלווער, ווילט אַ פלירטעווע טון, ווען צענדליקער שוועסטער און ברידער דאָ נעבן אייך גוסס'ן...

אָשר האט זיך געשפירט ווי אָפגעגאסן מיט אַ קאַלטן שטראָם. ער האט זיך געפילט שולדיק ווי אַ פארזינדיקטער חדר־יינגל.

שרה האט אים אנגענומען פאר דער האנט, אַ ציטער איז אים אַריבער איבערן לייב. ער האט געקוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן...

— און אפשר זייט איר גערעכט? — האט זי ווי פון שלאף גערעדט — אפשר עקזיסטירן איצט ניט קיינע געזעצן און כללים? אפשר דארף מען איצט לאזן ווילגיין דעם קערפער, נאכגעבן די תאוות, ווייל נאך אַ טאָג, נאך אַ טאָג, במילא איז אויס... אפשר וואָלט עס זיין די שענסטע נקמה לגבי גאָטהייט און גערעכטיקייט, אויב אזעלכע זיינען פאראן... — דאן זאל צו זיי דערגרייכן צוזאַמען מיט די גסיסה־קרעכצערייען אויך אַ קרעכץ פון תאוה און גענוס — כאַ, כאַ, כאַ... אַז עדות דערצו וואָלט מען געדארפט ברענגען דאס דורכגעשאסענע מיידעלע...

אָשר וויל זיך פארענטפערן, אבער זי לאזט אים ניט:

— און אפשר איצט, טאקע איצט, ווען דער טויט האט זיך אריינגעריסן צווישן אונדז און פארניכטעט יונג און אַלט, קליין און גרויס, זאלן מיר זיך פירן ווי אונדזערע עלטערן. ווען אַ מגפה פלעגט אויסברעכן צווישן זיי, פלעגן זיי שטעלן חופות און מאכן חתונות אויפן בית־עלמין. דער בית־עלמין איז ווייט, אבער דאס מתים־שטיבל איז דאָ אונטן. אפשר זאל מען דארט מאכן אַן אָרט פאר די ווילדעסטע אָרגיעס?

אָשר איז געבליבן געפּלעפט. אירע לעצטע ווערטער האבן אים שטארק געטראפן. זיין שולד איז אים געווען קלאר. ער האט זיך שוין אפילו ניט געפרווט פארטיידיקן. זיינע אויגן האבן צו איר קלאר און דייטלעך גערעדט:

— איך בין זינדיק, דו ביזט הייליק, צניעותדיק...

פלוצלונג האט פּאסירט אַזעלכעס, וואָס האט געביטן די ראָלן. אָשר האט ניט נור געפונען זיין גלייכגעוויכט, נאר ער איז תיכף אריין אין דער ראָלע פון אַ שופט. צו איז עס געווען צוליב דעם, וואָס שרה האט זיך געפילט עלנט און אומבאהאלפן אין אָט דער שרעקלעכער צייט און אין אָשר'ן האט זי געגלויבט צו געפינען אַ חבר, אַ פריינט, אדער זיינען עס געווען אירע שווערע איבערלעבענישן פון עבר, וועלכע האבן נאך אויך איצט ווי אַ שווערע משא געדריקט אויף איר און זי האט געמוזט האבן פאר וועמען אויסצוגיסן איר שווער הארץ. און אפשר דאס אלץ צוזאמען האט געבראכט דערצו, אַז זי זאל פלוצלונג אָן שום הקדמות עפענען איר פארביטערט הארץ פאר אָשר'ן.

— איך וועל אייך דערציילן וועגן מיין פארגאנגענהייט — האט זי טרויעריק געזאגט. אלטע וונדן, כמעט פארהיילטע, האבן איצט, מער ווי אַמאָל, אָנגעהויבן אין מיין הארצן צו בלוטיקן. איך גלויב, אַז איר וועט מיך פארשטיין. איר וועט מיך ניט פאראורטיילן. איך מוז אַראָפּ־רעדן פון הארצן, עס זאל אין מיר ניט פּלאצן... טראָץ דעם, וואָס מיר זיינען פרעמדע מענטשן, האב איך דאך צו אייך צוטרוי, אפשר זיינען דאס די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן...

זי האט טרויעריק אַראָפּגעלאזט דעם קאָפּ און איז פארזונקען אין געדאנקען. לאנגע מינוטן איז זי געזעסן פארגליווערט אין טיפן צער. עס האט אויסגעזען, אַז אָשר'ן האט זי אינגאנצן פארגעסן. אָשר האט געדולדיק געוואַרט. פאר אים זיינען אירע ווערטער געווען פארנעפּלט. ער האט איר מיטגעפילט, אבער גלייכצייטיק איז ער געווען צופרידן, וואָס ער האט ביי איר געוווּנען דעם פולן צוטרוי.

צום סוף האט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי אייגער, וואָס טשוכעט זיך אויס פון אַ שווערן שלאָף. אין אירע אויגן האבן זיך אָפּגעשפּיגלט טרויער און פארצווייפלונג.

— וועט איר האבן געדולד, ווען ארום אונדז הערשט דער טויט, אויסצוהערן אַ מעשה וועגן נשמה־וואַקלענישן פון אַ יונג יידיש מיידל? פארמאגט איר איצט כוח אויסצוהערן אַ וידוי פון אַן אומשולדיקער

געפּלאַגטער יידישער טאַכטער? אויב יאָ, דאַן זאָגט מיר צו מיך ניט איבערצורייסן...

אָשר איז געוואָרן געשפּאַנט ביזן העכסטן גראַד. ער האָט זיך גע־שפּירט ווי היפּנאָטיזירט. ער האָט פּעסט געענטפערט:

— איך זאָג אייך צו אויסצוהערן ביזן סוף, אויב אפילו עס זאָל דויערן די גאַנצע נאַכט.

שרה האָט שטום אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגערוקט פון אָשר'ן און געבליבן זיצן אויפן ראַנד פון בעט. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין געבוירן און זיך דערצויגן אין שטעטל קעלם. מיין זיידע איז געווען דער אַלטמען באַוווסטער ר' זעליק.

— ר' זעליק ז"ל! — האָט אָשר אויסגערופן: — איר שרה זייט אַן אייניקל פון דעם הייליקן ייד, וועלכער פלעגט גיין דעם גאַנצן טאָג אָנגעטון אין טלית און תפילין? כ'דערמאָן זיך (כ'האָב געלערנט אין קעלמער ישיבה) זיין אריינגיין אין בית־המדרש און זיין „מה טובו"... איר דאַרפט זיין שטאָלץ, שרה, צו זיין אַן אייניקל פון אַט דעם וווּנדער־לעכן מענטשן, וועלכער פלעגט פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און האָט זיין גאַנצן לעבן אויסגעפילט מיט תורה און תפילה. שרה, איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי איך בענק נאָך יענע גלויביקע, וואָס אַ שפּילכל איז געווען פאַר זיי מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר גאָט און זיין תורה — טראַץ דעם, וואָס זיי האָבן געקעמפט קעגן אונדז „אַפּי־קורסים", וועלכע צוברעכן דעם צוים פון יידישקייט, גייען קעגן גאָט'ס רצון און ווילן בויען ארץ ישראל נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט. וווּ נעמט איצט אין אַט דער שרעקלעכער צייט אַזעלכע שטאַרקע יידן?

ער האָט ניט פאַרענדיקט, ווייל שרה האָט זיך פּלוצלונג אַ שטעל אויף געטון. אירע אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן:

— איר האָט געבראָכן אייער צוזאָג. איר האָט מיך איבערגעריסן ביי מיינע ערשטע ווערטער. איר האָט זיך אריינגעריסן אין מיין פאַר־וווּנדעטן האַרצן און מאַכט עס נאָך מער בלוטיקן...

זי האָט אָנגעהויבן שרייען ווי זי וואָלט משוגע געוואָרן. אָשר האָט

זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען. דאָס איז שוין ווייט ניט געווען די שיינע צאַרטע שׂרה. פאַר אים איז געשטאַנען אַ פאַרוואונדעטע חיה...

— איך וויל ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון מיין הייליקן זיידן, איך האָב עס ניט געטאָרט... איך וויל ניט פאַראומרייניקן זיין אָנדענק מיט מיין אומרייניקן מויל, וואָס האָט געקושט די ליפּן פון אַ גוי אַ מערדער, וועלכער פירט איצט אָן מיט די שחיטות איבער מיינע ברי־דער און שוועסטער! — „ער" קומט אַהער, איצט דאָ אין קראַנקנהויז, צו זיינע חברים — פּאַרטיזאַנער — איך הער ווי ער דערציילט — איך הער ווי ער לאַכט— איך הער ווי ער רימט זיך פאַר זיי, אַז ער שלאָגט אַ רעקאָרד אין שענדן יידישע פרויען, אין פאַרגיסן בלוט פון קינדער און אַלטע... און איך האָב אים דאָך אַמאָל געליבט! שמד'ן זיך האָב איך צוליב אים געוואָלט...

אָשר האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי איינער, וואָס קריגט מיט אַ שטיק האָלץ איבערן קאָפּ און ווען ער האָט זיי געעפנט האָט ער ביים שוואַכן שיין פון לעמפּל דערזען רויטע אויגן, וואָס גיסן טרערן.

אָשר האָט שטיל, שטיל ארויסגעשטאַמלט:

— זאָגט, שׂרה... אַז... דאָס איז אַ ליגן, זאָגט, אַז... איר שפּאַסט עס...

— אין אונדזער איצטיקער לאַגע טרייבן שפּאַס? — האָט זי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט — ניין! דאָס איז דער ביטערער און טרויעריקער אמת, דערפאַר לייד איך אזוי...

אָשר האָט ווידער צוגעמאַכט זיינע אויגן. זיין קערפּער האָט געציטערט פון קעלט... ערגעץ ווו אין זיין דמיון האָט געשוועבט אַ הייליקע און צער'פולע געשטאַלט, באַצירט מיט אַ שוואַרצער יאַרמעלקע און מיט אַ שניי ווייסער באָרד, איינגעהילט אין טלית און תפילין. די גע־שטאַלט איז געבליבן הענגען אין חלל פון צימער און צו אשר'ס אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ קול:

— איר האָט צובראָכן די לעצטע צווייגן. מיט וואָס ווילט איר איצט זיך קעגנשטעלן דעם אָנקומענדיקן שטורעם?.. זי — אַ יידישע טאָכטער? — זי?...

אָשר עפנט די אויגן און זעט ווי שרה שטייט רואיק נעבן זיין בעט. ‏ים דערוועקט זיך ביי אים אַ ווילן איר אַ שפיי צו טאָן אין צורה און ‏יך אריבערדעקן מיט דער קאָלדרע.

— אַך, ווען איך וואָלט געוואָלט געזונט, וואָלט איך גלייך אַנטלאָפן — פליט אים דורך אַ געדאַנק — פאַרוואָס שטייט זי דאָ נעבן אים, פאַרוואָס גייט זי ניט אַוועק?

— און איצט, וועל איך אייך דערציילן ווי דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט, — זאָגט זי צו אָשר'ן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער רו.

— ניין, ניט נייטיק! — רופט אויס אָשר מיט צאָרן און עקל.

— איר האָט עס מיר צוגעזאָגט! איך גלויב, אַז איר וועט אייער וואָרט האַלטן און מיר אויסהערן ביזן סוף.

— אַך, האָט אָשר אויסגעקרעכצט — איר האָט ארויסגעגאַרט מיין צוזאָג, כדי צו קענען מיך פּייניקן...

— ניין, — האָט זי שטיל געענטפערט — כדי איר זאָלט מיר זאָגן, אויף וואָס פאַר אַן אופן איך זאָל תשובה טאָן.

— וואָס? — האָט אָשר מיט אַ ווילדן כעס אויסגעשריען — בין איך אַ חסידישער רבי, איך זאָל אייך געבן תשובה? אָדער מיינט איר אפשר, אַז איך בין אַ גלח, פאַר וועלכן איר דאַרפט זיך מתוודה זיין?

— שווייגט, רעדט ניט אַזוי, איר ווייסט דאָך ניט מיינע ליידן! — האָט זי זיך ווי געבעטן ביי אים.

— איך ווייס ניט און וויל עס ניט וויסן! — האָט ער שאַרף אָפּ־געהאַקט.

זי איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן פאַרקלערט, ווי זי וואָלט זיך איבער־לייגט. פּלוצלונג האָט זי ארויסגעשלעפּט פון כאַלאַט אַ צוקנייטשטן העפט, אים אַ וואָרף געטאָן צו אָשר'ן אין בעט אריין און איז שנעל פאַרשוווּנדן געוואָרן אין האַלב טונקעלן קאָרידאָר...

אין אַ שעה ארום האָט זיך די טיר פון קאָרידאָר עטוואָס גע־עפנט, אַ קאָפּ האָט זיך אריינגערוקט דורך דער שמאָלער עפענונג. אַ פּאָר אויגן האָבן אַ בליק געטאָן אינעווייניק און שטראַלנדיקע גלייך זיך צוריקגעצויגן. אָשר איז געווען פאַרטיפט אין לייענען דאָס העפט,

וואָס שרה האָט אים איבערגעלאָזן. ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן און ליכט האָט זיך געמישט מיט פינצטערניש און דאָס קראַנקנהויז האָט זיך געטשוכעט פון זיין נאַכטיקן שלאָף, איז שרה געשטאַנען נעבן אָשר׳ס בעט.

— און איצט ? — פרעגט אָשר און קוקט מיט מיטגעפיל אויף שרה׳ן.

— איצט — ענטפערט זי און איר שטימע ציטערט פון אויפרעגונג — איז „ער" געקומען אַהער אין קראַנקנהויז באַזוכן זיינע פאַרווונדעטע חברים... צוויי מאָל איז „ער" דאָ געווען. „ער" האָט מיך ניט דערקענט — „ער" האָט זיך פאַר זיי באַרימט מיט זיינע העלדנטאַטן. „ער" האָט זיי דערציילט, אַז ער פירט אָן מיט אַ גרופּע, קוילעט און מאָרדעוועט, פּייניקט און שענדעט מיינע שוועסטער, מיינע ברידער... אָ ! הער זעלווער, דאַרף איך תשובה טאָן ?

אירע אויגן האָבן ווי געשפּריצט מיט פייער. עס איז געווען קענטיק, אַז זי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס...

אָשר קומט צו זיך פון זיין פאַרגליווערטקייט און וויל איר עפּעס זאָגן, אָבער אַ היכליקע, פעסטע שטימע טוט אָפּ אויף זיינע ליפּן דאָס ערשטע וואָרט.

— איך וויל פון אים נקמה נעמען ! נקמה פאַר דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט. נקמה פאַר אַמאָל, נקמה פאַר היינט, נקמה פאַר אַלץ און האָן שטאַרבן !...

אָשר, וועלכער האָט זיך געפונען אונטערן רושם פון איר טראַגעדיע, האָט איר פאַרשטאַנען, אָבער דאָך האָט ער אירע ווערטער וועגן נקמה ניט גענומען ערנסט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ מאָמענטאַלן אויפברויז, וועלכן ס׳קען אַרויסרופן נור אַ קרענקלעכע איינבילדונג.

אָשר האָט באַשלאָסן צו באַרואיקן דאָס מיידל און איר אומקערן דאָס גלייכגעוויכט און דעם לאָגישן אופן דענקען.

וואָלט דאָן אָשר געוווּסט, אַז נעבן אים שטייט אַ מיידל, וועלכע וועט פאַר איר העלדישקייט אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַזונגען ווערן דורך יידישע קעמפער אין די וועלדער, וואָלט ער דאָן געוווּסט, אַז דער

נאָמען פון דער יידישער פּאַרטיזאַנקע שרה וועט וואַרפן אַ שרעק ניט נאָר אויף צענדליקער דערפער ביים טייך דוביסא, נאָר אויך אויף דייטשע באַנדעס און אַז זי וועט זיין דער גואל הדם פאַר טויזנטער יידן, וועלכע זיינען אַן שום ווידערשטאַנד געגאַנגען צום טויט, — וואָלט דאָן אָשר געוווּסט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און ער וועט שטיין פאַר איר אין איינעם פון די וועלדער ביים טייך דוביסא ווי אַ פאַרזינדיקטער שילער פאַרן לערער, וואָלט עס אָשר אַלץ פאַראויסגעזען, וואָלט ניט אַ החמנות־געפיל, נאָר אַ טיפער דרך־ארץ פאַרנומען זיין האַרץ און ער וואָלט מיט יראת הכבוד געבויגן זיין קאָפּ פאַרן אייניקל פון דעם הייליקן ר' זעליק... אָשר האָט עס באַטירלעך ניט געקענט פאַראויסזען, אָבער דאָך האָט ער דערפילט אין איר עטוואָס אויסערגעוויינלעכעס. אַ פונק פון איר נשמה־פייער האָט זיך דערטראָגן צו זיין האַרץ און עס אַ ברי געטאָן... ער האָט איר געפרעגט:

— ווען עס זאָל אייך, שרה, געלינגען צו דערמאָרדן דעם פּאַרטיזאַן, וועט דאָך דאָס ברענגען אַן אומגליק אויף אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך דאָ אין קראַנקנהויז. זייט איר מסכים אויף אַזאַ אופן צו שטילן אייערע באַרעכטיקטע נקמה־געפילן?

זי איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן, קוים וואָס זי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— איר זייט גערעכט... זאָגט מיר, איך בעט אייך — ווי אַזוי? ווי אַזוי?...

— ווי אַזוי? — חזרט איבער אָשר איר פראַגע — מיט דעם, וואָס אָנשטאָט צווייפלהאַפטע נקמה וועט איר טאָן פּאָזיטיווע אַרבעט, העלפן יידן זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג, באַקעמפן זייער פעסימיזם, וועקן אין זיי דעם דראַנג צום לעבן און דראַנג צום קאַמף, אויפקלערן די פאַרצווייפלטע, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט געדאַנקען פון זעלבסט־מאָרד, אַז זיי ווערן אומדירעקט דערמיט די משרתים פון היטלערן און זיין באַנדע.

זייער פיל האָט אָשר אין אָט דער שלאָפלאָזער נאַכט גערעדט פאַר שרה'ן און זי — ווי אַ געהאָרכזאַמע שילערין האָט אַלץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט.

אין דרויסן האָט אַ שמייכל געטאָן די אויפגייענדיקע זון. ערד און הימל האָבן זיך געטונקט אין רויטקייט און באַגריסט מיט אַ גוטן מאָרגן דאָס בלוטיקע ליטע־לאַנד. שרה אַ באַפליגלטע מיט נייע קרעפטן און נייע פּלענער האָט אָפּשייד גענומען פון אָשר'ן, וועלכער איז גלייך נאָך איר אַרויסגיין אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

— — — — — — —

דאָנערשטיק, דעם 26־טן יוני בײַנאַכט האָבן די ליטווישע מערדער באַשלאָסן דאָס רעשט ייִדישע באַפעלקערונג פון קאָוונער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע צו פאַרניכטן. רוצחישע באַנדעס באַוואָפנטע מיט ביקסן, רעוואָלווערן, האַנט־גראַנאַטן, מעסערס און העק, האָבן אין דער פינצטע־רער נאַכט אויפגעבראָכן די טירן פון די ייִדישע הײַזער אין די געסלעך פון סלאָבאָדקע און האָבן אויף אַ אומדערהערט רוצחישן אופן צעשאָסן און צעשאַכטן הונדערטער ייִדן. ווי עדי ראיה האָבן איבערגעגעבן האָבן זיי מיט אַ סאַדיסטישער הנאה די קינדערלעך אין די וויגן געשפּאָלטן מיט העק די קעפּלעך. פאַרן דערשיסן האָבן זיי דאָס רוב פרויען פאַר־גוואַלדיקט. די שחיטה האָט זיך געצויגן די גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרײַטיק.

אויף יורבאַרקער גאַס ווו ס'האָט געוווינט דער באַקאַנטער אין ליטע ציוניסטישער עסקן מ. יאַטקונסקי איז געפונען געוואָרן זײַן קאָפּ אין איין עק צימער און דער קערפּער אין אַ צווייטן עק צימער.

פרײַטיק בײַטאָג האָבן די מערדער צונויפגעכאַפּט אַ פופציק ייִדן פון באַהעלטענישן און געבראַכט זיי איבער סלאָבאָדקער בריק צום ברעג ווילִיע, צווישן זיי אַ רב אין טלית און תּפילין און אַ דאָקטאָר, וועלכן מען האָט אַראָפּגענומען פון אויטאָ פון רויטן קרייץ. דאָרט האָט מען אַלעמען אויסגעשאָסן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם ליט־ווינער, וועלכע האָבן געיובלט פון שמחה און רווישיק אַפּלאָדירט. די קדושים זײַנען אויפן אָרט באַגראָבן געוואָרן. דעם זעלבן טאָג האָבן די ליטווישע מערדער צונויפגענומען מיסט־וועגענער און געפירט די הרוגים פון סלאָבאָדקע צו די צוגעגרייטע גריבער בײַ דער בריק.

אין דער זעלבער צייט האבן זיך אויפן 7-טן פארט (אַ טורמע נעבן קאָוונע) געפונען בערך 9 טויזנט יידן. דארט זיינען די פרויען און קינדער אָפּגעטיילט געוואָרן פון די מענער און מ'האט זיי איינגע-שפּאַרט אין די קאַזעמאַטן פון פאָרט. דער רעזשים אויפן פאָרט, ביז עס איז דורכגעפירט געווארן די מאסן-עקזעקוציע, איז געווען אַ שווי-דערלעך-גרויזאַמער.

די טויזנטער פארשמאכטע און פארחלשטע האבן געמוזט ליגן אויף דער ערד אונטערן פרייען הימל. זיי האבן ניט געטאָרט צווישן זיך רעדן אדער זיך אויפשטעלן. צוליב די גרויסע היצן, וואָס האבן געהערשט יענעם זומער, האבן די אַרעסטירטע שרעקלעך געליטן פון דורשט. צעקלאַפּטע, צעשלאָגענע, ווי פארהרג'עטע הינט, אָן ענערגיע און ווילן זיינען די אומגליקלעכע פיל טעג און נעכט אזוי געלעגן און עפּעס אַ טעמפּ געפיל האט יעדן באַהערשט: ווען וועט זיך שוין דאס ענדיקן? די ליטווישע וואַך פלעגט אָפט ווייזן „גוטהאַרציקייט", אויסקלייבן אַ צענדליק אַרעסטירטע און זיי פירן זיך אָנטרינקען ביי אַ דערבייאיקער ליוזשע. אויפן צוריקוועג פלעגן זיי דערשאָסן ווערן דורך דער זעלבער וואַך.

שפּעטער האט מען אָנגעהויבן פירן יידן פּאַרטיעסווייז צום פאַרט-אויפשיט און זיי אויסשיסן. נאך יעדער פּאַרטיע פלעגט אַ צווייטע מוזן די פריערדיקע פארשיטן, אויסגראבן פאר זיך גריבער און דאן פלעגן זיי אליין אויסגעשאָסן ווערן. איינער פון דער לעצטער גרופּע פלעגט ברענגען צוריק די רידלס . . .

ווען ס'פלעגט אָנקומען די נאכט, פלעגן די מערדער זיך אריינרייסן צו די פרויען אין די קאַמערן און פלעגן פון דארט ארויספירן יונגע יידישע מיידלעך, זיי שענדן און דערנאָך דערשיסן.

פיל נעכט האבן אָנגעהאַלטן אזעלכע שווידערלעכע סצענעס. הונדערטער יונגע יידישע מיידלעך און פרויען זיינען דערשאָסן געוואָרן. בעת די ראַזיקע ווילדע נאַכט-אָרגיעס, כדי ניט גושא-חן צו זיין ביי דער ליטווישער וואַך, פלעגן די מיידלעך און יונגע פרויען בכיון איינ-שמירן די קליידער און פּנים אין בלאָטע. דאס האט אָבער



קאָוונע, זיבעטער פאָרט, אָנהויב יולי 1941. צונויפגעכאַפטע יידן צום דערשיסן.

צ. ה. ק.

די פאַרהיה׳שטע סאַדיסטן ניט אָפּגעהאַלטן פון זייערע פאַרברעכערישע מעשים. אין פיל פאַלן זיינען געשענדעט און פאַרפּייניקט געוואָרן 12 יאָריקע מיידלעך צוזאַמען מיט זייערע מוטערס.

דער דאַמאַלסטיקער קאָוונער קאָמענדאַנט פאָלקאָווניק באַביאַליס (אַ ליטווינער) פלעגט אָפט קומען וויזיטירן דעם 7־טן פאָרט און אַליין געבן די נויטיקע אָנווייזונגען דער וואַך. איינמאָל האָט ער פאַראָרדנט אויסצוטיילן פון די יידישע מענער די יעניקע, וועלכע האָבן געדינט פרייוויליק אין דער ליטווישער אַרמיי. לערך 80 יידן, געוועזענע פריי־וויליקע פון דער ליטווישער אַרמיי זיינען געוואָרן אָפּגעטיילט און פאַר־שפּאַרט אין אַ באַזונדערן קאַזעמאַט. דאָ זיינען די יעניקע, וועלכע זיינען פרייוויליק געגאַנגען קעמפן פאַר דער ליטווישער מלוכה, גע־צוואונגען געוואָרן צו זינגען און טאַנצן פאַר דער וואַך, וועלכע האָט אויף פאַרשידנסטע אופנים זיך איזדעקעוועט איבער זיי. נאָכדעם ווי ס׳זיינען צוגעגרייט געוואָרן די נויטיקע מאַסן־גריבער, זיינען די אַרעסטירטע פרייוויליקע דורך קוילנוואַרפער דערשאָסן געוואָרן.

שפּעטער האָבן די ליטווישע רוצחים דעם גרעסטן טייל פון די פרייוויליקע יידן אויסגעמאָרדעט.

נור אַ קליינע גרופּע פון עטלעכע פּערזאָן איז איבערגעשיקט גע־וואָרן אין דער „געלער טורמע" פון וואַנעט זיי זיינען שפּעטער באַ־פרייט געוואָרן.

נאָכדעם ווי ס׳זיינען צוגעגרייט געוואָרן די מאַסן־גריבער זיינען די אַלע מענער, וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן אונטערן פרייען הימל בערך 7 טויזנט פּערזאָן דורך קוילן־וואַרפער דערשאָסן געוואָרן.

— — — — — — — — —

8 אַ זייגער פרי, האָט זיך אָשר אויפגעכאַפּט פון שלאָף. עס איז געווען שבת דעם 28־טן יוני, דער זיבעטער טאָג זינט דעם קריג־אויס־ברוך און דער פינפטער ווי ער, אָשר, ליגט אין קראַנקנהויז. זיין לאַגע האָט זיך ווינציק וואָס געענדערט.

— אוי, עס טוט מיר שרעקלעך וויי. . . .

די באַקאַנטע שטימע פון דעם מיידעלע האָט דערגרייכט צו זיינע אויערן און אים געמאַכט אויפציטערן.

דאָס מיידעלע איז געלעגן אויף דער זעלבער בעט און איין הענטעלע איז איר שוין געווען אַרונטערגענומען. געוויס האָט די קליינע עס ניט געוווּסט און ניט געפילט. די ווייטאַקן האָבן פון איר אויסגעזויגן יעדן טראָפּן לעבנס־ענערגיע. און די שוואַכקייט האָט זי פאַרוויגט מיט אַ ליד פון הימלישע אומענדלעכע רוימען...

אין קאָרידאָר איז פּלוצלונג געוואָרן אַ טומל. ס'האָט אויסגעזען, אַז ס'דאַרף פּאַסירן עפּעס אויסערגעוויינלעכס. דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און סאַניטאַרקעס זיינען אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק צעטומלטע און צעשראָקענע. אַ באַקאַנטער דאָקטאָר מאָטיס אַ ספּעציאַליסט פאַר האַלדז און נאָז־קראַנקייטן איז לאַנגזאַם פאַרבייגעגאַנגען. אויף זיין געזיכט זיינען געווען קענטיק סימנים פון יאוש. די אויגן האָבן קאַלט און טרויעריק געקוקט ווי ביי אַ פאַרמשפּט'ן צום טויט. דער שפּיגל (צו באַקוקן די פּאַציענטן) וואָס ער פּלעגט טראָגן שטענדיק אויפן שטערן, האָט זיך פאַררוקט אויפן קאָפּ, ווי ביי אַ פרומען יידן להבדיל, דער של ראש פון תפילין. צוויי יונגע דאָקטוירים זיינען שנעל פאַרבייגעגאַנגען און געוואָרפן אָפּגעהאַקטע ווערטער: „באַהאַלטן"... „צוועקלאָז"...

אָשר האָט דערפילט, אַז עס דראָט זיין לעבן אַ געפאַר, אָבער ער האָט ניט געזען, מיט וואָס ער קען זיך העלפן. זיין קערפּער איז געלעגן ווי פּאַראַליזירט און צוגעשמידט צו דער בעט.

איבערגעריסן זיינע טרויעריקע געדאַנקען האָבן די קראַנקן־שוועסטער מרים און שרה, וועלכע זיינען צוגעגאַנגען צו זיין בעט.

— אָשר, וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט? — פרעגט מרים און קוקט מיט אומרו אויף אים.

— דו ביזט גערעכט — ענטפערט אָשר — ניטאָ וואָס צו טראַכטן, במילא קען איך זיך ניט ראַטעווען.

— האָט דיר שוין עמיצער דערציילט?...

— אייער אַלעמענס נערוועזיטעט און שרעק זאָגן עס מיר.

— זייט רואיק, זעלווער, — מישט זיך אריין שרה — מיר האבן אָנגענומען אלע פארזיכטס־מיטלען, גלייך ווי מיר האבן זיך דערוווסט, אַז זיי קומען דאָ הייגטיקע נאכט...

— אויך דער ליטווישער דאקטאר האט צוגעזאגט צו רעזשורירן — זאגט מרים.

— גייט, גייט זיך באהאלטן! — רופט אויס אָשר — וואָס שטייט איר דאָ נעבן מיר? מיר קענט איר במילא ניט העלפן און איר ריזי־קירט דערווייל מיט אייער לעבן. שפעטער קען ווערן שפעט! קריכט ארויף אויפן בוידעם. „זיי" וועלן אהין ניט קריכן... זיי וועלן זעטיקן זייער בלוט־דורשט דאָ ביי אונדז, ביי די קראנקע און איר...

פלוצלונג איז שרה שרעקלעך בלאס געוואָרן, זי האט פארלארן איר גלייכגעוויכט און זיך אראָפּגעלאזט ביי אָשר'ן אויפן בעטל...

אַ פעסט־געבויטער מאנספערשוין מיט צעשויבערטע רויטע האָר, אין אַ שווארץ געשטרייפטן אָנצוג, וואַרפנדיק מיט רוגזה דעם קאָפּ אין אלע זייטן האט לאנגזאם געשפרייזט דורכן קארידאר.

וואָס נענטער ער איז געקומען אלץ בולטער איז געוואָרן זיין בלוט־רויטער פנים, פאריסענע נאָז, חיה'שע אויגן, וועלכע האבן געשפריצט מיט פייער.

זיין מערדערישער בליק האט געמאכט ביי אלעמען פארגליווערן דאס בלוט — שרה האט באהאלטן איר קאָפּ אין קישן. מרים האט זי פארשטעלט — אָשר האט פארשטאנען...

ריזיקע קרעפטן האבן זיך פלוצלונג, ווי דורך געהיימע קאנאַלן צוגאסן איבער אָשר'ס קערפער. פון זיין נשמה האבן אַ שטראם געטאָן ווילן און מוט, וועלכע האבן געוועקט און גערופן: אָט, אָט באלד... דער לעצטער קאמף — דער טויט...

— זשיד, וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? —

דער מערדער האט ארויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און געצילט אין אָשר'ן — דו, דו פארשאלטענע זשידאווסקא־מארדע! איך וועל דיך גלייך דערשיסן ווי אַ הונט!

אָשר האט זיך אַ ריס געטאן פון זיין געלעגער און אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ.

דער מערדער איז געבליבן שטיין מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און זיינע מיט בלוט פארלאָפענע אויגן האבן מיט צארן געקוקט אויף אָשר׳ן.

מרים האָט באַלד באַמערקט די טויט־סכּנה וואָס דראָט אָשר׳ן. זי האָט שנעל, מיט דער רעכטער האַנט אָנגעכאַפּט אָשר׳ן פארן קאָפּ און אַוועקגעלייגט אים צוריק אויפן קישן. אָשר איז געבליבן רואיק ליגן אויפן בעט.

דער פּאַרטיזאַן האָט געוואָרפן דעם לעצטן רוצחישן בליק אויף אָשר׳ן און צום סוף זיך אָפּגעטראָגן צו דער פּלאַטע ווו עס זיינען גע־לעגן זיינע חברים „פּאַרטיזאַנער״.

ביי דער פּאַרטיזאַן, ביי אָשר זעלבער האָבן אין דעם מאָמענט ניט געקענט וויסן, אַז זיי ביידע וועט נאָך אויסקומען זיך צו טרעפן אלס פארמשפּטע אין איין צעלע אין דער געלער טורמע (די גרעסטע טורמע אין קאָוונע) איינער פאר שוואַרץ האַנדל, דער צווייטער אלס ייד. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער פּאַרטיזאַן זייער באַדויערט, וואָס ער האָט ניט אויסגענוצט דעם מאָמענט און ניט דערשאָסן אָשר׳ן. דאָס האָט זיך אין דעם פּאַרטיזאַן נוקם געווען ווי מיר וועלן עס זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

— קענסט זיך אויפהויבן, ער איז שוין אַוועק — האָט זיך גע־ווענדעט מרים צו שרה׳ן, וועלכע איז נאָך אַלץ געלעגן מיט דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן.

שרה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ. איר געזיכט איז געווען טויט בלאַס. זי האָט זיך אויפגעהויבן, ארומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צו „ער״ איז שוין באמת אַוועק. דער שרעק אין אירע אויגן האָט זיך ביסלעכווייז פארוואַנדלט אין עפּעס אַנדערש... זי האָט מיט אַמאָל אויסגעשטרעקט אירע ביידע הענט צו מרים׳ען:

— איך האָב באַשלאָסן צו פארלאָזן דאָס קראַנקנהויז.

— וווּהין ווילסטו גיין? — האָט מרים פארוווּנדערט איר געפרעגט.

— איך ווייס ניט.

—וועסט אומקומען! אין דרויסן הערשט דער טויט. עס איז פאר דיר לעבנס־געפערלעך.

— ניט געפערלעכער ווי דאָ, און אויב יאָ, אַרט עס מיר אויך ניט...

—פאלג מיך, בלייב איבער!

— ניין.

— בלייב איבער, ער האט דיך ניט באמערקט. אפשר וועט ער שוין אַהער בכלל ניט קומען.

— ניין, איך מוז אַוועקגיין פון דאנען. איך וועל דא לענגער ניט בלייבן. ביידע קראנקן־שוועסטער האבן זיך ארומגענומען און זיך צע־קושט. טרערן האבן זיך געגאסן פון זייערע אויגן. קיין איין זילבע האבן זיי אויף זייערע ליפן ניט געקענט ארויסברענגען. זיי זיינען געווען דורכגענומען פון זעלבן ווייטאק. א שווערער קרעכץ האט זיך ארויסגע־ריסן פון זייערע הערצער, ווי אַן אָנזאָג, אַז זיי שטייען ביים סוף פון זייערע יונגע לעבנס...

שרה איז אַ ווײַלע פארשוואונדן און באלד צוריק געקומען אַן אָנ־געטאענע אין אַ גייעם, ווייסן כאַלאַט מיט דער אָפּצייכענונג פון רויטן קרייץ מיט אַ זומער־מאַנטל אויף די פלייצעס.

אָשר האט געוואָרפן אויף איר אַ מאָדנעם בליק. זי האט עס בא־מערקט און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קאַלטבלוטיקייט זיך געזעגנט מיט אים. ארויסגייענדיק, אין דער באגלייטונג פון מרים'ען, פון קאָ־רידאר האט זי זיך מיטאמאל אויסגעדרייט, געוואָרפן צו אָשר'ן אַ מטושטשדיקן בליק און איז שנעל פארשוואונדן.

— — — — — — —

12 אַ זייגער ביינאכט האט אויפגעציטערט דאס קראנקנהויז פון שטארקע קלעפּ און שיסערייען. דער געבראַזג פון פאלנדיקע שויבן, די יאמערלעכע געוויינען און געשרייען פון די פלוצלונג דערוואַכטע קראנקע, דאס קרעכצן און כאָרכלען פון גוסס'דיקע האט זיך צוזאמענ־געגאָסן אין איין מאוימדיקע ווילדע סימפאָניע, וואָס האט זיך אויס־געמישט מיט דער מיידלס האלב אויסגעלאשענער שטימע:

— מען שיסט... שויבן פאַלן... אי, עס טוט מיר שרעקלעך ווי!...

אָשר איז אריינגעפאַלן אין אַ טויט-שרעק. ווי ראַטעוועט מען זיך?... וווּ? — האָט ער יאוש'דיק געדעדט צו זיך — אי, גאָט, וואָס זאָל איך טאָן?... נישטאָ קיין מיטל... איך וועל דאָ דערשאָסן ווערן ווי אַ הונט... אין זיין פאַרצווייפלונג האָט ער געפּרוּווט אַרויס-שטופּן זיין האַלב פּאַראַליזירטן קערפּער פון בעט צו דער וואַנט. אפשר וועלן „זיי" אים דאָרט ניט באַמערקן אין דער פינצטער... אפשר?... זיינע אָנשטרענגונגען זיינען אָבער געווען גאַנץ אומזיסט, ער האָט זיך נור אומזיסט פאַרשאַפט גרויסע שמערצן.

אָשר רעזיגנירט צום סוף פון זיין פּלאַן זיך צו ראַטעווען און גיט זיך איבער אין די הענט פון גורל...

אָבער דער גורל האָט וויַיזט אים באַשטימט, אַז ער זאָל בלייבן לעבן און... די שיסערייען האָבן, ווי לויט אַ באַפעל, אויפגעהערט. לאַנגזאַם זיינען פאַרשטומט געוואָרן די געוויינען און געשרייען, אַנט-שוויגן זיינען געוואָרן די קרעכצערייען, נור דאָס כאָרכלען פון די גוסס-דיקע און דאָס פישטשען פון אַ קינד האָבן זיך ווי אריינגעריסן אין דער שטילקייט. די נאַכט האָט אַלץ דערשטיקט און פאַרהילט מיט איר שוואַרצן לבוש...

אָשר איז אַנטדרעמלט געוואָרן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. דער זייגער האָט געשלאָגן פינף. ער איז געווען מיד און צעבראָכן. זיין קערפּער האָט זיך געבאָדן אין שווייס.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין קאָרידאָר וווּ ער איז גע-לעגן. קיין באַוועגונג, קיין שאָרך, קיין אָטעם. אַלץ האָט דאָ געשוויגן, נישט ווי אין קיין קראַנקנהויז, נור ווי אויף אַ בית-עולם. אַ הוסט האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז און אָפּגעקלונגען אין האַלב פּוסטן קאָרידאָר... הי, הי, הי... אַ שד האָט זיך דאָרט פאַרקליבן אין ווינקל און פרוּווט אים נאָכמאַכן און חוזקט פון זיין לעבן, וואָס הענגט אויף אַ האָר... הי, הי, הי... וווּ זיינען די קראַנקע? וווּ איז דאָס מיידעלע? פאַרוואָס שווייגן זיי אַלע?... הי, הי, הי... ענטפערט

ווי אַ בת־קול אין וואַלד. מיט ווילדע אויגן קוקט אָשר אויף אַלע זייטן. דורך די אויסגעזעצטע פּענצטער שטראָמט אַריין אין קאָרידאָר פרישע לופט. אַן איינזאַמער זון־שטראַל האָט זיך אַהער פאַרגנב'עט און אַ שמייכל געטאָן צו אָשר'ן און באַלד האָט זיך אַ גאַס געטאָן אַ ברייטע זון־ליכט און פאַרפּלייצט ווי אַ וואַסערפאַל דעם קאָרידאָר. און קערפּערס, אומעטום קערפּערס מיט אויסגעהויכטע נשמות... —

די שטילקייט האָט אויף איר שטומען לשון גערעדט צו אָשר'ן:

— קרבנות, פאַר וועמען, פאַר וואָס...

אָשר האָט זיך ווי אַ קליין קינד פאַנאַנדערגעוויינט און דער שד דאָרט אין ווינקל, האָט שפּאָטעריש נאָכגעמאַכט און געחוזקט: הי, הי, הי...

— — — — — — —

די טיר האָט זיך געעפנט. עס זיינען אַריינגעקומען צוויי קריסטלעכע סאַניטאַרקעס. זיי האָבן איינגעוויקלט אין אַ ווייסן לײַלעך דאָס טויטע קערפּערל פונם מיידעלע און עס אַרויסגעטראָגן, שפּעטער האָט מען אויך אַרויסגעטראָגן די איבעריקע טויטע.

ביז 10 אַ זייגער האָבן זיך אין קאָרידאָר ניט באַוויזן קיין יידישע דאָקטוירים אָדער שוועסטער. זיי זיינען געווען פאַרשטעקט אין לעכער און מורא געהאַט פון דאָרט אַרויסצוקריכן.

די קריסטלעכע סאַניטאַרקעס האָבן זיך געשטעלט פּוצן די איבערגעבליבענע גאַנצע שויבן און די צעבראָכענע ריין צו מאַכן פון שטיקלעך גלאָז.

ד"ר זאַכאַרין איז אַריינגעקומען. ער האָט פאַרפירט מיט זיי אַ געשפּרעך. זיין גרויסער קאָפּ האָט זיך באַוועגט אין אַלע זייטן.

צו אָשרס אויערן זיינען דערגאַנגען אָפּגעריסענע ווערטער: ווי אַ פּאַטער... געוואָלט... פאַרטיידיקן... די תשובה פון די סאַניטאַריקעס האָט אָשר געהערט דייטלעך:

— וואָס קענען מיר העלפן?

דעם דאָקטאָרס קאָפּ האָט זיך ווייטער געדרייט אויף אַלע זייטן. ער האָט קאָמיש באַוועגט מיט זיינע הענט. אָשר האָט שוין ניט אויפ־

געכאַפּט זיינע ווערטער, ער האָט נור געזען ווי די סאַניטאַרקעס קוועטשן מיט די פּלייצעס און ענטפערן אים נישט. ווען ד״ר זאַכאַרין, וועלכער איז געווען יאָרנלאַנג דער שעף פון קראַנקנהויז איז אַרויסגעגאַנגען פון קאָרידאָר, האָט אים באַגלייט אַ געלעכטער פון די סאַניטאַרקעס. איינע האָט געפּרוווט נאָכמאַכן זיינע ווערטער, אַ צווייטע זיין מימיק און די איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בייכער פון געלעכטער.

אָשר איז געלעגן פון וויטן און געטראַכט: ווי נידעריק איז געפאַלן אַ דאָקטאָר, וועלכער חנפ׳עט זיך און בעטלט שוץ ביי זיינע געוועזענע דינסטן. נידעריק און טראַגיש.

נאָך מיטאָג האָט באַקומען דאָס קראַנקנהויז זיין נאַטירלעכן אויסזען. די יידישע דאָקטוירים און אָנגעשטעלטע זיינען אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן. זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קריסטלעכער דירעקטאָר איבער דעם קראַנקנהויז.

דעם זעלבן אָוונט האָבן געפירט ד״ר זאַכאַרין און עטלעכע אַנדערע יידישע דאָקטוירים דעם נייעם דירעקטאָר איבער די פּאַלאַטעס צו באַקענען אים מיטן צושטאַנד פון קראַנקנהויז.

ווען דער דירעקטאָר איז פאַרביי אָשר׳ס בעט, האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס האָט פאַרוווּנדערט די אַלע אָנוועזנדע.

— הער זעלווער! — האָט אויסגערופן דער דירעקטאָר און געדריקט אָשר׳ס האַנט. ער האָט זיך געזעצט אויפן ראַנד פון אָשר׳ס בעט און ווי ער וואָלט איגנאָרירט פאַרגעסן זיינע חשובע באַגלייטער, האָט ער זיך אַריינגעלאָזט מיט אָשר׳ן אין אַ לאַנגן געשפּרעך.

דער דירעקטאָר איז פיל יאָרן געווען שעף פון אַ קראַנקנהויז אין אָשר׳ס געבורטס־שטעטל שאַקי און געווען גוט באַפריינדעט מיט אָשר׳ן און מיט זיינע עלטערן.

ער האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט אָשר׳ס מצב, אים אויסגעפרעגט, ווי אַזוי ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. גלייכצייטיק האָט ער אָשר׳ן איבערגעגעבן אַ גרוס פון זיין מוטער, אַז זי לעבט און איז געזונט, אַז דאָס שטעטל האָט ניט געליטן פון קריג. ער האָט אים אויך איבערגעגעבן אַ גרוס פון זיינע חברים, פריינט און באַקאַנטע.

אָשר איז געלעגן ווי היפנאָטיזירט און האט געשלונגען יעדעס וואָרט. עס האט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט זיי אַלעמען מיט זיינע אייגענע אויגן און אַ בענקשאַפט האט פארקלעמט זיין הארץ...

דער דאקטאר האט די גאנצע צייט חניפה'דיק ארומגעטאנצט אַהין און אַהער, זיך אריינגעמישט אין געשפּרעך, אַז ער איז געווען אין שאקי מיט פיל יארן צוריק אַז... אָבער דער דירעקטאר האט ווינציק געלייגט אַכט אויף ד"ר זאַכאַרין און דערציילט דעם נייגעריקן אָשר'ן פארשיידענע עפּיזאָדן פון זיין שטעטל.

ביים געזעגענען זיך האט דער דירעקטאר געזאגט אָשרן, אַז אין אַ פּאָר טעג ארום ועט ער זיין אין שאקי און ער וועט פון אים איבערגעבן אַ גרוס זיין מוטער.

אָשר איז געווען גליקלעך. ער האט געדאנקט גאט, וואָס האט אים צוגעשיקט אַזאַ גוטע געלעגנהייט זיך צו פארבינדן מיט זיין מוטער.

מיט אַ שעה שפּעטער איז ווידער ד"ר זאַכאַרין געשטאנען ביי אָשר'ס בעט. — דאס מאל איינער אליין.

ער האט מיט אַ ווייכער, מיטפילנדיקער שטימע (פאר אָשר'ן איז עס געווען אַ סיורפּריז) געפרעגט אָשר'ן ווי ער פילט זיך און גלייכצייטיק באקוקט זיינע וואונדן.

— ווי איך זע קענט איר זיך זייער גוט מיט דעם נייעם דירעקטאר

— האט ד"ר זאַכאַרין ארייגלייגנדיק אַ נייעם קנויט אין דער וואונד, געזאָגט צו אָשר'ן.

— יאָ ער איז פון מיין שטעטל — ענטפערט אָשר, האלב קריצנדיק מיט די ציין פון ווייטאק.

— איר ווייסט, אַז ער איז באשטימט אויף מיין ארט אלס דירעקטאר פון דעם קראנקנהויז.

— איך האב עס געהערט פון דער קראנקן־שוועסטער.

— איר וועט איצט האבן זייער אַ גוטע פראטעקציע.

—איך נויטיק זיך ניט אין זיין פּראטעקציע!

— זענט איר אזוי נאַאיוו, אדער איר מאכט זיך פאר נאַאיוו? ער קען אייך אין אַזאַ שלעכטער צייט פיל טובות טאָן.

— איך בין עס אים מוחל. אַ גרוס פאַר מיין מוטער, דאָס איז די איינציקע טובה.

— אויב איר נויטיקט זיך אליין ניט, ה׳ זעלווער, דאַן טוט אַ צווייטן יידן אַ טובה.

— איך פאַרשטיי אייך ניט, ה׳ דאָקטאָר.

— וואָס פאַרשטייט איר ניט? (ער האָט פאַרענדיקט באַנדאַ-זשירן) איר קענט מיר איצט אַ גרויסע טובה טאָן! איך נויטיק זיך, ליידער, איצט אין אַ גוט וואָרט.

— ער איז אַ גוטער מענטש. ער וועט אייך קיין שלעכטס ניט טאָן.

— איר קענט מיר דאָ אַ גרויסע טובה טאָן! (אָשר׳ס תשובה האָט ער אפילו ניט געהערט) ביי מיר איז עס אַ לעבנס-פראַגע, איר פאַרשטייט? פשוט אַ לעבנס-פראַגע. איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט אים בעטן, ער זאָל זיך ווענדן צו דער דייטשער מאַכט, אַז מען זאָל מיך ניט אַרויסשטופּן פון קראַנקנהויז, ווייל עס איז נישטאָ פאַראַן אין ליטע קיין צווייטער כירורג, וועלכער זאָל קענען פאַרנעמען מיין אָרט, איר פאַרשטייט, ה׳ זעלווער! (ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיי-נער הערט ניט זיינע ווערטער).

— בעט אים אליין. אויב עס וועט אים זיין מעגלעך אַזאַ זאַך, וועט ער עס אייך זיכער טאָן. דורך מיין פּראָטעקציע וועט איר ווינציק וואָס געווינען.

— איך וויל, אַז איר זאָלט אים בעטן, איר קענט זיך מיט אים, ה׳ זעלווער! איר וועט מיך דערמיט ראַטעווען.

— אַנטשולדיקט, ה׳ דאָקטאָר, איך וועל אים קיין זאַך ניט בעטן.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס? איר וועט דאָך פון דעם ניט האָבן קיין שאָדן און מיך וועט איר פשוט, פשוט... מיט דעם ראַטעווען.

— איך וועל, ה׳ דאָקטאָר, ניט בעטן קיין טובות ביי קיין גויים, ניט פאַר זיך און ניט פאַר קיין אַנדערע יידן, איר פאַרשטייט?

— אָבער...

— קיין אָבער! אָשר איז געוואָרן בלאַס פון אויפרעגונג. — איר זייט דאָך אַ ייד און אַלס אַזעלכער דאַרפט איר, לויט מיין מיינונג, טיילן דעם גורל פון די איבעריקע יידישע דאָקטוירים אין קראַנקנהויז.

— איך האַלט עס פאַר אַ פאַרברעכן זיך וועלן אויסטיילן פון אייערע יידישע קאָלעגן און זוכן שוץ ביי אונדזערע מערדער... עס איז אַ חרפה פאַר אַ ייד אַזוינס צו וועלן!...

ד״ר ז. האָט געזען אין אָשר׳ס אויגן אַ פעסטן באַשלוס. האָט ער קאָמיש אַ שאָקל געטאָן מיט זיין גרויסן קאָפּ און מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער אַרויס פון קאָרידאָר.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען אָשר׳ן אַריבערגעטראָגן פון קאָרידאָר אין פּאַלאַטע 5. דאָרט זיינען געלעגן 14 מאַן: 11 יידן, 1 רוס און 2 ליטווינער, וועלכע זיינען געלעגן פון פאַר דער מלחמה.

די יידן האָבן געקרעכצט, דער רוס איז געלעגן און געשאָלטן, נאָר ביידע ליטווינער זיינען געווען גוט אויפגעלייגט. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און געלאַכט.

— הער, דו! — ווענדעט זיך איינער פון די ליטווינער צו דעם אָקאָרשט אַריינגעבראַכטן אָשר׳ן. — ווייסטו, אַז צוליב אונדז ביזטו גע־בליבן לעבן? ווען מיר וואָלטן ניט געלעגן מיט אייך צוזאַמען, וואָלטן די פּאַרטיזאַנער אייך פּאַרטיק געמאַכט. גיב זשיד אַ פּאַפּיראָס, גיב! מיר האָבן עס פאַרדינט. דיין לעבן איז דאָך דיר ווערט אַ פּאַפּיראָס...

— ערגער אים ניט! — זאָגט דער צווייטער און ווענדעט זיך צו אָשר׳ן, — מיר זיינען ניט קיין פּאַרטיזאַנער, מיר ליגן דאָ פון פאַר דעם מלחמה־אויסברוך. מיין חבר האָט ליב צו שפּאַסן. גיב אַ פּאַפּי־ראָס, עס ווילט זיך רויכערן, גיב!

אָשר נעמט אַרויס קענן זיין ווילן אַ פּאַפּיראָס און וואַרפט זיי צו. מיט שמחה טיילן זיי אויף דער העלפט דעם פּאַפּיראָס און נעמען זיך רויכערן.

איין קראַנקער מיטן נאָמען יעקב, אַ בחור פון אַ יאָר 22, האָט גע־ליטן די גרעסטע יסורים. ער איז געווען דורכגעשאָסן און די מעדיצין האָט ניט געקענט לינדערן זיינע שמערצן.

די גאַנצע נאַכט האָט ער אָן אויפהער געשריען פון ווייטאָג. אָשר איז נישט איינגעשלאָפן. באַגינען זיינען די געשרייען געוואָרן שוואַכער. עס איז געווען קענטיק, אַז ער גוסס'ט.

גאַנץ פרי איז אַריין אַ פרוי איבער די מיטעלע יאָרן, איר קאָפּ איז געווען פאַרבאַנדאַזשירט. איין האַנט האָט איר געפעלט. זי איז צוגע־גאַנגען צו יעקב'ס בעט און געבליבן שטיין.

אַ קראַנקער וועלכער איז געלעגן נאָענט צו אָשר'ן האָט אים דערציילט, אַז זי איז יעקב'ס מוטער. מען האָט דערשאָסן איר מאַן און פינף קינדער. איר און איר פינפט קינד האָט מען געבראַכט אין קראַנק־הויז שווער פאַרוואונדעטע. נאָכדעם ווי מען האָט איר אָפּערירט און אַראָפּגענומען די האַנט, קומט זי יעדן טאָג דאָ צו איר זון. זי שטייט אַ פּאָר שעה שטיל ביי זיין בעט און ביים אַוועקגיין חזרט זי איבער יעדעס מאָל די זעלבע ווערטער: „ראַטעוועט דעם איינעם! ער איז מיר געבליבן דער לעצטער".

אָשר איז געלעגן פון דערווייטנס און מיט צער געקוקט אויף דער מוטער, וואָס זעט ווי איר זון ראַנגלט זיך מיטן מלאך המות.

אַ ווײַלע איז דאָס כאָרכלען פון גוסס געווען שטאַרקער, אַ ווײַלע שוואַכער. עס האָט אויסגעזען, ווי די נשמה זוכט זיך צו פאַרהאַלטן אין גוף און וויל בשום אופן אים ניט פאַרלאָזן... אפשר וועט פּאַסירן אַ נס?.. אָבער קיינע נסים האָבן ניט פּאַסירט. דאָס כאָרכלען האָט אויפגעהערט. דער גוף איז געבליבן רואיק און געדולדיק וואַרטן... די אויגן קוקן ווייטער קינדיש — נאַאיוו, ווי זיי וואָלטן פרעגן:

— נו, און איצט, וואָס וועט זיין ווייטער?...

פּלוצלונג האָט אַ ווילדער געשריי פאַרהילכט דאָס צימער און גע־מאַכט פאַרגליווערן ביי אַלעמען דאָס בלוט. די מוטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר טויטן זון. גלייך האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן אויף אירע שפּיץ פינגער און איר איינציקע האַנט אויפגעהויבן אין דער הויך:

— גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקב, פאַרוואָס?... פאַרוואָס בין איך איצט געבליבן אויף דער וועלט אַליין?...

זי האט זיך ווייטער אַ וואָרף געטאָן אויפן טויט, אים געגלעט און מיטאַמאָל האבן אָנגעהויבן אירע אויגן ווילד צו גלאַנצן...

— דער טאטע גייט פון שול... זינגט זמירות... די ליכט ברע־נען... קידוש... אמן!... און פיש און אלע גוטע געריכטן... שבת, שבת, יידן — זינגט, קינדערלעך, זמירות! איך בין גליקלעך! גוט יום טוב, יידן... וויין, מצה און מרור, די זרועה איז געבאקן... שאַ... יאנקעלע מיין קינד, פרעגט די פיר קשיות — שאַ, שטיל!... אָט אזוי! פרעג — שאַ... יאנקעלע, פאסטן... ביזט שוין 13 יאר... גיכער — גיכער... מיר וועלן נאך פארשפעטיקן צו כל־נדרי! — קום — קום שנעלער!... יאנקעלעס חתונה איז מיט מזל ל״ג בעומר... מזל־טוב! מזל־טוב! זאל זיין, יאנקעלע, מיט מזל און גליק... ווייסט איר וואָס פאר אַ גאָלדן קינד דאס איז? זיין כלה האט שוין איינמאל געטראפן... אוי איך בין מיד... כאַ, כאַ, כאַ!... איך בין שיכור... איך בעט אייך, לאזט מיר! איך קען מער ניט טאנצן — לאזט מיר, איך קען ניט — וואָס שלעפט איר מיך? — איך קען ניט — לאזט!...

די שוועסטער און סאניטארקעס האבן איבערגוואַלד ארויסגעפירט די אומגליקלעכע.

— — — — — — —

אזוי האבן זיך פאר אַשר׳ן געצויגן טרויעריקע טעג און נעכט אין דער מלוכה פון מלאך המות.

פאר זיינע אויגן האבן זיך פונאנדערגעוואָלט יעדן טאג צענדליקער טראַגעדיעס, וועלכע זיינען אַוועק שטיל אין קבר. איינצלנע לעבן־גע־בליבענע זיינען אַוועק פון קראנקנהויז אינוואַלידן, אָן הענט און פיס, נאר ער אַליין האט געטרויטט פולקאָם געזונט צו ווערן.

מיט דער צייט האט זיך דער פערסאנאל פון קראנקנהויז אָנגע־הויבן בייטן. די יידישע אָנגעשטעלטע זיינען באזייטיקט געוואָרן און אויף זייער אָרט זיינען אָנגעקומען קריסטלעכע.

די יידישע קראנקע זיינען אָפגעטיילט געוואָרן אין באזונדערע פאלאטעס.

איין טאג איז אויך מרים באפרייט געוואָרן פון איר שטעלע אין קראנקנהויז. זי איז געקומען זיך געזעגענען מיט אָשר׳ן.

אָשר איז געוואָרן טרויעריק. זי האט אים געטרייסט.

— זיי ניט טרויעריק, נאך עטלעכע טעג און אויך דו וועסט קענען פארלאזן דאס קראנקנהויז. ד״ר זאַכאַרין זאגט, אַז גאר אין גיכן. איך האב אויך געבעטן די יידישע קראנקן־שוועסטער, וועלכע וועלן דא צייט־ווייליק בלייבן, דיך אויפצופאסן.

— און ווי איז די לאגע אין גאס? — פרעגט פארטראכט אָשר.

— בעסער ווי דאָ, אין קראנקנהויז, — ענטפערט מרים. מען זאגט, אַז די דייטשע מאכט האט פארבאטן צו רויבן און מארדן. ס׳זיינען אויסגעקלעפט אין די גאסן ספעציעלע מעלדונגען. די דייטשן זאלן אויך האבן באפוילן צו שאפן אַ יידישן קאמיטעט.

אָשר׳ס אויגן האבן אויפגעגלאנצט.

---

ווי אַ בלוטדורשטיקע חיה איז געווען דער פארטיזאן, וועלכער האט זיך אַמאָל געליבט אין שרה׳ן. יעדן טאג פלעגט ער קומען אין קראנקנ־הויז (דער ליטווישער דירעקטאר, וועלכער האט געדארפט איבערנעמען דאס קראנקנהויז, איז צוליב אומבאוווסטע סיבות ניט געקומען) און איז געוואָרן דארט דער גאנצער דעה־זאגער. די דאקטוירים און אָנגע־שטעלטע האבן פינקטלעך אויסגעפירט זיינע באפעלן.

דעם זעלבן טאג, ווען מרים האט פארלאזן דאס קראנקנהויז, איז דער פארטיזאן געקומען שיכור. ער האט געשריען, געוואַלדעוועט און מיטן ביקס געפאכעט אין אלע זייטן.

ער האט געהייסן עפענען די טירן פון אלע פאַלאַטעס, אין וועלכע יידישע קראנקע זיינען געלעגן און מיט אַ שטימע, וועלכע האט געוואָרפן אַן אימה, האט ער געדונערט:

— זאגט מיר, צו וואָס ליגט איר דא? צו וואָס גיט איים אונדזער רעגירונג אויף אייך געלט? במילא וועלן מיר דאך אייך אויסשיסן ווי הינט! צו וואָס קורירט מען אייך? צו וואָס זאל מען אויסברענגען אומזיסט מעדיקאמענטן? איז אונדזער רעגירונג אַראָפּ פון זינען, אדער

אפשר ווייס זי ניט, אַז דא ווערן געפּיטערט זשידאַווסקע הינט מיט אַלדאָס גוטס? איך וועל עס ווייטער ניט דערלאָזן! הײַנטיקע נאַכט מוז נעמען אַ סוף. מיר מאַטערן זיך, שלאָפן ניט קיין נעכט אויסצוראָטן די פאַרשאָלטענע און דא גיט מען זיי עסן און מען קורירט זיי...

ער איז אַרײַן צו די פּאַרטיזאַנער, דאָרט זיך געזאַמט אַ צען מינוט און מיט פאַרבייזטע פּויסטן האָט ער שפּעטער פאַרלאָזן דאָס קראַנקנ־הויז. די יידישע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָט מען ניט געזען. די קראַנקע זײַנען געבליבן אין שרעק און פאַרצווייפלונג.

נעבן אָשר'ן איז געלעגן אַ קראַנקער מיטן נאָמען אַבקע דער שוס־טער. אַ שוואַרצער יונגערמאַן, אַ יאָר צוואַנציק און דרײַסיק. ער האָט געהאַט אַ דורכגעשאָסענע האַנט.

— הייסט דאָס, ה' זעלווער, אַז מיר פאָרן הײַנטיקע נאַכט אַוועק אויף יענער וועלט? — פרעגט ער טרויעריק מיט איראָניע.

— איר קענט זיך דאָך באַהאַלטן, איר האָט דאָך געזונטע פיס. —

— זיך באַהאַלטן? — פרעגט אַבקע דער שוסטער פאַרוווּנדערט. ווו זאָל איך זיך באַהאַלטן? „זיי" וועלן זוכן און געפינען און דאַן וועט נאָך ערגער זײַן.

— נאַרישער מענטש! — רופט אויס אָשר מיט בטול: וואָס איז ערגער ווי דער טויט? אויב איר וועט זיך ניט באַהאַלטן, וועט איר געוויס ניט אויסמיידן דעם טויט, אויב אָבער איר וועט זיך פאַרשטעקן, איז דאָך מעגלעך, אַז איר וועט זיך ראַטעווען.

— מעגלעך, אַז איר זייט גערעכט — זאָגט נאָכטראַכטנדיק אַבקע דער שוסטער — אָבער איר... איר?...

— ווו וועל איך זיך אויסבאַהאַלטן? — זאָגט אָשר ציִענדיק יעדעס וואָרט — גלייך וועט איר זען.

און אַבקע דער שוסטער קוקט שטוינענדיק אויף אָשר'ן, וועלכער ציט אַרויס זײַן קראַנקן פוס פון בעט און בלײַבט זיצן אין אַ קאָמישער פּאָזע.

— איך בעט אײַך, באַרגט מיר אויס אויף עטלעכע מינוט אײַערע קוליעס — ווענדעט זיך אָשר צו זײַן צווייטן שכן.

אין אַ ווײַלע אַרום הויבט זיך אָשר אויף מיט גרויס מי אויף די קולעס. זײַנע הענט זײַנען זייער אָנגעשטרענגט. ער לאָזט זיך אַרונטער אויפֿן בעט, אָבער גלײַך גיט ער זיך צוריק אַ הויב און גייט שנעל צו דער טיר.

— וווּהין? — פֿרעגט אַבקע איבעראַשט. אָשר ענטפֿערט ניט, אָבער אין זײַן מוח איז דאָ אַ פּאַרטיקער פּלאַן.

אָשר עפֿנט די טיר און גייט מיט גרויסע שוועריקייטן אַריבער די שוועל. ער בלײַבט שטיין אין קאָרידאָר, אין וועלכן ער איז פֿריער געלעגן, וואַרפֿט אַ בליק אויף די פּאָר קראַנקע, וועלכע ליגן נאָך דאָרט און גייט ווײַטער.

ער גייט דורך איין קאָרידאָר און גייט אַרײַן אין אַ צווייטן. ער זעט דורך אַן אָפֿענער טיר אין אַ צימער צוויי בעטן.

— זייט ניט פֿאַרצווייפֿלט, איר וועט געזונט ווערן, — הערט אָשר אַ שטימע פֿון אַ קריסטלעכער קראַנקן־שוועסטער.

— איך קען ניט מער אַריבערטראָגן די ווייטאָקן! — רופֿט זיך אָפּ איינער פֿון די קראַנקע.

— איך לאָז אײַך אַרײַן אַ שפּריץ און איר וועט רויִק שלאָפֿן די נאַכט.

— ווי שפּירט איר זיך? — ווענדעט זיך די קראַנקן־שוועסטער צום צווייטן קראַנקן.

— שלעכט! — קומט קוים אַ תּשובֿה.

אָשר'ס אויגן לײַכטן אויף. אַ שמייכל שפּיגלט זיך אָפּ אויף זײַן פּנים: בײַ איינעם פֿון די צוויי פּאַרטיזאַנער אונטער דעם בעט... איך בין געראַטעוועט... גאָט צו דאַנקען! אָשר טראָגט זיך אויף זײַנע ביידע קולעס אַ שטראַלנדיקער צוריק צו זײַן געלעגער.

אַ ווײַלע שפּעטער איז געשטאַנען אַבקע דער שומער אין צימער פֿון דער דעזשורירנדיקער שוועסטער און געבעטן אַ פּאָר קולעס פֿאַר אָשר'ן.

— מאָרגן וועט ער באַקומען, ענטפֿערט די שוועסטער.

— ניין, ער בעט, מען זאָל אים געבן תּיכּף ומיד.

— משוגע איז ער, זעלוועך, וואָס ברענט אים ?

— זעלווער זאגט, אַז די לאגע איז ניט זיכער. אין אַ עת צרה, וויל ער האבן די מעגלעבקייט זיך צו קענען פארשטעקן.

— ווהין וועט ער לויפן אויף קולעס ? — קוועטשט די שוועסטער מיט די פּלייצעס — און גיט אַבקען אַ פּאָר קולעס.

. . . . בייגאכט, רעזשורירן זיי איינציקווייז צו פּאָר שעה, אָשר און אַבקע דער שוסטער. אָבער אָשר שלאָפט ניט, אַפילו ווען אַבקע דע־זשורירט.

— איר שלאָפט ניט, זעלווער ?

— ניין.

— איר קענט רואיק שלאָפן, ווען עס וועט נויטיק זיין וועל איך אייך גלייך אויפוועקן.

— איך קען ניט.

— איר האט מורא פארן טויט ?

— מורא ? ניין ! ס׳ווילט זיך ניט שטארבן פון די מערדערס הענט.

— גלויבט איר, אַז ס׳איז פאראן אַ גאָט ?

— יאָ.

— לערנט מיך אויס אַ תפילה צו פארשילטן די פעלקער, וועלכע פארגיסן אונדזער בלוט.

— ס׳איז ניט נויטיק, דאס וועט נור פארשלעפערן אייערע געפילן.

— איך פארשטיי ניט.

— איר דארפט זיין וואך און זיך ניט פארלאזן נור אויף גאָט׳ס נסים.

— איך בעט אייך, הער זעלווער !

— דאוונען קענט איר ?

— ניין, צו 8 יאר בין איך געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. מען האט מיך פון חדר אַוועקגענומען און אַוועקגעגעבן לערנען שוסטעריי. קיינ־מאל בין איך אין בית מדרש ניט געגאַנגען און וואָס איך האב געלערנט אין די קינדערשע יארן האב איך אויך פארגעסן. איצט הויב איך אָן גלויבן אין גאָט. אַ נס איז דאס, וואָס איך בין געבליבן לעבן... איך

בעט אייך, ה' זעלווער, איך וויל פארשעלטן די פעלקער, וועלכע מארדן אונדזערע ברידער און שוועסטער.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האט פלוצלונג אָשר היסטעריש אנגעהויבן צו לאכן: — איר ווילט זיי שילטן? שילט זיי אויף אייער אייגענער שפראך, וויפיל איר ווילט און וויפיל איר קענט. צו וואָס זאלט איר בעטן גאט, ער זאל זיך מיט זיי אָפּרעכענען? איר וועט בעטן גאט און זיי וועלן מארדן, איר וועט בעטן גאט און זיי וועלן איבער אייערע שמערצן חוזק. זיי האבן ניט מורא פאר גאט, אין וועלכן איר האט איצט אָנגעהויבן צו גלויבן, פונקט ווי זיי האבן ניט מורא פאר אייער קללה.

— ה' זעלווער, איך פארשטיי ניט אזעלכע הויכע געדאנקען... איך בעט אייך... איך וויל אויסגיסן מיין אָנגעווייטיקט הארץ צו גאָט און „זיי" פארשילטן...

— שילט זיי, בעט נקמה ביי גאט! — האט אָשר געברומט ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן.

— הער זעלווער, באַרואיקט אייך.

— איך קען זיך ניט בארואיקן. עס שוועבט די אלטע יידישע קללה איבער אונדזערע בלוט־פארגיסער, וועלכע האט קיינמאל קיין קראפט ניט געהאט. זי האט זיכער אָוועקגערויבט דאס לעצטע ביסל איניציאַטיוו, וואָס דער ייד האט נאך פארמאגט...

— הער זעלווער, איך פארשטיי ניט, וואָס איר רעדט.

— איר פארשטייט ניט? איר פארשטייט ניט, ווייל איר ווילט זיך בארואיקן!...

אַבקע האט דערשראקן אַ קוק געטאָן אויף אָשר'ן. ס'האט זיך אים געדאכט, אַז אָשר איז אַראָפּ פון זינען און רעדט ניט צו דער זאך.

— אַבקע!

— וואָס?

— זאָגט וואָרט ביי וואָרט: גיס אויס, גאָט, דיין צאָרן אויף די פעלקער, וועלכע אנערקענען דיך ניט, ווייל זיי האבן פארניכטעט יעקובן און זיין וווינונג פארוויסט. גיס אויס אויף זיי דיין כעס, פאַרפאָלג זיי און פארטיליק זיי פון דער וועלט!

1 אַ זייגער בייגאַכט האָט זיך געהערט נעבן קראַנקנהויז אַ שאָס פון אַ ביקס.

אַבקע דער שוסטער האָט אויפגעוועקט דעם האַלב איינגעשלאָפענעם אָשר׳ן און אַליין איז ער בליץ שנעל פאַרשוואונדן געוואָרן אין קאָרידאָר.

אָשר האָט אַ כאַפּ געטאָן די קולעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אָנגעגרייט נעבן זיין בעט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווי אַ ווינט געטראָגן צום צימער פון די פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער.

אויף זיין וועג האָט ער זיך עטלעכע מאָל פאַרטשעפּעט און איז אומגעפאַלן. אָבער די פאַרצווייפלונג האָט אים געגעבן איבערמענטש־לעכע קרעפטן.

ער איז אַדורך דעם האַלב פינצטערן קאָרידאָר און איז אַריין אין צווייטן. דאָרטן איז געווען פינצטער. ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די טיר האָט ער געשפּירט, אַז ער געפינט זיך אין קאָרידאָר ניט אַליין.

אָשר׳ן האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט עמיצן אָטעמענדיק. זיין געהער איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגט. אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן און אַ שרעק האָט אים דורכגענומען. ער איז געווען זיכער, אַז זיין חוש נאַרט אים ניט.

עפּעס האָט זיך פּלוצלונג אַ ריר געטאָן און ס׳איז געוואָרן שטיל.

אָשר האָט באַשלאָסן קיין איבעריקע מינוט ניט צו בלייבן אין קאָרידאָר.

ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו דער טיר, וווּ ס׳זיינען געלעגן די גוסס׳ע פּאַרטיזאַנער. אין דער פינצטער האָט ער געטאַפּט און געזוכט דאָס הענטל פון דער טיר. ער האָט ניט געפונען און איז געוואָרן זייער נער־וועז. עס האָט אים אויסגעזען, אַז עס דויערט צו לאַנג.

די טיר איז אָבער געווען האַלב אָפן. ער איז צום סוף אַריין אינע־ווייניק און צוגעמאַכט די טיר.

אַ לבנה־נאַכט האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און באַלויכטן דאָס צימער. ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו דעם ערשטן בעט און מיט מאַטערניש זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל.

גלייך ווי ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט מיטשלעפּנדיק מיט זיך די קולעס, האָט זיך די טיר ראַשיק געעפנט.

— ווער איז דאָ? — האָט אַשר געהערט אַ פרויען־שטימע. שטיל.

אַ צווייטן מאָל האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע פראַגע און ווייטער געבליבן אָן אַ תשובה.

דאָס עלעקטרישע ליכט האָט מיטאַמאָל פאַרפלייצט דאָס צימער.

— וואָס וועקסטו אויף די קראַנקע? — האָט אַשר געהערט אַ מענער־שטימע — געווים האָט אַ קראַנקער פאַרבלאָנדזשעט אין קאָרידאָר און איז גלייך אַרויס צוריק.

דער עלעקטרישער קנאָפּ האָט אַ קלאַפּ געטאָן און ווייטער איז דאָס צימער פאַרזונקען געוואָרן אין פינצטערניש.

אָשר האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. באַלד האָט ער געהערט אַ געשפּרעך פון יענער זייט טיר:

זי: — פאַרוואָס קומען זיי ניט אַרויף?

ער: — זיי וועלן געווים באַלד אַרויפקומען.

זי: — פאַרשליס די טיר פון קאָרידאָר.

ער: — צו וואָס? יאַזאַס וויים ווו די זשידעס ליגן.

זי: — ניט צוליב דעם! איך וויל ניט, אַז יאַזאַס זאָל אונדז דאָ טרעפן צוזאַמען.

די קאָרידאָר־טיר איז שטיל צוגעשלאָסן געוואָרן.

אָשר ליגט אונטערן בעט אַן אויסגעשעפּטער און שפּירט גרויסע שמערצן. געווים איז עס צוליב דעם וואָס ער האָט אַרונטערקריכנדיק אונטערן בעט אויפגעריסן זיינע נאָך ניט פאַרהיילטע וווּנדן. ער פאַרבייסט די ציין, כדי ניט צו געבן קיין קרעכץ. ער פּרובירט אַרונטערלייגן זיין האַנט אונטערן קאָפּ און צומאַכן די אויגן, אפשר וועט ער איינשלאָפן. אָבער אומזיסט: די ווייטאַקן לאָזן אים ניט רוען.

אַ האַלבע שעה און אפשר נאָך לענגער ליגט אשר אין גרויסע יסורים און אַ פראַגע עגבערט זיין מוח:

— לוינט עס אַזוי פיל צו ליידן, אַז במילא וועל איך ניט זיין אומשטאַנד צו ראַטעווען מיין לעבן?

לאַנג איז אָשר ניט באַהערשט פון אַזאַ מין פעסימיזם. זיין דראַנג צום לעבן איז שטאַרקער פאַר זיינע ווייטאָקן.

ביסלעכווייז לאָזן אים נאָך די שמערצן (אפשר האָט ער זיך צו זיי צוגעוווינט). איבער זיין קערפּער גייט דורך אַ קעלט. עס הויבט אים אָן צו קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

ער דערמאָנט זיך, אַז ער ליגט אויף דעם קאַלטן דיל אין אַ פּיזשאַמע.

מיטאַמאָל הערט ער פון קאָרידאָר :

ער : — גייסט שוין ?

זי : — איך גיי זען פאַרוואָס זיי זייַנען ניט אַרויפגעקומען.

ער : — קומסט צוריק ?

זי : — ניין.

ער : — פאַרוואָס ? איך וועל וואַרטן !

זי : — גיי שלאָפן ! איך מוז אויך גיין זיך אויסרוען.

די טיר פון קאָרידאָר ווערט אויפגעשלאָסן. אָשר הערט טריט. אַ צווייטע טיר עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך שטיל.

אָשר קריכט עטוואָס אַרויס פון אונטערן בעט, שטרעקט אויס זיין האַנט, שלעפּט אַרונטער פון פאָרטיזאַן די דעקע און וויקלט זיך אַליין אַיין אין איר. עס ווערט אים וואַרעם און גוט. ער שפּירט, אַז ער האָט זיך געראַטעוועט.

— ווער איז דאָ ? — הערט אָשר אַ שוואַכע שטימע פון דעם פאָרטיזאַן.

אָשר שווייגט.

— ווער האָט פון מיר אַוועקגענומען מיין דעקע ? עס איז מיר קאַלט.

אין אָשר'ן קאָכט אויף דאָס בלוט. ער פאַרגעסט זיין לאַגע ווו ער געפינט זיך און גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון, אַז מען קען הערן זיינע ווערטער :

— און די יידישע פרויען, מענער און קינדער, וועלכע די האָסט ביינאַכט אַרויסגעשלעפּט נאַקעטע פון די בעטן אין דרויסן, איז געווען וואַרעם ?

— ווער איז דא? — פרעגט דער פאַרטיזאַן אַ צווייטן מאל און זיין שטימע ציטערט פון שרעק.

— איך בין אַ גייסט פון אַ ייד, וועלכן דו האסט דערמארדעט. איך בין איצט געקומען אין די לעצטע מינוטן פון דיין לעבן זיך אָפּ־צורעכענען מיט דיר.

— האב רחמנות, איך בין ניט שולדיק! מען האט מיר באפוילן. איך בין געווען אַ סאלדאט.

— שענדן מיין פרוי, מיין קינד פון 12 יאר האסטו אויך באקו־מען אַ באַפעל? זאג, הונט!

— אָי, יעזוס! אָי, יעזוס!

— דו, מערדער, גלויבסט אין יעזוסן? האט ער אייך פארזאגט פאר זיין טויט צו מאָרדן, ראַבירן און שענדן?

דער קראנקער איז געלעגן און די ציינער האבן אים געקלאַפּט פאר שרעק.

אָשר איז געלעגן און געברומט ווי אַ חיה. פאר זיינע אויגן האט אין דער פינצטערניש געשוועבט אַ וואָרט, פון וועלכן יעדער אות איז געווען באלויכטן מיט אַ גוואַלדיקן ליכט. און דאס וואָרט האט געהייסן: נקמה!...

אָשר האט ארונטערגעוואָרפן פון זיך די דעקע און זיך ארויסגע־שאַרט פון אונטערן בעט. ער איז געבליבן שטיין מיט זיינע קולעס אַנט־קעגן דעם פארטיזאַן. זיינע אויגן האבן ווילד געגלאנצט. זיינע פינגער האבן זיך געביילט אין אַ פויסט.

— אויג — אנשטאט אויג, צאָן אנשטאט — צאָן... און בלוט... רבונו של עולם, שטארק מיך, קרעפטיק מיך צו דערפילן די הייליקע ווערטער פון דיין תורה!

אַ פּאָר פויסטן האבן זיך אַ הויב געטאן און געבליבן הענגען אין דער לופט...

לא תרצח!... און דער רוצח?... ער וועט במילא שטארבן!

און נקמה?.. נקמה איבער אַ גוסס?.. די פויסטן האבן זיך לאנגזאם צוריק ארונטערגעלאזן.

אָשר האָט זיך געוויגט ווי אַ שכור'ער נעבן פּאַרטיזאַנס בעט און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט:

— אייערע פרויען זאָלן געפּייניקט און געשענדעט ווערן ווי אונ־דזערע. אייערע שטיבער זאָלן בלייבן וויסט און פּוסט ווי אונדזערע. מאָרד און פאַרניכטונג זאָלן זיך טראָגן איבער אייער לאַנד און עס זאָל פאַראָרעמט ווערן ווי שפּאַניע.

— דו הונט, מערדער, פּייניק זיך אין דיינע וויטאָקן. מיין שנאה צו דיר איז גרעסער ווי דיין שנאה צו מיר. איך קען אויסשטרעקן מיינע הענט און דיך דערווערגן, אָבער איך וויל זיי ניט פאַרשמוצן. זאָלן די נשמות פון די דערמאָרדעטע דיך פאַרפאָלגן אין דיינע געציילטע מינוטן, וואָס דיר איז נאָך געבליבן צום לעבן. און זאָל דאָס בלוט פון אומ־שולדיקע קינדער נעמען נקמה פון דיינע קינדס־קינדער!...

אָשר'ן איז לייכטער געוואָרן אויפן הארצן, נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי שטורמיש געשאָלטן, פּונקט ווי אַ נביא אדער אַ הייליקער. דאָס איז אָבער גאָר געווען דער ווײ־געשריי פון זיין אייגענער שוואַכקייט, וואָס האָט אין אים פאַרביטן דעם ריכטיקן באַגער צו דערווערגן אַ מערדער פון זיינע ברידער און שוועסטער.

מיט עקל האָט אָשר אַרויפגעוואָרפן די דעקע אויפן האַלב־טויטן פּאַרטיזאַן און זיך געטראָגן צוריק צו זיין פּאַלאַטע.

שטיל איז געווען אַרום. אַלץ האָט געדרעמלט. אַלץ האָט זיך גע־טונקט אין פינצטערניש.

פאַר אָשר'ס אויגן האָט פאַרבייגעשוועבט דאָס געשאָסענע מיי־דעלע און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט איר יללה: „אַי, עס טוט מיר זייער וויי".

ער האָט אַוועקגעשטעלט די קולעס און מיט שוועריקייט אַריינ־געקראָכן אין זיין בעט.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט זיך אויך צוריקגעקערט אַבקע דער שומער.

— אומזיסטע שרעק האָבן מיר געהאַט, הער זעלווער!

— איך פאַרשטיי עס אויך ניט, — זאָגט אָשר האַלב דרעמלענדיק.

אויף מארגן גלייך נאך פרישטיק איז אָשר געשטאנען מיט זיינע קולעס אין צימער פון דער אַמטירנדיקער שוועסטער. זי איז געווען אַ יידישע.

— איר האט, הער זעלווער, צו פרי אנגעהויבן אַרומשפּאַצירן — זאגט צו אים די שוועסטער מיט אַ שטילן פארוואָרף — איר דארפט נאך ליגן און לאזן פארהיילן אייערע ווונדן.

— איך בין שוין פולקאם געזונט — שמייכלט אָשר און מיט גרויס נייגיר פרעגט ער איר וועגן דעם ביינאכטיקן איבערפאל.

— און וועגן ערשטן איבערפאל אויפן קראנקנהויז ווייסט איר ווי עס האט פּאַסירט ? — פרעגט די שוועסטער אָשר'ן.

— ניין !

— מיר ווייסן עס אויך ניט. מיר זיינען געווען פארשטעקט, סיי דאס ערשטע מאל סיי נעכטן. איין זאך איז קלאר, אַז דאס וואָס אין קראנקנהויז געפינט זיך אויך אַ גרויסער פראצענט ניט יידישע קראנקע, האט אונדז געראטעוועט.

— דער פּאַרטיזאַנען־פירער האט דאך געדראָט צו „באַזוכן” אונדז די פארגאנגענע נאכט ?

— ער איז פארהאלטן געוואָרן. ער האט געוואָלט דערשיסן דעם יידישן דאקטאר נאַבאַריסקי. מען דערציילט, אַז דייטשע מיליטער־לייט זאָלן אים האבן אַנטוואָפנט און אים פארבאָטן אויף ווייטער צו באַזוכן דאָס קראנקנהויז.

— דייטשע מיליטער־לייט גאָר ? פרעגט אָשר שטוינענדיק.

— איך ווייס ניט, אויף ווי ווייט דאס איז אמת, אבער די קריסט־לעכע קראנקן־שוועסטער האבן מיר פארזיכערט, אַז דער פּאַרטיזאַן וועט שוין אַהער מער ניט קומען.

— שוועסטער ! — זאגט אָשר נאך אַ ווײַלע שטילשווייגן — איך בין געקומען בעטן ביי אייך אַ געפעליקייט.

— אויב עס וועט מיר נאר זיין מעגלעך, וועל איך אייך עס געוויס טאָן.

— איך וויל ריידן דורך אייער טעלעפאָן מיט מיין קראַנקן ברודער, וועלכער ליגט אין דער אוניווערסיטעט־קליניק.

— דאָס איז מיר זייער אומאַנגענעם. יידישע קראַנקע איז פאַרבאָטן זיך צו באַנוצן מיטן טעלעפאָן... רעדט שנעל!

אַשר דרייט פיבערהאַפט די נויטיקע ציפערן און דאָס האַרץ קלאַפּט אים. עס באַהערשט אים אַ מורא — אַ גרויזאַמער פליט אַדורך בליץ שנעל דורך זיין מוח. ער ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

— האַלאָ, קען מען דעם קראַנקן זעלווערן פון פּאַלאַטע 7 צום טעלעפאָן בעטן? — שרייט אַשר אַריין אין טרייבל און אַ שווייס שלאָגט אים אַרויס אויפן שטערן.

— ווי? ניטאָ אַזעלכער? וואָס הייסט?...

די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן.

— שטאַרקט זיך, הער זעלווער! — זאָגט די שוועסטער און האַלט אים צו, ער זאָל ניט אומפאַלן.

אַשר נעמט צום צווייטן מאָל אַרונטער דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און דרייט די זעלבע ציפערן.

— אוניווערסיטעט־קליניק? ביטע פאַרבינדן מיט אָפּטיילונג צע. אַמטירנדיקע שוועסטער? ביטע זעלווערן פון פּאַלאַטע 7 צום טעלעפאָן.

די פאַרבינדונג איז ווידער איבערגעריסן געוואָרן.

און אַ דריטן מאָל דרייט אַשר די זעלבע ציפערן. זיין געזיכט איז טויט בלאַס, די אויגן ברענען. —

— ביטע זעלווערן פון פּאַלאַטע 7, — שרייט ער מעכאַניש אין טרייבל אַריין און גלויבט ניט, אַז עמיצער וועט אים ענטפערן.

די שוועסטער שטייט שטילשווייגנדיק נעבן אַשר'ן און קוקט אויף אים מיט גרויס מיטלייד.

עס איז שטיל געוואָרן. די פאַרבינדונג איז דאָס מאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן.

— האַלאָ! — משה'לע? — משה'לע?... האָט אַשר ווילד אויסגעשריען און זיך אַרונטערגעלאָזן אויף דעם שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים. ער האָט דערקענט זיין ברודערס שטימע.

נאר דאס איינציקע מאל האט אָשר געהאט די געלעגנהייט צו ריידן מיט זיין ברודער. מארגן האט ער שוין ניט געפונען דעם טעלעפאן אין צימער פון דער אַמטירנדיקער שוועסטער. אַ נידערגעשלאגענער האט ער זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער. אין הארצן האט ער באשלאסן וואָס שנעלער צו פארלאזן דאס קראנקנהויז און ארויסראטעווען זיין ברודער פון גויישע הענט.

עס זיינען פארביי עטלעכע טעג און אָשר האט פארביטן זיינע קולעס אויף אַ שטעקן. לאנגזאם פלעגט ער ארומשפּאַצירן אין קאָרידאָר און זיינע געדאנקען זיינען געווען ביי זיין ברודער.

דאס קראנקנהויז איז שוין כמעט אינגאנצן געווען אויסגעליידיקט פון יידישן פערסאנאל. עס זיינען נאר געבליבן ד״ר זאַכאַרין און עטלעכע קראנקן־שוועסטער, וועלכע זיינען געווען באאויפטראגט צוצוגרייטן זייערע קריסטלעכע שטעלפארטרעטערינס.

די לעצטע עטלעכע טעג, וואָס אָשר האט זיך נאך געפונען אין קראנקנהויז, האט ער געהאט כסדר׳דיקע צוזאמענשטויסן מיט ד״ר זאַכאַרין.

ד״ר ז. האט געגלויבט, אז דורך דעם וואָס ער וועט צופרידנשטעלן די גויים, וועלן זיי אים איבערלאזן אויך ווייטער ארבעטן אלס דאקטאר אין קראנקנהויז. האט ער אנגעהויבן טרייבן און יאָגן די יידישע קראנקע, אַז זיי זאלן פארלאזן וואָס שנעלער דאס קראנקנהויז. ער האט געדראָט, אַז יעדער קראנקער וועט מוזן באַצאָלן 10 מארק פאר יעדן ווייטערדיקן טאג.

— פון וואַנעט וועלן מיר נעמען געלט צו באצאלן ? — האבן געקרעכצט די קראנקע.

— דאס פרעג איך אייך דאך ! — זאגט ד״ר ז. און אויף זיין אָפּגעפרעסענעם פנים שפילט אַ שמייכעלע.

— ה׳ דאקטאר ! — שרייט אויס אָשר מיט צאָרן — גלויבט איר, אַז די גויים וועלן אייך באלוינען פאר דעם, וואָס איר טרייבט ארויס די יידישע קראנקע אין אַ געפערלעכן צושטאנד און מיט אָפענע וואונדן פון קראנקנהויז ?

— ווי דערלויבסט איר זיך אזוי צו ריידן צו מיר ? — איז ד"ר ז. אויפגעשפרונגען מיט אַ בלוט־רויטן פּנים פון זיין אָרט.

— עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איר, אַ יידישער דאָקטאָר, זאָלט...

— איר וועט נאָך היינט ביי מיר פליען פון קראַנקנהויז ! — שרייט איינגאַנצן ארויסגייענדיק פון די כלים ד"ר ז.

— מיט אייך צוזאַמען ! — ענטפערט אָשר זיכער און רואיק.

ד"ר ז. איז ארויס אַ צוקאָכטער פון פּאַלאַטע און אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

— — — — — — —

דער גרעסטער טייל פון די טויזנטער קאָוונער יידן, וועלכע זיינען במשך פון די ערשטע מלחמה־טעג געלאָפן צו דער רוסישער גרענעץ, זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אונטערוועגס.

די יעניקע יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן און זיינען געלאָפן צופוס, זיינען דאָס רוב אויסגעכאַפּט געוואָרן פון די „פּאַרטיזאַנער" און זיינען דורך זיי אומגעבראַכט געוואָרן אויף אָן אָרט, אָדער אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אויפן 7־טן פאָרט.

אויך די מער גליקלעכע, וועלכע האָבן געהאַט טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן, זיינען נישט אריינגעלאָזן געוואָרן אויף דער רוסישער טעריטאָריע (נאָר אַ קליינער צאָל איז געלונגען אין די לעצטע מינוטן פאַרן אָנקום פון דעם דייטשן מיליטער זיך אריינצובאַקומען אין רוסלאַנד, ווייל די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען אונטערן אויסרייד, אַז זיי האָבן מורא פאַר שפּיאָנען, האָבן געשלאָסן די גרענעץ פאַר די אומגליקלעכע).

פון די, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אומצוקערן אין קאָוונע, איז דער גרעסטער טייל געכאַפּט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער און אוועקגעפירט געוואָרן אויפן 7־טן פאָרט אדער אין פּראַווענישקער לאַגער, ווו זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידן.

נאָך דער פאַרניכטונג פון די מענער אויפן 7־טן פאָרט, זיינען די פרויען און קינדער אריבערגעפירט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט, וועלכער



קאָוונע, ניינטער פאָרט, וו עס ווינער אוסגעבראכט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן. צ. ה.

איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער גרעסטער מאַסן־פאַרניכ־טונגס־שטעלע פון די יידן אין קאָוונער געטאָ.

דער גורל פון די יידן אויפן 9־טן פאָרט איז געווען אַ בעסערער. דעם גרעסטן טייל פרויען און קינדער האָבן די דייטשן באַפרייט. זיי האָבן אָוועקגעזעצט צוויי יידן, וועלכע האָבן באַהערשט די דייטשע שפּראַך, אויסצופרעגן ביי יעדן אַרעסטירטן וועגן זיין פּאַרטיי־אָנגעהערי־קייט. ווי נאָר דער אַרעסטירטער האָט דערקלערט, אַז ער איז ניט קיין קאָמוניסט, איז ער גלייך באַפרייט געוואָרן.

דורך דעם האָבן זיך ציטווייליק געראַטעוועט פיל הונדערטער יידן פון טויט.

אין יולי זיינען די מאַסן־מערדערייען און פּאָגראָמען אין קאָוונע אָפּגעשטעלט געוואָרן. שוין דעם 2־טן יולי האָט די נייע געבאַקענע ליט־ווישע צייטונג „איליסווע” געמעלדעט, אַז אַלע יידן מוזן ביזן 15־טן אויגוסט אַריבערגיין אין סלאָבאָדקע (אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע).

דעם 7־טן יולי באַפעלט די דייטשע מאַכט אין שטאָט קאָוונע, אַז די יידן זאָלן שאַפן אַ קאָמיטעט אַריבערצוזידלען אַלע קאָוונער יידן אין סלאָבאָדקע. דעם 10־טן יולי ווערט באַפוילן, אַז אַלע יידן מוזן אָנטאָן אויף דער לינקער ברוסט אַ געלע לאַטע.

ביסלעכוויז האָבן אָנגעהויבן די יידן אַרויסצוקריכן פון זייערע באַהעלטענישן און זיך באַווייזן אויף די קאָוונער גאַסן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט מיט אַלע נויטיקע אַמטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער געביידע פון קאָוונער האַטהויז.

דעם 17־טן יולי האָט זיך דער יידישער קאָמיטעט אַריבערגעקליבן אויף דאַקשאַס 24 אין דער יידישער פאָלקס־שול־געביידע.

אַרום דעם קראַנקנהויז האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען יידישע פרויען (פרויען האָבן ריזיקירט מער ווי מענער) וועלנדיק זיך דערוויסן וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון זייערע פאַמיליע־מיטגלידער. אין קראַנקנהויז האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזן. זיינען זיי געשטאַנען פאַר־צווייפלטע און געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט זייערע קרובים.



קאָווגער ראטהויז אויפן ראטושע־פּלאַץ, ערשטער זיצאָרט פון יידישן קאָמיטעט, אָנהויב יולי 1941.

צ. ה. ק.

אָשר האט אָנגעהויבן דורכן פענצטער פון צווייטן שטאָק דער־ציילן וועגן דעם געזונט־צושטאנד פון זייערע קראנקע. צום סוף האט זיך אָשר איינגעשאפּט אַ שטריק, מיט וועלכער ער פלעגט ארויפברענגען בריוו און פעקלעך לעבנס־מיטל פאר די קראנקע.

אַלע קראנקע האבן אָשר'ן געקענט און זיינען געווען זייער צופרידן פון דעם נייעם פאסט־טרעגער.

— ה' זעלוועער, דא האט איר אַ בריוו! ה' זעלוועער, איר האט וואָס באקומען פאר מיר? ה' זעלוועער, זייט אזוי גוט! ה' זעלוועער, אַ פעקל! ה' זעלוועער, בעט, אַז דאס צווייטע מאל זאלן זיי מיר ברענגען פאפּי־ראָסן...

אָשר איז געוואָרן שטארק באשעפטיקט. ער האט מיט אַ שמייכל באפרידיקט יעדן קראנקן און ניט איינמאל זעענדיק דעם טרויעריקן אויסזען פון אַ קראנקן, געגעבן אים פון זיינע אייגענע פראָדוקטן.

ער איז שוין ארומגעגאנגען אָן אַ שטעקן, אָבער איין וווּנד האט נאָך אַלץ געאייטערט און די קראנקן־שוועסטער פלעגן אים מוסר'ן, וואָס ער שפּאצירט ארום און לאזט ניט פארהיילן די וווּנד.

דעם 18־טן יולי האט זיך אַבקע דער שוסטער געזעגנט מיט אָשר'ן. ער איז אויסגעשטראכן געוואָרן פון דער קראנקן־רשימה און נאָך מיט אַ ניט פארהיילטער וווּנד האט ער געמוזט פארלאזן דאס קראנקנ־הויז.

דעם 19־טן יולי האט אָשר געהאט אַ געלעגנהייט צו זען די נידער־טרעכטיקייט פון ליטווישן מעדיצינישן פערסאנאל און זיין שנאה צו יידן.

דאס איז געווען אַ בלוט־בלבול קעגן אַ יידישן אינוואַליד, וואָס האט פארלארן אַ פוס מיט אַ האנט.

אין אָשר'ס פּאַלאַטע איז געלעגן א ייד פון אַ יאר עטלעכע און פופציק מיטן נאמען אברהם זיידערמאן. ער האט געשטאמט פון יור־בורק, אַ שטעטל אויפן טייך ניעמאן, וואָס האט זיך געפונען הארט נעבן דער דייטשער גרענעץ.

ווען די דייטשע ארמיי האט פארנומען דאס שטעטל אין דעם

ערשטן טאג פון קריג און מארשירט אין דער ריכטונג צו קאָוונע, האט אברהם זיידערמאן זיך אָנגעשלאסן אָן דער דייטשער אַרמיי, וועלנדיק אויף אַזאַ אופן דערגרייכן קאָוונע. זיין אויסזען איז ניט געווען טיפיש-יידיש. האבן די דייטשן ניט דערקענט, אַז ער איז אַ ייד און אים אפילו געגעבן עסן פון זייער קעסל.

אין קאָוונע איז ער גלייך אוועק צו זיינעם אַ קרוב אויף ווילנער גאס. ער האט קוים באוויזן אויסצורעדן מיט זיין קרוב עטלעכע ווערטער, ווי די פאַרטיזאַנער האבן ארומגערינגלט דאס הויז. אונטערן אויסרייד, אַז יידן האבן כלומרשט געשאסן פון אַ פענצטער, האבן זיי ארויסגעפירט אַלע יידן אויפן הויף און אלעמען אויסגעשאסן.

אברהם זיידערמאן האט זיך געמאכט טויט און ווען די פאַרטיזאַנער זיינען אַריין אין די וווינונגען ראַבירן דאס יידישע פארמעגן, האט ער, זייענדיק פארוואונדעט אין אַ פוס און אַ האַנט, זיך אַוועקגעשאַרט אין אַ דערבייאיקן האָלץ-סקלאַד. אַ קריסטלעכער שכן האט אים באַמערקט און געמעלדעט תיכף די פארטיזאַנער.

זיי האבן זיך צוריקגעקערט כדי אים פארטיק צו מאכן, אבער גראדע אין דעם מאמענט זיינען ארויף אויפן הויף צוויי דייטשע סאָלדאַטן.

אברהם זיידערמאן האט געוויינט פאר די דייטשן און געבעטן זיי זאלן אים לאזן לעבן.

די דייטשן איז געפעלן געוואָרן, וואָס אברהם זיידערמאן באזיצט פערפעקט די דייטשע שפראך און באפוילן די פאַרטיזאַנער אים גלייך אָפפירן אין קראנקנהויז.

דאָ איז ער אָפערירט געוואָרן און מען האט אים ארונטערגענומען אַ פוס און אַ האנט.

ליגנדיק אין גרויסע יסורים האט אברהם זיידערמאן אָן אויפהער געריוויכערט. ער פלעגט זאגן, אַז דאס רויכערן שטילט עטוואָס זיינע ווייטאקן.

די קראנקע און בתוכם אשר פלעגן מכבד זיין יעדן טאג זיידערמאנען מיט פאַפיראָסן.

די נאַכט פון 18־טן אויפן 19־טן יולי האט זיידערמאַן געהאַט שרעקלעכע שמערצן און ניט געקענט איינשלאָפן. ער האט עטלעכע מאָל פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס. אַ ברענענדיק שוועבעלע איז אַרונטער־געפאַלן און אַ שטיקל וואַטע וואָס איז געלעגן אויפן דיל האט זיך אָנ־געצונדן. אַ יידישע קראַנקן־שוועסטער, וועלכע איז צופעליק אַריינגע־קומען, האט באַמערקט די שׂרפה (דער דיל האט שוין געברענט) און עס איינגעלאָשן.

וועגן דער פּאַסירונג האט זיך דערוווּסט אַ קריסטלעכע קראַנקן־שוועסטער. שפּעטער — דער גאַנצער פּערסאָנאַל. איינציקווייז זיינען זיי געקומען באַקוקן דעם „גרויסן פאַרברעכער".

אַרום 12 אַ זייגער ביימאָג האט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון 7 מאַן מיט אַן אויספאָרשער בראָש.

— אייער פאַמיליע און נאָמען ? — ווענדעט זיך דער אויספאָר־שער צו זיידערמאַנען.

— אברהם זיידערמאַן.

— עלטער ?

— 56 יאָר.

— נאַציאָנאַליטעט ?

— יידישע.

— צוליב וואָס פאַר אַ צוועק האט איר געפּרוּווט אונטערצינדן דאָס קראַנקנהויז ?

— איך האָב ניט געוואָלט...

— וואָס הייסט, איר האט ניט געוואָלט ? ווער האט אָוועקגעלייגט דאָס פייער נעבן אייער בעט ?

— ניט ווילנדיק...

— אין מיטן נאַכט אונטערצינדן וואַטע, וועלכע איז געווען גע־ווייקט אין בענזין, הייסט דאָס ניט ווילנדיק ? זייט זיך מודה ! איר וועט בעסער מאַכן.

— איך האָב ניט אין וואָס זיך מודה צו זיין.

— מיר האָבן ידיעות, אַז אַ געוויסע יידישע פּערזענלעכקייט פון קאָוונע האָט אייך געשיקט אַ בריוו, אַז איר זאָלט אונטערצינדן דאָס קראַנקנהויז.

— וואָס ? — האָט אויסגעשריען דער קראַנקער — און דאָס מויל איז אים געבליבן אָפן פון איבערראשונג.

— שטעל ניט אויס אויף מיר אַזעלכע קעלבערנע אויגן ! — איז דער אויספאָרשער אַריבער צום קראַנקן אויף „דו" — אויב דו וועסט נאָך ווייטער לייקענען, וועלן מיר קענען דיר אָנווענדן אַזעלכע מיטלען, אַז דו וועסט זיך בעטן דעם טויט.

— אי... איך... האָט דער קראַנקער געשטאַמלט.

— אויב דו וועסט זיך מודה זיין, אַז דו האָסט דערהאַלטן אַ בריוו אונטערצוצינדן דאָס קראַנקנהויז, פאַרזיכער איך דיר, אַז דו וועסט בלייבן לעבן און קיין שטראָף ניט באַקומען.

— איך ווייס ניט, וואָס איר ווילט פון מיר ! — האָט זיידערמאַן אויסגעקרעכצט און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

— אַלזאָ, ביסטו זיך ניט מודה ? — האָט דער אויספאָרשער שטרענג געפרעגט.

— יאָ... יאָ... זיך מודה... אַ שוועבעלע איז אַרונטערגעפאַלן ברענענדיק אויפן דיל...

— גענוג ! — האָט אויסגעשריען דער אויספאָרשער מיט צאָרן.

— עס איז דאָך פאַראַן אַן עדות, די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט איינגעלאָשן דאָס פייער, — רופט זיך אָפּ אָשר פון זיין געלעגער.

— שווייג דו, פאַרשיווער זשיד ! קיינער פרעגט דיך ניט ! — ענטפערט אים איינער פון די קאָמיסיע־מיטגלידער.

— צו וואָס איז אייך נויטיק אָט די גאַנצע קאָמעדיע ? דערשיסט אונדז גלייך און איר וועט פאַרשפּאָרן אומנויטיקע אַרבעט אונדז צו פּייניקן ! — שרייט אויס אָשר מיט עקל, ציטערנדיק פון אויפרעגונג מיטן גאַנצן קערפּער.

— ווי איז דער נאָמען פון חוצפה'דיקן זשיד ? — פרעגט דער אויספאָרשער ביי דער דערביי שטייענדיקער קריסטלעכער קראַנקן־שוועסטער.

— אָשר זעלוועד.

— מיר וועלן וועגן דעם ענין מעלדן דעם איצט געשאפענעם יידישן קאָמיטעט. מיר וועלן פאדערן אַ דייטשע אויספארשונגס־קאָמיסיע! — שרייט אָשר אין זיין פארצווייפלונג, זיך גיט אָפּגעבנדיק קיין חשבון, אין וואָס פאר אַ סכנה ער שטעלט זיין לעבן.

די מיטגלידער פון דער אויספארשונגס־קאמיסיע האבן זיך דורכגעקוקט צווישן זיך און אָשר׳ן גארניט געענטפערט.

נאך דעם ווי דער פּראָטאָקאָל אויף זיידערמאנען איז אָנגעשריבן געוואָרן, האבן צוויי קריסטלעכע שוועסטער איבערגעגעבן דער אויספארשונגס־קאמיסיע, אז פארדעכטיקע פארשוינען דרייען זיך יעדן טאג ארום אויפן הויף פון קראנקנהויז און פארשטענדיקן זיך מיט אָשר׳ן.

— איצט איז אלץ פארשטענדלעך! — האט געזאגט דער אויספארשער. אַ צופרידענער האט ער פארלאזן צוזאמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דער אויספארשונגס־קאמיסיע די פּאַלאַטע.

אין אַ האלבע שעה ארום האט זיך די טיר פון דער פּאַלאַטע ווו אָשר איז געלעגן שנעל געעפנט און ד״ר זאַכאַרין האט זיך ארייגעריסן ווי אַ שטורעם. זיינע האָר זיינען געווען צעשויבערט, די אויגן האבן געשפריצט מיט פייער. ער האט זיך געוואָרפן אויף אָשר׳ן מיט זיין גאנצן מענה לשון:

— ווער האט אייך געהייסן „זיי״ אויפרייצן? ווער האט אייך געבעטן זיך ארייגצומישן אין אַזעלכע ענינים? אַן אומגליק! אַן אמתער אומגליק!... זיין דיקער קערפער האט זיך געוואָרפן ווי אין קאָנוולסיעס, זיין גרויסער קאָפּ האט זיך אומרואיק געדרייט אויף דעם מיט שמאַלץ אָנגעגאָסענעם קאַרק. אויף זיין פנים האבן זיך געשפיגלט נאַרישקייט און אומבאהאָלפנקייט...

— ווו זייט איר געווען, ה׳ דאקטאר, ווען די קאָמיסיע האט אונדז דא געפארשט? — האט אָשר אים געפרעגט מיט גרויס אויפרעגונג.

— הערט אַ בעל־העזה! — האט אויסגעשריען ד״ר זאַכאַרין זיך קוים באהערשנדיק: — אַ באַריכט דארף איך אים אָפּגעבן וווהין איך גיי אַוועק.

— אַ העלד זייט איר, ה' דאָקטאָר, אַרויסצוּוואַרפן די יידן פון קראַנקנהויז, אָבער אין אַ מאָמענט פון סכנה פאַרשטעקט איר זיך, איר זוכט צו ראַטעווען אייער אייגענע פעל...

— מגושל! — האָט ד"ר זאַכאַרין אַרויסגעבראָכט און זיך געוואָרפן מיט זיינע פויסטן אויף אָשר'ן, וועלכער איז געזעסן אין בעט אויסער־לעד רואיק. אין דער מינוט איז אַריין אין דער פּאַלאַטע אַ יידישע שוועסטער און האָט שנעל אַרויסגערופן דעם צעררייצטן דאָקטאָר.

— — — — — — — — —

דעם 22־טן יולי איז אָשר געשטאַנען אין דאָקטאָרס קאַבינעט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, ה' זעלווער? — פרעגט אים די יידישע קראַנקן־שוועסטער.

— איך גיי הייַנט אַרויס פון קראַנקנהויז.

— וואָס איילט איר זיך? — פרעגט אים די שוועסטער פאַר־וואונדערט. אייערע וואונדן זיינען נאָך ביט גאַנץ פאַרהיילט.

— איך מוז ראַטעווען מיין ברודער. ער ליגט אין דער אוניווערסי־טעט־קליניק — ענטפערט אָשר און שטרעקט אויס די האַנט צו געזע־גענען זיך.

אָנגעטאָן אין אַלטע מלבושים, וואָס זיינען געווען דורכגעלעכערט דורך די קוילן, האָט זיך אָשר אַרומגעדרייט איבער אַלע פּאַלאַטעס ווו יידן זיינען געלעגן און זיך מיט זיי געזעגנט.

אַ קראַנקן־שוועסטער האָט אויסגעשניטן אַ לאַטע פון געלן שטאָף אין פאָרם פון אַ מגן־דוד און עס אים אָנגענייט אויף זיין לינקער ברוסט.

אָשר איז געוואָרן זייער טרויעריק. ווען ער איז אַראָפּ די טרעפּ פון קראַנקנהויז האָט ער זיך געזעגנט מיט די קראַנקן־שוועסטערס, וועלכע האָבן אים באַגלייט. אָשר האָט צו זיי געזאָגט:

— זאָלן מיר מיט דער געלער לאַטע אויף דער ברוסט געדולדיק וואַרטן, ווי דער בוים אין האַרבסט מיט זיינע פאַרוועלקטע בלעטער וואַרט אויף פרילינג.

אָשר האָט אַריינגערוקט דעם דאָקומענט, וואָס ער האָט באַקומען פונעם קראַנקנהויז אין זיין טאַש אַריין און ניט קוקנדיק וואָס ער הינקט נאָך שטאַרק אונטער אויף דער לינקער פוס, איז ער שנעל אַוועק אַהיים, אין זיין וווינונג אויף פרעזידענט נאַס 6.

פערטער קאפיטל

# די מערדערין

אין דער זעלבער צייט איז משה, אשרס ברודער, געלעגן אין איינער פון די פאלאטעס אין דער גרויסער אוניווערסיטעט־קליניק מיט הויכער טעמפעראטור.

עטלעכע טעג פארן מלחמה־אויסברוך איז ער אהין געבראכט געווארן פון שאקי און געהאפט ארויסצוגיין פון קראנקנהויז אין א וואך צוויי ארום א געזונטער. אזוי האבן אים יעדנפאלס פארזיכערט די דאקטוירים. אבער פלוצלונג האט זיך אלץ געענדערט. די געשעענישן זיינען געפלויגן בליץ שנעל און זיינע שווערע איבערלעבענישן האבן נאך פארערגערט זיין לאגע.

דער קראנקער משה איז געלעגן אומבאהאלפן און פאריאושט. פאר זיינע פארנעפלטע אויגן האבן געשוועבט אפגעריסענע בילדער פון פארווירקלעכטע און ניט פארווירקלעכטע קינדישע פאנטאזיעס.

ער האט זיך געקלאמערט אין דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט און געטשוכעט זיינע אפגעשוואכטע חושים זי צו באגרייפן, אבער אומזיסט: די שוואכקייט האט אים פארוויגט אין טרוימען און ער האט ניט געהערט דעם קראך פון באמבעס און די שיסערייען פון הארמאטן, וועלכע האבן געמאכט ציטערן די ווענט פון דער קליניק, און ניט געזען ווי די איבעריקע קראנקע — די גויים צלמ'ען זיך און רופן נאך הילף צו דער הייליקער מאריע און זון... און דאך — ווען ער האט דערוואכט און געזען א חוזק־שמייכלעלע אויפן פנים פון דער קראנקן־שוועסטער און האט אויף די פנימער פון די קראנקע, האט ער פארשטאנען, אז עס איז אויסגעבראכן די מלחמה.

פון דאַמאָלסט אָן האָט ער געלעבט איזאָלירט — איין ייד צווישן אַ סך גויים, וועלכע האָבן מער מיט אים ניט געוואָלט ריידן. דאָס עסן פלעגט מען אים צוּוואַרפן ווי פאַר אַ הונט און זיך ניט גערעכנט, צי ער מעג עס עסן אָדער ניט.

ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ וואַלד צווישן חיות און מורא גע־האַט צו בעטן טרינקען, ווען אים האָט געדורשט און זיך באַקלאָגן, ווען זיינע שמערצן האָבן זיך געשטאַרקט.

וואָכנלאַנג האָט די איינזאַמקייט געפרעסן זיין נשמה און זי פאַר־גיפטעט מיט פאַרצווייפלונג.

אין איינער פון זיינע שלאָפלאָזע נעכט האָבן אים אויפגעוועקט פאַרצווייפלטע געשרייען און געוויינען. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן אַ קלאָגערײַ און יאָמערײַ פון פרויען און קינדער.

— דער טויט! דער טויט!... האָט משה געמורמלט צו זיך אַליין. פּלוצלונג האָט אַ פאַרצווייפלטער געשריי פאַרהילכט די פּאַלאַטע, אין וועלכער משה איז געלעגן.

משה איז געבליבן ליגן ווי פאַרשטיינערט. זיין בלוט האָט ווי אויפ־געהערט שלאָגן. דאָס איז געווען דער ווײַ־געשריי פון אַ יידישער מוטער, ביי וועלכער מען רויבט אַוועק איר קינד.

משה'ס אויגן האָבן געקוקט דורכן פענצטער, נעבן וועלכן ער איז געלעגן, אָבער קיין זאַך האָט ער ניט געזען. געווען אַ ליכטיקע זומער־נאַכט, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסן מיט איר גאַנצער פּראַכט איבער פעלדער און וועלדער אויף ווייטע אומענדלעכע מרחקים. די ערד ווי אַ שטומע שיינהייט האָט געכישופט און געלאַכט מיט איר חן.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט אויפצוהויבן דעם קאָפּ. משמעות ער האָט געוואָלט זען די אומגליקלעכע אָבער אומזיסט. זיין קאָפּ איז געלעגן צוגעשמידט צום קישן און געזען האָט ער נאָר ווי די נאַטור קוקט זיך צו גלייכגילטיק, ווי רוצחים און סאַדיסטן טונקען איר שיינקייט אין בלוט און זייען אויף אירע בישופדיקע פעלדער טויט און חורבן.

און אפשר איז בעסער געווען, וואָס ער האט ניט געזען די מענטשן־חיות, וועלכע פארשמוצן די הייליקייט פון דער נאטור און דערטרינקען ווי די אורמענטשן גאָטס יצירה אין בלוט.

משה וואָלט געוויס ניט אויסגעהאַלטן און וואָלט געשלעפּט זיין קראנקן גוף צום ארט פון דער עקדה, ווייל געהאט האט ער אַ מיף־פילנדיקע נשמה, אָט דער יונגערמאן פון 21 יאר. אַ שפּילכל וואָלט פאר אים געווען צו שטארבן אַ „תמות־נפשי"־טויט.

אויף מארגן האט ווייטער געשיינט די זון ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט אין אָט דער נאַכט...

פון דאַן אָן פלעגן זיך יעדע נאכט הערן קלאָגערייען און יאָמע־רייען פון פארצווייפלטע פרויען, אַ געוויין פון קינדער און אַ שיסעריי פון ביקסן.

עס האט אויסגעזען, ווי חיה־מענטש האט מיט דער ערד און נאַ־טור אַ דריי־בונד געשלאסן: איינער האט געמארדעט, די צווייטע, ווי אַ ריזן־מולך, האט עס גלייך פארצוקט און די דריטע האט דערשטיקט דעם ווײ־געשריי אין איר שטילקייט.

ייִטיקער בלאָע הימלען האבן נאריש־שטום געקוקט. אָפּטמאָל, ייִ ניט ווילנדיק, פלעגט די לבנה וואַרפן אַ טרויעריקן בליק אויף דעם הריגה־פעלד, אבער גלייך אים געכאַפּט שנעל אויף צוריק און אליין זיך פארשטעקט פון בושה אין וואָלקנס.

און בייטאג אין די פּאַלאַטעס פלעגן די קראנקע גויים זינגען פריי־לעכע לידלעך. אַ יום־טוב — מען דערשיסט די זשידעס אויפן 7־טן פארט. (דער 7־טער פארט האט זיך געפונען ניט וויט פון דער אוני־ווערזיטעט־קליניק).

אזוי האבן זיך געצויגן פאר משה'ן פיינלעכע טעג. זיינע אויגן האבן ניט געזען, אבער זיינע אויערן האבן אלץ געהערט. אין זיין קאָפּ האבן געווירבלט געדאנקען פינצטערע ווי די נאכט און שווארצע ווי דער טייוול.

צום סוף איז אים נמאס געוואָרן אין דערפרי די אויפגייענדיקע זון און אין אָוונט די לבנה. מיט עקל האט ער געקוקט אויף דעם דאַק־

טאר און די קראנקן-שוועסטער, וועלכע מיידן אים אויס, און מיט פאראכטונג אויף די איבעריקע קראנקע גוֹיים... ער האט אָנגעהויבן קלערן וועגן טויט.

עס זיינען אבער אויך געווען מאָמענטן, ווען ער האט זיך געקלאמערט אין לעבן, אָט דער יונגער בחור, וואס האט נאך פון לעבן גאנץ ווינציק גענאָסן.

ער איז געווען אפילו גרייט צו קעמפן פאר זיין לעבן קעגן אלץ און אַלעמען אפילו קעגן מלאך המות אליין. אין אזעלכע מאָמענטן האבן זיינע אויגן געברענט מיט אַ העלן פייער. ער פלעגט פיל פאנטאזירן און פארגעסן אפילו, אז ער איז קראנק.

איין נאכט האט אימיצער אָנגעקלאַפט אין דער טיר פון דער דעזשורירנדיקער שוועסטער פון משה'עס אָפטיילונג.

די שוועסטער, וועלכע האט דאן געפלירטעוועט דורכן טעלעפאן מיט איר קאַוואַלער, האט ראַשיק אַוועקגעלייגט דאס טרייבל און אויסגעשטעלט אַ פּאָר פארוואונדערטע אויגן אויפן מענטשן, וואָס האט זיך באוויזן אין איר צימער.

— ווער האט אייך אזוי שפעט דא אריינגעלאזט ? — האט זי האלב דערשראקן געפרעגט און אויפגעהויבן איר לינקע האנט. דער זייגער האט געוויזן פונקט 12.

דעם פרעמדנס פנים האט אויסגעוויזן שרעקלעך. זיינע אויגן — ווי ביי אַ מערדער פארלאפן מיט בלוט. פון זיין מויל האט זיך געטראגן אַ ריח פון בראנפן. זיין גאָז — ווי ביי ס'רוב ליטווינער פארריסן.

געקליידעט אין אַ מאָדערנעם קאסטיום, נייעם זומער-מאנטל און עלעגאנטע שיך.

די קליידער זיינען געווען גרוים, ניט לויט זיין מאָס... ער האט אַ ווײַלע באטראכט די שוועסטער און דאן גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש אַנטקעגן איר.

— וואָס פארלאנגט איר ? — האט די שוועסטער געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

אויך די פראַגע איז געבליבן ווי די ערשטע אָן אַ תשובה. דער גאַסט האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון דער שוועסטער זיין מערדערישן בליק.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט. די שוועסטער איז אומרואיק געוואָרן.

פלוצלונג האָט אַ הייזעריקע שטימע איבערגעריסן די שטילקייט:

— זעץ זיך!

די שוועסטער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— דו ביסט די שוועסטער פון דער פּאַלאַטע?

— איך.

— גיב מיר זאָפאָרט די ליסטע פון די קראַנקע אין דיין אָפּטיילונג! — האָט דער גאַסט מיט אַ באַפעלערישן טאָן אויסגעשריען.

— צו וואָס? צו וואָס דאַרפט איר עס? — האָט די שוועסטער מיט שרעק קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— איך דאַרף וויסן וויפל עס געפינען זיך זשידעס ביי דיר אין דער אָפּטיילונג, וועלכע פרעסן אונדזער ברויט און פאַרברויכן אונדזערע מעדיקאַמענטן!

— האָס איגנאַנצן!—האָט אויסגערופן די שוועסטער מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים — איר האָט עס דאָך מיר גלייך געקענט זאָגן און ניט איבערשרעקן.

— איך האָב געמיינט, אַז...

— איך האָב ליב די זשידעס? כאַ, כאַ, כאַ! — האָט איס די שוועסטער איבערגעריסן לאַכנדיק אויפן קול.

אויפן חיה׳שן פּרצוף פונעם גאַסט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און עטוואָס וואַקלענדיק זיך אויף די פיס איז ער צו איר צוגעגאַנגען. ער האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן איבער איר פּלייצע.

— דו ביזט דאָך גאָר אַ ווילע יאַטיכע!

— גיי! גיי! דו ביזט אַ שכור.

— נו, איז וואָס?

ער האָט זי אַרומגענומען...

פארן אַוועקגיין האט ער זי געפרעגט:

— דו האסט מיר נאך ניט געזאגט, וויפל זשידעס געפינען זיך ביי דיר אין דער אָפטיילונג.

— איין איינציקער, האלב־לעבעדיקער זשידלאק — האט זי אים פרייליך געענטפערט — איך האב אים שוין פון לאנג געוואָלט אַוועקשיקן צו זיין טאטן אַבראַמען, אבער ער היט זיך שטארק.

— האסט דאך מעדיצין, לייג עס אריין אין זיין עסן.

— גרויסער חכם מיינער, איך האב עס שוין געפּרוּווט, אבער ער עסט נאר דאס, וואָס מען טיילט פון די אלגעמיינע כלים און וואַסער טרינקט ער נאר פון קראַן. ער איז כיטרע, דער זשידלאַק!

— דאן זאל ער שטארבן פון הונגער! — האט דער גאסט שוין אומגעדולדיק אויסגערופן. עס האט אים פארדראסן וואָס צוליב איין ייד דארף ער אזוי פיל ריידן און פטר'ן זיין „טייערע" צייט.

— דאס איז אוממעגלעך!

— ווי אזוי זשע אנדערש? — האט דער גאסט שוין נערוועז געפרעגט און געווישט מיטן ארבל דעם שווייס פון זיין שטערן.

— קענסט שוין גיין, איך האב שוין געפונען אַ מיטל — האט די שוועסטער נאך אַ ווײַלע טראכטן געזאגט. זי האט ארומגענומען זיין קאָפּ און אים אריינגעשושקעט אין אויער.

— אויסגעצייכנט! דו ביסט אַ העלדיש מיידל! — האט דער האלב שכורער גאסט מיט התפעלות צוגעדריקט די שוועסטער צו זיך.

— — — — — — —

דער זייגער האט געשלאגן איינס און די פּאַלאַטע, אין וועלכער משה איז געלעגן איז פארזונקען אין שלאף. דורכן פענצטער האט אריינגעקוקט די לבנה. איר טרויעריקער מעלאנכאלישער שיין האט זיך געגליטשט איבער בלאסע געזיכטער פון קראנקע און צום סוף זיך פאררוקט ערגעץ ווייט אין אַ ווינקל נעבן אויוון. ווי אַן עדות פון דעם, וואָס דארף באלד געשען...

משה האט האלב געדרעמלט נאך זיינע שווערע איבערלעבענישן פון טאג. אויף זיין בלאסן פנים איז געלעגן אַ קינדיש גליקלעך שמייכל.

געוויס האָט זיך אים געחלומ'ט, אַז ער געפינט זיך אין דער מיט ליב־שאַפט און צערטלעכקייט דורכגעזאַפּטער היים פון זיין טאַטע־מאַמען.

פלוצלונג איז זיין דרעמל איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שטאַרקער זשומעריי. אַ פליג האָט זיך פארטשעפּעט אין איינעם פון די פליגן־פאַנגערס. מיט די קליינע פיסלעך און פליגלען האָט די פליג זיך געוואָלט באַפרייען פונם קליי, באַלד האָט זי אָבער פאַרלאָרן די כוחות און איז פאַרשטומט געוואָרן.

משה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

זיינע מידע און פאַרשלאָפענע אויגן האָבן ווי געבלאַנדזשעט און געזוכט אין דער פינצטערניש. אין זיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט, ווי אין בין השמשות, ליכטיקע חלומות און פינצטערע ווירקלעכקייט.

צום סוף האָט ער אינגאַנצן זיך אויסגעטשוכעט. משה האָט זיך דערמאָנט ווו ער געפינט זיך און שווער אָפגעזיפצט.

עס האָט ווידער אין אים דערוואַכט דער וואָרעם, וואָס האָט געבויערט און געמאַטערט זיין מוח בייטאָג. ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, פאַרמאַכט די אויגן און געפּרווט איינשלאָפן.

עס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן. די לופט אין דער פּאַ־לאַטע איז געווען אַ שווערע און אים האָט שרעקלעך געפייניקט דער דורשט.

אַ מאָמענט איז אים אריינגעפאַלן אַ געדאַנק אַנצוקלינגען צו דער שוועסטער, זי זאָל אים ברענגען וואָס צו טרינקען. אָבער גלייך האָט ער זיך דערמאָנט וועגן זיין חשד... ער האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, ער איז מיטאַמאָל באַהערשט געוואָרן פון אַן אומפאַרשטענד־לעכער מורא. ער איז אין דעם מאָמענט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליין קינד וואָס האָט זיך אין דער נאַכט אויפגעכאַפּט, זיך דערשראָקן פאַר דער פינצטערניש און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

עס האָט פיל ניט געפעלט, אַז דאָס דערוואַקסענע ייִנגל זאָל אין מיטן דער נאַכט אויסברעכן מיט אַ יאָמערלעך געוויין.

משה האָט צום סוף דערשטיקט אין זיך זיין מורא, ווייל געוווּסט האָט ער, אַז ניט אַ מוטערס צערטלעכע האַנט וועט אים גלעטן און באַרוּיקן, נאָר אַ ציין־קריצעריי פון אויפגעהעצטע חיות.

— — — — — — — —

שטיל האָט זיך די טיר פון משה'ס פּאַלאַטע געעפנט און נאָך שטילער האָט זי זיך פאַרמאַכט. אַ שאָטן פון אַ געשטאַלט האָט זיך ווי אַריינגעגליטשט אין האַלב טונקעלן צימער.

די געשטאַלט איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין און דאַן מיט דער פאַרזיכטיקייט פון קעצישע טריט אָן שום גערויש זיך געשאַרט צווישן די בעטן פון די שלאָפנדיקע.

די לבנה איז ווי אויס נייגיר ליכטיקער געוואָרן און פאַסן ליכט פאַרגליווערטע, קאַלטע האָבן צעשניטן דאָס צימער און פאַרוואַנדלט די בעטן אין פאַנטאַסטישע פיגורן און האַלב שאָטנדיקע געשטאַלטן. . . .

מיט שרעק האָבן משה'ס אויגן נאָכגעפאָלגט די אויסטערלישע געשטאַלט, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט. משה איז אין דעם מאָמענט געוועזן זייער אָנגעשטרענגט. דער שטילסטער שאָרך, דער קלענסטער גערויש איז פאַר זיינע אויערן ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. . .

פּלוצלונג האָט זיך אויף איינער פון די פאַסן ליכט אויפן דיל ווי אויף אַן עקראַן זיך באַוויזן די סודות'פולע געשטאַלט. איין אויגנבליק און גלייך איז עס ווידער פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט, משה האָט אָבער שוין באַוויזן צו באַמערקן, אַז דאָס איז אַ פרוי.

ווער איז די פרוי? און פאַרוואָס שלייכט זי אַזוי געהיימניספול צווישן די בעטן אין מיטן דער נאַכט?

משה האָט ניט געקענט לייזן אָט די רעטעניש. זיין קאָפּ האָט געברענט ווי אַ פייער. פאַרשיידענע געדאַנקען האָבן אומרחמנות'דיק געעגבערט זיין מוח און אים ווידער אַריינגעוואָרפן אין אַ שרעק.

אין דעם מאָמענט איז די געהיימניספולע פרוי געבליבן שטיין האַרט נעבן זיין בעט. ער האָט זי ניט באַלד דערזען, אָבער ער האָט זי געשפּירט מיט זיינע אַלע חושים.

משה איז געבליבן ווי געפּלעפט, אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַ־

גאסן. אין זיין מוח איז בליץ שנעל אדורכגעלאפן אַ געדאנק: — אפשר איז דאס דער טויט?

— דער טויט! דער טויט! אין אַ געשטאלט פון אַ פרוי האט ער זיך פארקליידעט און געקומען רויבן דיין נשמה! — האט אַ מאָדנע שטימע אין משה'ן גערעדט. זיינע ציין האבן געקלאַפּט פון קעלט.

— — — — — — —

ווי אַ רויב־חיה, פאר איר לעצטן שפרונג אויף איר קרבן, איז גע־שטאנען די געהיימניספולע פרוי ביי משה'ס בעט. און פלוצלונג האט זי זיך געגעבן אַ וואָרף מיט איר גאנצן קערפער אויפן קראנקן. דאס איז פארגעקומען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז משה איז מאָמענטאַל געבליבן ווי פאַראַליזירט. אַן אָנגענעמער פרויען־קערפער האט אים צוגעדריקט. ער האט דערפילט אַ זיסע ווארעמקייט און די אָפּגעטויטע געפילן האבן ווידער אויפגעלעבט.

שטארקע קרעפטן פון א מאן האבן זיך פון זייערע באהאלטענע רעזערוון צעגאסן און אָנגעפילט זיינע גלידער.

משה האט אין דעם מאמענט געשפירט אַ ווילדן גענוס. ער האט אויפגעריסן די האלב־אָפענע אויגן אָנצוקוקן די פרוי...

אין דעם מאמענט האבן אַ פּאָר קרעפטיקע הענט ארומגעקלאמערט זיין האלדז.

— וואָס ווילט..? כ.. כ.. לאזט.. כ.. כ.. לאז.. כ.. כ..

פינגער ווי צוואַנגען האבן אלץ פעסטער געדריקט זיין האלדז.

משה'ן האט באהערשט אַ ווילדע אימה. זיין קאָפּ האט זיך געריסן, געוואָרפן אין אלע זייטן.

זיין פון דער קראנקהייט אויסגעמאטערטער קערפער — וואָס איז געלעגן איינגעפרעסט און אומרחמנותדיק געדריקט געוואָרן פון דער שווערער משא — האט פארצווייפלט זיך אָנגעשטערנגט זי אַראָפּצושליי־דערן און באפרייען די הענט און פיס, וועלכע זיינען געלעגן איינגעדרייט אין דער דעקע.

די מערדערין האט אויסגענוצט דעם מאמענט, וואָס איר קרבן האט זיך פארגעסן אין זיין דערוואַכטער תאווה, און זי האט זיך אויס־געצויגן איבער אים ער זאל ניט קענען רירן מיט קיין איין גליד.

כ... כ... כ..! דער קאָפּ האָט פאַרצווייפלט געקעמפט, זיך אויפגעהויבן און אַרונטערגעלאָזן.

פּלוצים האָט ער זיך אַ ריס געטאָן אין דער הויך און זיין האַרטער שטערן האָט אַ פעסטן קלאַפּ געטאָן אין פּנים פון דער מערדערין.

— זשידאָווסקאַ מאָרדאַ! — משה׳ס האַלדז איז באַפרייט געוואָרן.

— ראַטעוועט! — האָט אַ פאַרצווייפלטער געשריי זיך אַ ריס געטאָן פון משה׳ס אינגעווייד. דער קול, נישט קענענדיק זיך אַרויסרייסן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטילער כאָרכלעריי.

איין אויגנבליק האָט עס געדויערט און גלייך האָבן אים ווייטער אַ פּאָר הענט אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלדז. די מערדערין האָט אָפּנים מורא געהאַט ער זאָל נישט שרייען.

די איינציקע סעקונדע פון באַפרייאונג איז דאַך ווייזט אויס גענוג געווען, אַז משה זאָל אָנזאַמלען כח.

ער האָט אָנגעהויבן פאַרצווייפלט זיך צו פאַרטיידיקן. די הענט האָבן געקניפּט און געריסן די דעקע. די פיס האָבן פיבערדיק געטראַמפּלט אין דער לופט. דער קאָפּ האָט פּרובירט ווידער אַמאָל זיך באַפרייען.

אָבער אומזיסט. זיין מידער קערפּער האָט זיך געבאָדן אין אַ מייך שוויס. וואָס ווייטער האָט ער געאָטעמט אַלץ שווערער. צום סוף האָט אים אַן אויסערגעוויינלעכע שוואַכקייט באַהערשט און ער האָט דערשפּירט זיין סוף.

און ווידער אַמאָל, איז די לבנה, ווי אויס נייגיר, ליכטיקער געוואָרן און באַגאָסן מיט איר קאַלטן ליכט דאָס בעט, אויף וועלכער די מערדערין האָט געפּרוווט איר קרבן ענדגילטיק צו דערשטיקן.

צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך פּלוצלונג, אין דער ניי אויסגעגאָסענער ליכטיקייט געטראָפן:

אויגן תמימותדיקע, קינדישע, נאַאיווע, פאַרצווייפלטע — פון אַ מאַן.

אויגן קאַלטע, וואַסערדיקע, אכזריות׳דיקע — פון אַ פרוי.

משה האָט דערקענט די קראַנקן־שוועסטער און האָט אַלץ פֿאַר־שטאַנען...

זיין לעצטער פּרוּוו אַרויסצורייסן דעם קאָפּ פֿון אירע הענט איז דורכגעפֿאַלן. זיין קערפּער האָט אָנגעהויבן קאָנוווּלסיוו זיך וואַרפֿן. דאָס געזיכט איז אים געוואָרן אָנגעלאָפֿן מיט בלוט. די אויגן — ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסקריכן פֿון די לעבער.

מיט אַמאָל האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. אין דעם קריטישן מאָמענט, ווען דער טויט האָט אויסגעוויזן צו זיין אומפֿאַר־מיידלעך, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. צי איז עס געווען צוליב דער שוועסטערס ניט פֿאָרזיכטיקייט, ווייל צו זיכער איז זי שוין געווען, אַז עס איז דער ענדגילטיקער סוף פֿון איר קרבן, אָדער האָבן זיך ביי איר דערוועקט — אין משך פֿון איר שווערן געראַנגל מיט אַ מאַן — געפֿילן פֿון אַ פֿרוי...

ווי עס זאָל ניט זיין, די לינקע האַנט פֿון קראַנקן האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעפּלאָנטערט פֿון דער דעקע און ווי זי וואָלט געווען אַ גוף פֿאַר זיך אַליין און זיך בכלל ניט גערעכנט מיטן אָפּשטאַרבנדיקן קערפּער, האָט זי זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט אַ שליידער געטאָן אין דער לופֿט. אויסגעמאַגערטע ביינערנע פֿינגער האָבן זיך גע־דריקט אין אַ פֿעסטער פֿויסט, אָנגעפֿילט מיט יוגנטלעכע קרעפֿטן, און זיך אַריינגעשניטן מיט כּוח אין אַ פֿלייש־מאַסע...

דעם קראַנקנס קערפּער, האָט ווי עלעקטריזירט זיך מעכטיק אַ הויב געטאָן.

גלייך האָט זיך אויך די רעכטע האַנט פֿון קראַנקן באַפֿרייט — זיך אויסגעצויגן און אַריינגעפּאַרן מיט אַ מעכטיקן זעץ אין פּרצוף פֿון דער מערדערין, און איז באַנעצט געוואָרן מיט אַ קלעפּעדיקער פֿליסיקייט.

עס האָט זיך דערהערט אַ שווערער קרעכץ. די משא האָט זיך אַרונטערגעגליטשט אויפֿן דיל.

משה איז געווען געראַטעוועט.

פינפטער קאפיטל

# דאס געטאָ ווערט געשלאָסן

אַ האַלב פאַרחלשט׳ער האָט משה קוים אַריבערגעלעבט די נאַכט. ער האָט ניט געהערט און ניט געזען, וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט. ער האָט געשפּירט גרויסע ווייטאָקן ביים אָטעמען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט די זון שטאַרק געוואַרעמט. די קראַנקע זיינען שוין געווען וואַך.

עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אימיצער ווערגט אים נאָך. ער האָט זיך דערמאָנט די פּרטים פון דער נאַכט און האָט אויפגעשוידערט.

אויף דער דעקע און קישן זיינען געווען פאַרטריקנטע בלוט־פלעקן.

דער דאָקטאָר איז אַריין אין דער פּאַלאַטע און איז צוגעגאַנגען צו משה׳ן.

— היינט וועט איר פאַרלאָזן דאָס קראַנקנהויז!

— ה׳ דאָקטאָר — האָט משה טרויעריק געענטפערט — איך בין דאָך נאָך זייער קראַנק, ווי...

— אויב איר וועט במשך פון טאָג ניט פאַרלאָזן דאָס קראַנקנהויז, וועלן מיר זיין געצוווּנגען אייך אַרויסצושמייסן.

— ה׳ דאָקטאָר! איך... איך... — טרערן האָבן זיך געגאָסן פון משה׳ס אויגן.

— קיין שום תירוצים וועלן אייך ניט העלפן!

— אָבער ווי אַזוי? אַליין?... איך קען דאָך ניט... — האָט משה געבליפּעט.

— יידן טאָרן ניט שפּעטער ווי היינט דעם 25־טן יולי בלייבן אין קראַנקנהויז, — האָט דער דאָקטאָר שוין עטוואָס ווייכער געזאָגט:

— אין עטלעכע טעג ארום מוזן מיר רוימען אָט די אָפּטיילונג און די דייטשן וועלן עס איבערנעמען.

— אפשר, ה' דאקטאר — איז משה דרייסטער געוואָרן פון דעם דאקטארס ווייכערן טאָן — וועט מען מיך אריבערפירן אין דעם יידישן קראנקנהויז. איך האב ביי זיך געלט, איך וועל באצאלן.

— עס איז פארבאָטן פאר יידן זיך צו באנוצן מיט טראַנספּאָרט־מיטלען. איך קען אייך גארניט העלפן.

— אבער וואָס זאל איך טאָן? איך האב דאך הויכע טעמפּע־ראַטור! — האט משה געקרעכצט.

— האט איר פאמיליע אדער גוטע באקאנטע אין שטאָט?

— א ברודער.

— ווי איז זיין אדרעס?

— ער ליגט אין יידישן קראנקנהויז.

— קלינגט אים גלייך אָן, אפשר וועט ער אייך קענען העלפן. אויב ביז 6 אַ זייגער אָונט, וועט מען אייך פון דאנען ניט ארויסנעמען, וועל איך לײדער מוזן באפעלן אייך מיט געוואַלט ארויספירן.

— אבער ה' דאקטאר...

דער דאקטאר איז צוגעגאנגען צו אַ צווייטן קראנקן. אין אַ ווײלע ארום איז ער ארויס פון דער פּאַלאַטע. די איבעריקע קראנקע זיינען געלעגן און געשוויגן.

— וואָס זאל איך טאָן? — האט משה ווי אין משוגעת גע־שעפּטשעט.

ער האט באשלאָסן אָנצוקלינגען צו אָשר'ן. מיט גרויסע שווע־ריקייטן האט ער זיך אויפגעזעצט און ארויסגעקראָכן פון בעט. ער האט אָנגעטאָן דעם כאַלאַט.

— זעט, דער זשיד איז דאך גאר ניט קראנק, ער סימולירט גאָר! — האט זיך אָפּגערופן איינער פון די קראנקע צו זיינע חברים.

— היינטיקע נאכט האב איך געמוזט צוליב אָט דעם פארשאָל־טענעם אַ פּאָר מאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף. ער האט געכאָרכלט און

געברומט. איך האָב געמיינט, אַז ער שטאַרבט שוין און דאָ איז ער מיט אַמאָל געזונט געוואָרן ווי אַ פערד! — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער.

משה האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעשאַרט פון דער פּאַלאַטע.

דער קאָפּ האָט אים געשווינדלט, די פיס האָבן זיך געבויגן. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער וואַנט ער זאָל ניט אומפאַלן.

ער האָט אָנגעקלאַפּט און איז אַריין אין צימער פון דער דעזשו־רירנדיקער שוועסטער.

— וואָס ווילסטו? — האָט די שוועסטער ניט ענטפערנדיק אויף זיין באַגריסונג אים געפרעגט.

— רעדן מיטן יידישן קראַנקנהויז...

— דער דאָקטאָר האָט עס דיר דערלויבט?

— יאָ.

— רעד!

משה האָט גלייך באַקומען די פאַרבינדונג.

— קען מען בעטן אָשר זעלווער צום טעלעפאָן?

— ווי? ניטאָ אַזעלכער? ער ליגט דאָך שוין אַ מאָנאַט צייט ביי אייך אין שפּיטאָל! וואָס?... ווי... האַ?... ג—ע—ש—ט—אָ—ר—ב—ן?..

משה איז געפאַלן אין חלשות.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער שוין צוריק געלעגן אין זיין פּאַלאַטע.

ער האָט זיך דערמאַנט אָן זיין בייעם אומגליק און איז איינגע־בראָכן אין אַ היסטעריש געוויין.

אומזיסט האָבן די קראַנקע אים געשאָלטן און געזידלט פאַר זיינע געוואַלדן. ער האָט געוויינט, געקלאָגט און געטענה'ט:

— ברודערל, מיין גוטער ברודערל, דיך האָב איך שוין אויך פאַר־לוירן! אָן דיר וואָס איז איצט מיין לעבן? איך וויל שטאַרבן... לאָזט מיך שטאַרבן... ער האָט אין זיין פאַרצווייפלונג אָנגעהויבן צו האַקן מיטן קאָפּ אָן ראַנד פון בעט.

די קראַנקע האָבן געלאַכט, געחוזקט און זיך געוויצלט איבער אים.

פלוצלונג איז משה שטיל געבליבן. אַ געדאַנק איז בליץ שנעל דורכגעלאָפן זיין מוח: אפשר גאָרן זיי מיך, אפשר איז עס אַ ליגן? האָבן אַלע זיינע אברים געציטערט. אָבער נאָר איין אויגנבליק האָט עס געדויערט. גלייך האָט אַ צווייטער געדאַנק אַ שניט געטאָן, ווי מיט אַ מעסער זיין מוח און פאַרטריבן דעם ליבמיקן שטראַל פון האָפענונג.

— וואָלט אָשר צו מיר ניט געקלונגען, ווען ער וואָלט געלעבט? קראַנקערהייט וואָלט ער צו מיר געקומען.

— ער איז געשטאָרבן! — האָט משה ווייטער אָנגעהויבן וויינען און שרייען אויפן קול — פאַרוואָס, גאָט, האָסטו אונדז אַזוי געשטראָפט?

משה האָט געקלאָגט און ניט מורא געהאַט פאַר די דראָאונגען פון די קראַנקע גויים. פאַר אים איז שוין געווען אַלץ געענדיקט. ער האָט געוואַרט אויף דעם טויט.

עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער קראַנקן-שוועסטער האָט זיך ניט איינגעגעבן ביינאַכט אים צו באַזיגן. ער וואָלט דאָך איצט פאַרשפּאָרט זיך צו מאַטערן...

פלוצלונג האָבן זיינע אויגן מאָדנע אָנגעהויבן צו גלאַנצן. 10 אַ זייגער איז פאַרגעקומען די וויזיטאַציע. דער דאָקטאָר איז צו משה'ס בעט צוגעגאַנגען.

— נו, איר האָט גערעדט מיטן ברודער?

— מיין ברודער וויל מיך געמען צו זיך. איר, ה' דאָקטאָר, קענט מיר דערביי בייהילפיק זיין! — האָט משה אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך קען אייך מיט גאָרניט העלפן.

— ה' דאָקטאָר, זייט ניט בייז, איר קענט מיר יאָ העלפן — האָט משה געזאָגט און געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן אויפן דאָקטאָר —

איך דאַרף מיר נור אַריינלאָזן אַ שפּריץ... איך בעט אייך, טוט עס מיר...

דער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען אַז איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרטראַכט.

— איך פאַרשטיי! — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — אייך איז דער טויט פיל בעסער ווי דאָס לעבן, אָבער איך קען אייער בקשה ניט דערפילן. איך טאָר אייך ניט מאַכן אַזאַ שפּריץ...

נאָכן דאָקטאָרס אַרויסגיין פון פּאַלאַטע האָבן זיך די מינוטן פאַרן אומגליקלעכן משה'ן אָנגעהויבן צו ציען ווי די אייביקייט.

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן צו שטאַרבן און ניט געוווּסט, ווי אַזוי געמט מען זיך דאָס לעבן.

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן בילדער פון זיין אַמאָ־ליקער היים, פון זיינע עלטערן. שטיל האָט צולעצט פאַרבייגעשוועבט אַ געלע געשטאַלט פון אַ בר־מינן.

— אָשר! אָשר! — האָט משה ווילד אויסגעשריגן — איך גיי! איך גיי! איך קום גלייך נאָך דיר!...

ער האָט זיך אַ זעץ אויף געטאָן און גלייך צוריק געפאַלן, געבנ־דיק מיטן קאָפּ אַ מורא'דיקן קלאַפּ אינם ראַנד פון בעט און איז געבליבן שטיל.

— — — — — — —

ווען אשר איז אַרויס פון קראַנקנהויז האָט אים פאַרכאַפּט אַ הייַ־סער יולי־טאָג. די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און האָט אומ־ברחמנות'דיק געברענט.

אָשר איז געווען אָנגעטאָן אין זיין ווינטער־מאַנטל, וועלכן ער האָט צוריקבאַקומען אין קראַנקנהויז. ער איז שנעל געגאַנגען.

טראָפּנס שווייס, ווי גרויסע טראָפּנס רעגן, זיינען איבער זיין פּנים גערונען.

ער איז דורך איין גאַס און ער איז מיד געוואָרן.

זיינע ווונדן, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען גאַנץ פאַרהיילט, האָבן פון פיל אָנשטרענגונג אָנגעהויבן בלוטיקן.

טראָץ זיין אויסערגעוויינלעכער עקשנות האָט ער געמוזט גיין פּאָ־מעלעכער. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט זיך אָפּרוען. ארום אים האָט געזוישט דאָס לעבן און פאַרביי אים האָבן געשוועבט אַהין און צוריק אויסגערוטע און צופרידענע גוייִשע פּנימער.

ווי ניט ווי האָט זיך אויך באוויזן אַ ייד, אָבער — גאָט! — וויפל צער און אומעט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. מיט צעשראָקענע אויגן האָט ער דעם קאָפּ נערוועז געדרייט אין אַלע זייטן, פּונקט ווי אַ געיאָגטע חיה.

דער געלער מגן־דוד, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון דעם ייד'ס ברוסט, איז געווען איבעריק. מען האָט במילא אין אים געקענט דער־קענען דעם יידן.

וואָס ווייטער, אַלץ לאַנגזאַמער איז געגאַנגען אָשר צו זיינע בעלי־בתים אויף פּרעזידענט־גאַס נר. 6, און אַלץ אָפטער פלעגט ער זיך אָפּרוען.

פּלוצלונג איז אָשר שטיין געבליבן. זיין בליק איז געפאַלן אויף איינעם פון די הייזער און ער האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט.

— דאָס זעלבע הויז! אָט איז דאָס פענצטער! אָ, גאָט, האָרטן האָבן די מערדער געוואָלט אוועקרויבן מיין לעבן! — מורמלט אָשר, בלייבנדיק שטיין אויפן מיטן טראָטואַר, ווי פאַרכישופט.

עמיצער האָט אים פּלוצלונג אַ שטופּ געטון און אַראָפּגעשליידערט פון טראָטואַר אויפן גאַס:

— קוקט אויפן חוצפּה'דיקן זשיד! זיך אוועקגעשטעלט אויפן טראָטואַר און פאַרהאַלט די באַוועגונג.

אָשר איז געקומען צו זיך. ער האָט אַ קוק געגעבן אויפן הויכן, דיקן, אויסגעפּוצטן גוי און אויף דער געלער לאַטע פון זיין אייגענעם בגד און האָט געשוויגן.

אין אַ ווײַלע ארום איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער. עס איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ער האָט געפּרוווט עפענען די דרויסנ־דיקע טיר, אָבער אויך זי איז געווען צוגענאָגלט.

ווי אַ גנב, האָט זיך אָשר ארומגעקוקט אויב קיינער באַמערקט ניט און מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח האָט ער אַ ריס געטון די טיר.

זי האָט נאָכגעגעבן און מיט אַ קרעכץ זיך אויפגעפראַלט.

אָשר איז שנעל אריין אינעווייניק און די טיר פארקלאַפט הינטער זיך. ער איז געבליבן שטיין אין דער טונקלקייט און אַ מאָדנער געפיל האָט אים באַהערשט.

ביסלעכווייז האָבן זיך זיינע אויגן צוגעוווינט. דורך די שפּאַלטן פון די ברעטער, מיט וועלכע דאָס פענצטער איז געווען פארקלאַפּט האָבן זיך אריינגעריסן שטראַלן ליכט.

אָשר קוקט זיך ארום און אַ ציטער נעמט אים דורך... אַלץ אזוי ווי דאַמאָלס, ווען ער איז געלעגן אין דער קאַלוזשע בלוט... דער טאַמבאַנק... לעבער אין סופיט פון די קוילן... און דאָרט נעבן פענצטער אַ פארטריקנטער פלעק אויפן דיל — זיין פארטריקנט בלוט...

אָשר'ן באַהערשט מיטאַמאָל אַ מין שגעון. ער וואַרפט זיך שנעל אַנידער נעבן פענצטער אויפן זעלבן אָרט... זיין בליק בלאָנדזשעט ווילד ארום זיך... ער איז זיכער, אַז עס ווערט פארטגעזעצט זיין טראַגעדיע...

דאָס צימערל איז פול מיט גייסטער. אָט זעט ער אַלטע לייט... אָט שוועבן קליינינקע קינדערלעך... אומעטום איז בלוט... טייכן, טייכן בלוט... און אָט שוועבט זיין „איך"... אַן עכאָ פון זיינע פארצווייפלטע געשרייען... שאַ, אַ געלעכטער פון גויים, וועלכע הוזקן פון זיינע ווייטאָקן... און פלוצלונג זיין בלוט־פלעק פון דיל הויבט זיך אויף... אַלץ העכער, העכער און פארנעמט דעם גאַנצן חלל פון צימער...

אַ ציטערדיקער קול הערט זיך, דוכט זיך זיין אייגענע שטימע.

— נקמה! נקמה!

אַ בעט מיט צאַרט ווייסע בעט־געוואַנט און אַ קינדס ראָז־קער־פערל מיט פיל בלוט־פלעקן טראָגט זיך פארביי זיינע אויגן...

— אוי מאַמע. אוי עס טוט מיר זייער וויי...

אַ מוטער, וועלכע איז משוגע געוואָרן, שטייט מיט איר איבערגע־בליבענער איינציקער האַנט נעבן איר טויטן זון און שרייט:

— נקמה! נקמה!

עגבערט איז זיין מוח אַ געדאַנק: אַנטלויף! אַנטלויף!..

— וווהין? וווהין זאָל איך לויפן? — שטעלט אויס אָשר זיינע שגעון׳פולע אויגן מיט תחנונים צו דעם אַרום...

דער נעפּל פאַרשווינדט מיטאַמאָל און אָשר כאַפּט זיך אויף פון זיין פאַרטראַכטקייט.

ער גיט זיך אַ שטעל אויף און ווי אַ שוואַך, קראַנק קינד לאָזט ער אַרויס אַ טרער. ער וואַרפט דעם לעצטן בליק אַרום זיך און פאַרלאָזט שנעל דאָס צימער.

2 אַ זייגער בייטאָג איז אָשר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין וווינונג.

די אַלטע האָבן אָשר׳ן באַגעגנט מיט אויסערגעוויינלעכער פריינט־שאַפט. זיי האָבן געוויינט פון שמחה, וואָס זיי זעען אים ווידער אַ געזונטן.

גלייך האָבן זיך ביי די אַלטע פאַרזאַמלט אַלע שכנים פונעם הויז.

קוקנדיק אויף אָשר׳ן האָבן זיי זיך דערמאָנט זייערע זין, פאָטערס און מענער, וועלכע מען האָט דאָן פון זיי אוועקגעריבט און זיי האָבן זיך בימער צעוויינט.

נאָכדעם ווי אָשר האָט אויסדערציילט אַלע איינצלהייטן, ווי ער האָט זיך געראַטעוועט, איז ער אַריין אין זיין צימער.

— אייערע זאַכן זיינען אין אָרדענונג! — האָט די באַלעבאָסטע נאָכגייענדיק אים געזאָגט.

אָשר איז געווען צופרידן. אַלץ האָט זיך געפונען אין דער זעלבער אָרדענונג, ווי ער האָט מיט אַ חודש צוריק איבערגעלאָזן.

פּלוצלונג האָט אָשר מיט שרעק אויסגעשריען:

— ווו איז מיין טעלעפאָן?

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? זאָל גאָט געבן, אַז דאָס זאָל זיין אייער איינציקע דאגה — באַרויקט אים די באַלעבאָסטע.

— דער טעלעפאָן איז מיר וויכטיקער פאַר אַלע מיינע זאַכן, וואָס איר האָט אויסגעהיט! — רופט אויס אָשר מיט וויטאָק.

די באַלעבאָסטע קוקט אויף אים ווי אויף אַ ניט־נאָרמאַלן.

— מיר האָבן געמוזט אָפּגעבן דעם טעלעפאָן. די ליטווישע רע־גירונג האָט שטרענג פאַרבאָטן יידן צו באַזיצן אַ טעלעפאָן אָדער אַ ראַדיאָ.

— ווי... ווי!.. האָט אָשר געקרעכצט, ווי עס וואָלט מיט אים פּאַסירט דאָס גרעסטע אומגליק. די באַלעבאָסטע האָט געקוקט אויף אים און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ...

— וואָס זייט איר, ה׳ זעלוועה, אַזוי פאַרצווייפלט? — האָט גע־פרעגט, אַריינגייענדיק אין צימער, דער אַלטער.

— וואָס בין איך פאַרצווייפלט? דער טעלעפאָן איז ניטאָ! ווי וועל איך איצט זיך פאַרשטענדיקן מיט מיין אומגליקלעכן ברודער? — שוין באַלד 2 וואָכן, ווי איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקייט מיט אים זיך צו פאַרבינדן. איך שטעל זיך פאָר ווי אומרואיק ער איז.

— אויף אייך, ה׳ זעלווער, קען מען זיך פאַרלאָזן. איר זייט דאָך געזונט, וועט איר שוין געפינען אַן עצה — קלאַפּט וויל־יונגלעריש דער אַלטער איבער אָשר׳ס פּלייצע.

— ווי? ווי אַזוי? — פרעגט אָשר טרויעריק, עס איז מיר דאָך אוממעגלעך צו גיין 6 קילאָמעטער. מיינע וווּנדן זיינען נאָך ניט גאַנץ פאַרהיילט.

— וואָס ברענט עס אַזוי? — מישט זיך אַריין די אַלטע — זאָל זיך אייך דוכטן, אַז איר ליגט נאָך אין קראַנקנהויז. אייער ברודער וועט ניט אַנטלויפן.

— ניין! — רופט אויס אָשר אַנטשלאָסן. איך וועל נאָך היינט אַלץ אָנווענדן אַרויסצונעמען מיין ברודער פון דער קליניק.

— צייט צו גיין עסן! — זאָגט די באַלעבאָסטע צו אָשר׳ן — איך האָב צוגעגרייט פאַר אייך, ה׳ זעלווער...

— אַ שיינעם דאַנק אייך, ניט נויטיק! — ענטפערט העפלעך אָשר און ניט אַרויסרעדנדיק מער קיין וואָרט גייט ער אַראָפּ אין גאַס.

ער איז אריין אין אַ נאָענט הויז, וווּ זיינער אַ חבר האָט געוווינט.

דער וועכטער פון הויז, הערנדיק וועמען אָשר זוכט, האָט פאַר־קלאַפּט די טיר פאַר זיין נאָז:

— נישטאָ דאָ מער קיין זשידעס!

ארום אַ שעה צייט האָט אָשר ארומגעבלאָנדזשעט אין די גאַסן און האָט גארנישט אויפגעטאָן.

זיינע וואונדן האָבן אים זייער ווי געטאָן, ער האָט קוים געקענט שטעלן אַ טריט. ער האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן זיין זוכעניש אויף מאָרגן.

פאַרן ארויפגיין צו זיך, האָט ער באַמערקט אַ וועשערין, וווּ ער פלעגט שטענדיק געבן וואַשן זיינע וועש. ער איז אריין אינעווייניק.

די גויע שטעלט אויס אויף אים אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן און ציט זיך הינטערוויילעכטס צוריק, ווי זי וואָלט געזען פאַר זיך עפּעס אַ גע־שפּענסט.

— איר... איר... — שטאַמלט זי, ווערנדיק ווייס ווי שניי:

— אירע אויגן ווערן גרויס — איר זייט דאָך... יאָ... מען האָט אייך...

און מיטאַמאָל הויבט זי זיך אָן צו צלמ'ען.

אַ פּרימוס שטייט אויף אַ שטול. עס קאָכט זיך טיי. דאָס דעקל פון טשייניק שפּרינגט אונטער. אַ פּרעס־אייזן שטייט אויפן טיש און ברענט די טוך...

— מען האָט אייך דאָך גע—שאָסן! — שטאַמלט זי צום סוף ארויס.

— נו, געווייס האָבן אייערע מערדער אין מיר געשאָסן! — זאָגט אומגעדולדיק אָשר.

— איך האָב פאַרבייגייענדיק אייך געזען ליגנדיק טויט אין אַ קרעמל אויף ווילנער גאַס.

אָשר שווייגט.

— דער הויז־וועכטערס יינגל האָט מיר דערציילט, אַז איר זייט גע־שפּרונגען דורך אַ שויב־פענצטער און...

— מיינע וועש גיט מיר! — שרייט אויס אָשר מיט עקל.

— אייערע וועש? יאָ, אייערע וועש ווילט איר... — חזרט איבער די גויע, קוים קומענדיק צו זיך.

זי נעמט ארויס אַ פעקל וועש, וואָס איז שוין געלעגן אין אירן אַ קופערט און דערלאַנגט עס אָשר׳ן.

— איר האָט מיר שוין געוואָלט ירשה׳נען — זאָגט אָשר מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און גייט ארויס אַ בייזער.

די נאַכט איז אָשר כמעט נישט געשלאָפן. אין זיין קאָפּ האָט גענעבערט איין איינציקער געדאַנק, ווי אַזוי זאָל ער ארויסנעמען זיין ברודער פון דער קליניק.

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך כסדר געטראָגן עפּעס מאָדנע געשטאַלטן.

אַ שטאַרקער אומרו האָט אים באַהערשט. זיין הארץ האָט העפטיק געקלאַפּט. מיטאַמאָל האָט זיך פון זיינע אויגן אַ גאָס געטאָן אַ שטראָם טרערן...

— רבונו של עולם! האָב רחמנות! — האָט אָשר געכליפּעט ווי אַ קליין קינד און זיך נישט געקענט באַהערשן.

דאָס איז געווען אין דער זעלבער נאַכט, ווען משה האָט זיך גערענגלט מיט דער מערדערין און זי באַזיגט.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז אָשר אַנדערעמלט געוואָרן.

אויף מאָרגן דעם 25-טן יולי איז אָשר אויפגעשטאַנען 8 אַ זייגער פרי, ער האָט שנעל אָפּגעגעסן זיין אָרעם פרישטיק און איז ארונטערגעגאַנגען אין גאַס. אויפן ראָג זיינען געשטאַנען עטלעכע טאַקסעס.

אָשר איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די שאָפערן:

— איך דאַרף ברענגען פון אוניווערסיטעט-קליניק אַ קראַנקן. איך בין גרייט צו באַצאָלן יעדן פּרייז.

— מוחל, מוחל ס׳געלט! — האָט דער שאָפער זיך משוכענדיק פון שלאָף געענטפערט אָשר׳ן.

— אָבער...

— קיין אָבער! קיין זשידעס פיר איך נישט! — האָט דער שאָפער מיט רוגזה געענטפערט און פאַרקלאַפּט די טיר פון זיין מאַשין.

אַ צווייטער שאָפער, צו וועלכן אָשר האָט זיך געווענדעט, האָט אים נעדראָט:

— זשיד! טראָג זיך שנעל אָפּ פון דאַנעט, ווען ניט גיב איך דיר איבער אין די הענט פון דער פּאָליציי.

אָשר איז אַוועק אַ טרויעריקער. פאַרבייגייענדיק דעם דערבייאיקן מאַרק איז ער געבליבן שטיין.

דער מאַרק וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהודזשעט ווי אַ בינשטאָק פון קויפער און פאַרקויפער איז געווען כמעט פּוסט.

ייטלעכע פויערים זייַנען געזעסן אויף זייערע פורן און פאַרקויפט יאַגדעס.

אַ גוויישער עולם איז געשטאַנען מיט ליימענע טעפּ און שיסלען און געדולדיק געוואַרט אויף זייער ריי.

עטוואָס ווייטער זייַנען געשטאַנען עטלעכע ליידיקע פורן.

— פיר מיך צו צו דער אוניווערסיטעט־קליניק און איך וועל דיר גוט באַצאָלן! — האָט זיך אָשר געווענדעט צום פויער, וועלכער איז געזעסן אויף דער פור און געשמאַק צוגעביסן.

— איך פיר ניט קיין זשידעס, גיי פון דאַנעט!

אָשר איז צוגעגאַנגען צו אַ צווייטער פור.

— גיי אַוועק, זשיד, ווען ניט, קריגסט דו פון מיר מיטן בייטש.

אַ צעררודערטער איז אָשר ווייטער געגאַנגען. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט די געשטאַלט פון זיין אומגליקלעכן ברודער. ער האָט ניט געשפירט ווי אינסטינקטיוו האָבן זיינע פיס אים געבראַכט צו די טרעפּ פון זיין וווינונג.

מיטאַמאָל איז אָשר'ן ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. פון זיין פנים איז מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן זיין יאוש. ער האָט איצט געפלאַקערט מיט אַ נייער אידעע...

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, ווי ער וואָלט פולקום גע־זונט געווען, איז ער ארויף אויף די טרעפּ. ער איז אריין אין זיין צימער ארונטערגעוואָרפן פון זיך זיינע בגדים, ארונטערגעצויגן די שיך. דאַן האָט ער אויפגעשלאָסן דעם קליידער־שראַנק און ארויסגענומען

זיין בעסטן אַנצוג. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ נייעם אויבערהעמד, שיינעם קראַוואַט, עלעגאַנטע שיך.

ער האָט אַרונטערגענומען פון שראַנק אַ קליינעם טשעמאָדאַן, דאָרט אַריינגעלייגט אייניקע מלבושים און איז אַרויס פון צימער.

אַרויסגייענדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער באַלעבאָסטע. די אַלטע האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן און אויסגעשריען פון איבעראַשונג:

— איר, הער זעלוואָר! וואָס איז דאָס...

—אַנטשולדיקט! איך האָב ניט קיין צייט. איך מוז געשווינד גיין!— האָט אָשר שנעל געענטפערט, זיך ניט אומקוקנדיק אויף דער אַלטער, וועלכע האָט געוויס געטראַכט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

ביי דער טיר איז זי צוגעלאָפן און אים פאַרהאַלטן:

— ה' זעלוואָר! גאָט איז מיט אייך, איר האָט דאָך פאַרגעסן אָנצוטאָן אויף דעם אַנצוג די געלע לאַטע.

— איך האָב ניט פאַרגעסן, לאָזט!

— ווי איז צו מיר, מען וועט דאָך אייך גלייך אַרעסטירן, ה' זעלוואָר!.. וואָס טוט איר?.. באַטראַכט זיך! — האָט זיך די אַלטע ביי אים געבעטן. אָבער אָשר איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טיר. ער איז אַוועק צו סיימאַ גאַס.

שטאַלץ איז ער צוגעגאַנגען מיטן קאָפער אין דער האַנט צו איינעם פון די שאָפערן.

דער שאָפער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער מאַשין, צוגענומען דעם קאָפער און געהאָלפן אָשר'ן איינשטייגן.

— וואוהין, מיין הער? — האָט ער הכנעהדיק געפרעגט.

— צו דער אוניווערסיטעט-קליניק!

אין 15 מינוט אַרום איז די טאַקסע שטיין געבליבן נעבן דער קליניק.

דער שאָפער האָט געהאָלפן אָשר'ן אויסשטייגן פון דער מאַשין.

— בלייב דאַ וואַרטן! האָט אָשר באַפוילן דעם שאָפער.

— ס'וועט לאַנג דויערן, מיין הער?

— פאר אלץ וועל איך באצאָלן.

אָשר איז שנעל אריין אין דער אוניווערסיטעט־קליניק. ער האט זיך גאָכגעפרעגט אויף דער אָפטיילונג „צ״.

— האט איר אַ דערלויבעניש, מיין הער? — האט אים פאר־שטעלט דעם וועג אַ סאַניטאַר.

אָשר האט אריינגערוקט אַ מטבע דעם סאַניטאַר אין האנט אריין. יענער האט אים דורכגעלאזן.

אויף די צווייטע טרעפ האט אים ווייטער פארהאלטן אַ סאַניטאַר:

— דא מיין הער, איז די אָפטיילונג פון אַנשטעקנדע קראנקייטן. האט איר אַ דערלויבעניש פון דאקטאר אָהער ארויפצוגיין?

אָשר האט פרובירט דעם זעלבן מיטל, אבער יענער האט זיך גע־קווענקלט:

— מיין הער, איך קען פארלירן צוליב דעם מיין שטעלע. דא איז שטרענג פארבאָטן פאר זייטיקע פערזאָנען ארויפצוגיין.

— דא האסטו אויך די דערלויבעניש פון דאקטאר! — האט אָשר דרייסט ארויסגענומען זיין דאקומענט פון יידישן קראנקנהויז און עס דערלאנגט דעם סאַניטאַר.

— ביטע, מיין הער! — האט דער סאַניטאַר, וועלכער איז געווען אַן אַלפאַבעט, געזאָגט. קענטיק דער שטעמפל האט געמאכט אויף אים אַן איינדרוק.

ווי אָשר איז נור ארויף אויף די טרעפ האט פונדערווייטנס אַ גלאנץ געטאן פאר זיינע אויגן דאס צימער נומ. 7. ער האט געשפירט ווי זיינע קני בויגן זיך.

— גאט, שטארק מיך! — האט ער מתפלל געווען מיטן גאנצן הארצן. ביי דער טיר האט אים מיטאָמאָל פארהאלטן אַ קראנקן־שוועס־טער.

— וווהין גייט איר דאָ? ווער האט אייך דאָ ארויפגעלאזט? דא איז דאך די אָפטיילונג פון אַנשטעקנדע קראנקייטן! — האט זי מיט איין אָטעם־צוג צו אים געטענה׳ט.

— איך ריזיקיר מיט מיין געזונט, און אויף אים בין איך דער באַלעבאָס! — האָט אָשר געענטפערט זעענדיק, אַז ער האָט דאָ ניט וואָס צו פארלירן.

— מיר זיינען פאר דעם פאראַנטוואָרטלעך און איר טאָרט דאָ ניט אריינגיין! איך וועל אייך ניט אריינלאָזן, — האָט זי געזאָגט צו אָשר'ן און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טיר מיט אויסגעשפּרייטע הענט.

— נאַרישקייטן, איך מוז דאָך אריינגיין צו מיין ברודער!

— אוממעגלעך, אוממעגלעך!

— קען איך ריידן מיט דעם דעזשורנעם דאָקטאָר פון דער אָפּ־טיילונג?

— קומט!

אָשר איז מיט דער קראַנקן־שוועסטער אריין אין דאָקטאָרס קאַבינעט.

דער דאָקטאָר איז געזעסן און געלייענט אַ בוך.

— זעצט זיך, מיין הער, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו אָשר'ן און באַקוקט אים מיט פארוואונדערונג.

אָשר האָט באַדאַנקט און איז געבליבן שטיין מיטן קאָפּער אין דער האַנט.

— דער הער האָט געוואָלט אומבאַדינגט אריינגיין אין דער פּאַ־לאַטע 7. איך האָב אים דערקלערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, אָבער דער הער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע, — האָט די קראַנקן־שוועסטער זיך באַקלאָגט פארן דאָקטאָר.

— מיט וועלכן קראַנקן ווילט איר ריידן? — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו אָשר'ן.

— מיט משה זעלווער.

— ער איז דאָך אַ ייד! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופן אַ פארוואונדערטער.

— ער איז מיין ברודער.

— איר... אַ ייד?.. איר טראָגט דאָך ניט קיין געלע אָפּצייכנונג.

— איר וועט מיר זייער אנטשולדיקן, הער דאקטאר, ראס איז מיינס אַ געהיימניס.

— איך האָב מאקע געהערט, אַז די דייטשע מאכט האט געמאכט פאר עטלעכע יידן אַן אויסנאַם אין דעם פאַל... האט דער דאקטאר מיט נייגיר געזאגט.

— ה׳ דאקטאר, כ׳בין געקומען ארויסנעמען מיין ברודער פון אייער קליניק, האט אָשר פיל דרייסטער גערעדט.

— איר זייט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, היינט 6 אַ זייגער אָוונט וואָלטן מיר געווען געצוווּנגען אים צו באַזייטיקן, ווייל די אָפּטיילונג ווערט איבערגענומען דורך די דייטשן.

דורך אָשר׳ס לייב איז דורך אַ ציטער.

— אַלזאָ ה׳ דאקטאר, מיין מאקסע שטייט גרייט דאָ אונטן.

— איר זייט געקומען אין אַ מאַקסע? מאָדנע! ווייזט אוים, אַז אויף אייך זיינען ניט חל די אַלע יידן־געזעצן — האט דער דאקטאר גערעדט מיט גרוים דרך־ארץ.

— גאנץ ריכטיק — איז געפאלן דרייסט אָשר׳ס תשובה.

— אייער ברודער האט זיך לעצטנס איינגעבילדעט, אַז איר לעבט שוין ניט און ער האט געוואָלט זיך נעמען דאס לעבן.

אָשר איז בלאַס געוואָרן.

— ה׳ דאקטאר, ווי איז זיין צושטאנד?

— ניט גוט.

— וועט ער קענען מיט מיין הילף ארונטערגיין די טרעפ פון קראנקנהויז?

— איך צווייפל.

אָשר האט שווער אָפּגעזיפצט און איז געבליבן שטיין מיט אַן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ.

דער דאקטאר האט זיך אויפגעשטעלט.

— קען איך, ה׳ דאקטאר, ארייננגיין צו אים?

— ביטע זייער, די קראנקן־שוועסטער האט אים שוין געמאלדן, אַז איר זייט געקומען אים אָפּנעמען.

— איך בין אייך זייער דאנקבאר — האט אָשר געזאגט און איז ארויסגעגאנגען פון דאקטארס קאבינעט.

— שטארק מיך, גאָט! — האבן אָשר'ס ליפן געמורמלט ווען ער האט געשפרייזט דורכן קאָרידאָר.

צימער 7... 7... 7... דער 7 האט געטאנצט פאר זיינע אויגן אין פארשיידענע קאָלירן. דער קאָפ האט אים געשווינדלט, ווי אַ שכור האט ער זיך געוויגט אויף די פיס.

ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויפן הענטל פון דער טיר און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין, ווי פאַראַליזירט. זיין הארץ האט אים שטארק געקלאַפט.

די טיר האט זיך לאנגזאם געעפנט.

ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיינע אויגן האבן געזוכט איבער די בעטן פון די קראנקע...

— אָשר! אָשר!... דאָ!...

אַן אויסגעמאגערטע האנט האט זיך אויפגעהויבן און גלייך זיך ארונטערגעלאזט. אַ פאָר ברענענדיקע אויגן האבן ארויסגעקוקט פון אַ געלן, לענגלעכן, באוואקסענעם פנים.

— רבונו של עולם, דאס איז דאך משה'לע!

אָשר איז געקומען צו זיך, מיט פעסטע טריט איז ער צוגעגאנגען צום ברודער און אַ קוש געטאן אים אין שטערן.

משה האט מיט ווילדע אויגן געקוקט אויף אים.

— משה'לע! — האט זיך ארויסגעריסן אַ פארשטיקטער געשריי ביי אָשר'ן.

— אָשר, דו! דו ביזט עס! ווי שיין דו זעסט אוים! אָט פונקט ווי אין אַ יום־טוב טאג אַמאָל ביי אונדז אין שטעטל... אָבער... דו ביזט דאך טויט... דאס איז דאך נאר אַ שיינער... זייער שיינער חלום... אפשר... ביזטו אויך מיך געקומען נעמען.. נעם מיך!.. איך גיי מיט!.. און אונדזערע נשמות וועלן צוזאמען...

— וואָס פלוידערסטו, משה'לע — האט אָשר אויסגעשריען —

איך לעב! זע, איך לעב! דאָס איז ניט קיין חלום! און ער האָט אָנ־געהויבן גלעטן מיט אַ ציטערדיקער האַנט משה׳ס קאָפּ.

משה האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין.

— נו, שאַ, שאַ, ברודערל! — האָט אים אָשר געפּרוּווט באַ־רואיקן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַריינגעשושקעט משה׳ן אין אויער:

— ברודערל, דו ביזט דאָך אַלעמאָל געווען אַ קלוגער און אַ דריי־סטער, פאַרשטיי מיך, איך האָב ריזיקירט און אַראָפּגענומען די געלע לאַטע פון זיך און צו דיר געקומען. די קראַנקע גויים דאָ אין פּאַלאַטע קוקן אויף מיר ווי אויף אַ ביין ווונדער. אויב דו וועסט ניט גלייך גיין מיט מיר, האָן זיינען מיר ביידע פאַרלוירן.

משה האָט אויפגעהערט צו וויינען. זיין פּנים איז אינגאַנצן פאַר־ענדערט געוואָרן.

— ברודערל, איך וועל זיך שטאַרקן! — האָט ער האַסטיק גע־שעפּטשעט און זיך מיטאַמאָל אַ זעץ אויף געטאָן.

אָשר האָט שנעל, ניט פאַרלירנדיק קיין איין רגע, אַרויסגענומען פון טשעמאָדאַן די קליידער און געהאָלפן משה׳ן זיך אָנטון.

עס זיינען פאַרביי עטלעכע מינוט און משה איז געשטאַנען אָן אָנגעטועניער.

אָשר האָט אים גענומען פאַר דער האַנט:

— שטאַרק זיך, ברודערל, אונטן שטייט די טאַקסע.

— גוט!

ער איז ווי אַ פּולקאַם געזונטער מיט פעסטע טריט אַרויס מיט אָשר׳ן פון פּאַלאַטע.

— פאַרשאַלטענע זשידעס! — האָט אַ שטימע פון אַ קראַנקן זיי נאָכגעשריגן.

ביידע ברידער זיינען אַראָפּ פון די טרעפּ.

— קיין וואָרט זאָלסטו מיט מיר אין דער טאַקסע ניט אַרויסריידן!

— האָט אָשר געזאָגט שטיל צו משה׳ן.

— איך פאַרשטיי...

דער שאָפער האט געעפנט דאס טירל.

— פרעזידענט גאס נומ. 6. — האט אָשר אויסגערופן צום שאָפער, העלפנדיק זיין ברודער אריינשטייגן אין דער טאַקסע.

די מאַשין האט זיך ראַשיק געטראָגן איבער די באַלעבאטע גאסן פון קאָוונע, וואָס האט זיך געבאָדן אין די זון־שטראַלן. עס האט לאנג ניט געדויערט און זי איז שטיין געבליבן.

אָשר האט באצאלט דעם שאָפער, וועלכער האט זיך טיף פאר־נויגט און איז מיטן ברודער אריין אין הויז.

— — — — — — —

לויטן אויפטראג פון דער דייטשער מאכט איז דעם 24־טן יולי פאר־געקומען אין קאָוונע אַ ברייטערע זיצונג פון עסקנים צו קלייבן אַן „אָבער־יודע".

קיין בעלנים אויף דעם פאסטן האבן זיך ניט איינגעפונען.

די וואַל איז געפאלן אויף דעם אין קאָוונע באקאנטן האקטאר ח. עלקעס.

אלס שעף פון דער צוקונפטיקער יידישער געטאָ־פּאָליציי איז אויס־געוויילט געוואָרן איינער קאָפּעלמאַן.

גלייכצייטיק איז געשאפן געוואָרן די ארבעט־פארטיילונג־ביוראָ, דער קערן פון שפּעטערדיקן ארבעטס־אַמט.

אין דער זעלבער צייט איז דערשינען דער באפעל נומ. 1 פון דעם קאָוונער שטאָט־קאָמיסאר ס. אַ. בריגאַרדען־פירער קראמער:

1) יידן מוזן אָנטאָן אַ צווייטע געלע לאַטע אויפן רוקן,

2) יידן טאָרן ביי קריסטן קיין זאך ניט קויפן אָדער פארקויפן,

3) יידן טאָרן ניט גיין אויפן טראָטואַר, נאר אויף דער גאס נעבן טראָטואַר,

4) ביזן 15־טן אויגוסט מוזן אלע יידן פון דער שטאָט קאָוונע זיך געפינען אין סלאָבאָדקער געטאָ.

איידער דער באפעל נומ. 1 פון שטאָט־קאָמיסאר איז דערשינען האבן די קאָוונער יידן זיך געטרייסט, אַז די איבערזידלונג וועט דויערן

מאָנאַטן לאַנג און ביזן אָפּשליסן פון געטאָ איז מעגלעך, אַז דער דייטש זאָל כאַפּן אַ פינצטערע מפּלה.

דער פעסטגעשטעלטער טערמין פון שליסן דאָס געטאָ האָט אַרויסגערופן צווישן די קאָוונער ייִדן אַ גרויסע בהלה און נערוועזיטעט.

דער וווינונגס־אַמט ביים ייִדישן קאָמיטעט איז געוואָרן הילפלאָז. ער האָט געזאָלט אָרדענען פּלאַנמעסיק די עוואַקואַציע — גאַנסנווייז, אָבער צוליבן געדראַנג פון די ייִדן און אומגעדולד פון די דייטשן און ליטווינער, וועלכע פלעגן אַרויסוואַרפן די ייִדן פאַרן טערמין פון די דירות, האָט זיך געשאַפן אומאָרדענונג און כאַאָס.

דער וווינונגס־אַמט איז אויך ניט געווען צוגעפּאַסט צו אַזאַ קאָלאָסאַלער אַרבעט.

דאָס אַריבערזידלען אין אַזאַ קורצן טערמין בערך 30 טויזנט נפשות און זיי באַזאָרגן מיט דירות אין סלאָבאָדקע איז געווען איבער זייער קרעפטן. נאָר אַ מלוכה'שאַפטלעכער אָרגאַן וואָלט געקענט ביזן באַשטימטן טערמין אַזאַ אַקציע דורכפירן.

דער וווינונגס־אַמט, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין טראַנספּאָרט און פינאַנסיעלע מיטלען און אויך גענוג ענערגישע קרעפטן, וועלכע זאָלן זיך פרייוויליק שטעלן צו זיין דיספּאָזיציע — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין בּיורא ווו מען האָט הויפטזעכלעך אַרויסגעגעבן אָרדערס אויף דירות אין סלאָבאָדקע.

די קאָוונער ייִדן, זעענדיק דעם קאַטאַסטראָפאַלן מצב פון דעם ענין דירות, האָבן אָנגעהויבן צו האַנדלען אויף אייגענער האַנט. זיי פלעגן פשוט ביטן זייערע קאָוונער דירות אויף דירות פון די גויים אין סלאָבאָדקע. נאָכדעם פלעגן זיי באַקומען פון וווינונגס־אַמט די נויטיקע אָרדערס. די קריסטן האָבן דערשמעקט, אַז דאָ קענען זיי מאַכן גוטע געשעפטן, פלעגן זיי נעמען ביי די ייִדן געלט און זאַכן ווי אַ הוספה צום ביט.

שוין דאַמאָלסט, ביים אַרויסגעבן די אָרדערן, האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָטעקציאָניזם, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין געטאָ אונטערן נאָמען „וויטאַמין פּע".

האבנדיק וויטאַמין „פע" האט מען געקראגן אן אָרדער אויף אַ דירה אין סלאָבאָדקע, וואָס אַ צווייטער האט אויסגעפונען פאר זיך און אָנגעוויזן אין וווינונגס־אַמט. יענער האט זיך שפעטער וואָכן לאנג גע־וואַלגערט מיט קליינע קינדער אויף דער גאס.

דאס האט גלייך ביים אָנפאנג געבראכט דערצו, אז דער וווינונגס־אַמט און בכלל דער קאָמיטעט און אלץ, וואָס האט געשמעקט מיט קאָמיטעט און „קאָמיטעטשיקעס", איז ביטער פארהאסט געווארן ביי די געטאָ־יידן.

סוף יולי האט דער וווינונגס־אַמט און די ארבעטס־פארטיילונג־ביוראָ זיך אנגעהויבן טיילווייז אריבערקלייבן קיין סלאָבאָדקע.

— — — — — — —

אָשר'ס בעלי־בתים זיינען געווען פארצווייפלט, זיי האבן מורא גע־האט צו פארשפעטיקן מיטן בייטן זייער דירה אויף אַ דירה אין סלאָ־באָדקע.

גאנצע טעג פלעגט זיך די אלטע ארומשלעפן און בעטן ביי פריינט און באקאנטע צו העלפן איר באקומען אַ דירה אין סלאָבאָדקע.

איין טאג איז די אלטע געקומען אַ שטראַלנדיקע. זי האט שוין אַ וווינונג און שוין אויך ארויסבאקומען פון קאָמיטעט אַן אָרדער.

— וויפל צימערן ? פרעגט אָשר נייגעריק.

— צוויי צימערן מיט אַ קיך — ענטפערט די אלטע אַ גליקלעכע.

— צוויי צימערן ? — וואונדערט זיך אָשר.

— איך האב זיך פארבונדן מיט אַ צווייטער פאמיליע פון 2 פער־זאָן, — איז זיך מודה די אלטע.

— אזוי ? . . .

— דאגה'ט ניט, ה' זעלווער, אייך האב איך אויך ניט פארגעסן. איך וועל אָפּצאַמען פאר אייך אַ ווינקל אין דער קיך.

— און מיין ברודער ? — פרעגט אָשר אין קלעמעניש.

— פאר אייער קראנקן ברודער מוזט איר קריגן אַ באזונדערן צימער.



געביידע פון יידישן קאָמיטעט (עלטעסטן־ראַט) אין קאָוונער געטאָ
אויף ווארניו גאַס 49.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון פּאַקן די בעבעכעס. ביידע אַלטע זיינען ארומגעלאָפן פארשמייעט און פלעגן ווערן אויפגערעגט פון יעדער קלייניקייט.

דאַ איז עפּעס אַרונטערגעפאַלן און צובראָכן געוואָרן. דאַ איז עפּעס צוריסן געוואָרן און ביידע אַלטע, ווי צוויי קליינע קינדער, זיינען געשטאַנען אויפגערעגטע איינער קעגן דעם אַנדערן און זיך געקריגט, ווי דאָס וואָלט באמת געווען זייער גרעסטער אומגליק.

זיי האָבן אין דעם מאָמענט ניט געהאַט קיין שום אָנונג וועגן דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס דערנענטערט זיך מיט ריזן־טריט צו אַלע קינדער פון יידישן פאָלק אויפן אייראָפעאישן קאָנטינענט.

זיי האָבן אריבערגעפירט זייערע זאַכן אין סלאָבאָדקע און איבער־געלאָזט אָשר'ן מיט זיין קראַנקן ברודער אַליין. אומזיסט האָט אָשר געפּרוּווט זיך איינבעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן מיטנעמען זיין ברודער. די אַלטע זיינען געווען עגאָאיסטיש און שלעכט און האָבן בשום אופן ניט מסכים געווען.

ווען די צימערן פון זיינע בעלי־בתים זיינען געבליבן ליידיק, איז אָשר געזעסן ביי זיין ברודערס בעט און זיך באַמיט צו זיין פריילעך.

אין הארצן האָט אים אָבער גענאָגט און געגריזשעט: פאַרוואָס זיינען בעלי־בתים זיינען געווען אַזוי שלעכט? און וואָס זאָל ער אָנהויבן צו טאָן? ווי דראַפּעט מען זיך אַרויס פון דער אומהערטרעגלעכער און געפערלעכער לאַגע?

בלית ברירה איז ער אַוועק אין קאָמיטעט. אפשר וועט ער דאָרט געפינען אַ ישועה.

ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך פיל הונדערטער מענטשן, וועל־כע האָבן באַלאַגערט דעם ארבעטס־אַמט.

עפּעס אַ דייטשער ייד האָט אים אויפגענומען.

— אַ צימער פאַר אַ שווער קראַנקן? — האָט דער דייטשער ייד אַ מאַך געטאָן מיט זיינע הענט — ליידער, ליידער... גלויבט מיר, איך קען אייך גאָרניט העלפן.

— און אין ארדער אויף אַ צימער פאַר אַ געזונט מענטשן האָט איר

געקענט מיט אַ פּאָר מינוט פריער ארויסגעבן? — שרייט אויס אַ מיטל־יאריקער מאנספּערשוין און שטעלט אויס אַ פּאָר פויסטן קעגן דעם דייטשן ייד.

אָשר האט מיט אַ ביטערן געפיל פארלאזן דעם קאָמיטעט.

דעם זעלבן טאג איז אָשר אַוועקגעגאַנגען אויפן מארק איינקויפן פּראָדוקטן.

ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער געפונען זיינע זאכן ארויסגע־וואָרפן אין קאָרידאָר.

אין בעט איז געזעסן זיין ברודער נאך בלאסער ווי תמיד און גע־ציטערט פון קעלט.

— משה'לע, וואס איז דאָס? — האט אָשר אויסגעשריען אַ צע־טומלטער.

— דער גוי, מיט וועמען די אלטע האבן זיך געביטן מיט זייער דירה, האט זיך אַהער ארייַנגעקליבן און האט מיך מיט אלע אונדזערע זאכן דא ארויסגעוואָרפן... — האט משה מיט טרערן אין די אויגן אים געענטפערט.

— זיי רואיק! — האט אָשר געגלעט זיין ברודער — און אין דער זעלבער רגע האט ער אָנגענומען אַ באשלוס.

— לאז מיך ניט איבער אליין, איך האב מורא פאר די גויים! — האט משה זיך געבעטן, זעענדיק, אַז אָשר קלייבט זיך ווייטער אַוועק־צוגיין.

— זיי רואיק, ברודערל, אַ צען מינוט און איך בין צוריק דאָ.

אָשר, ווי אַ שטורעם וואָלט אים געטראגן, איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

עס זיינען פארביי עטלעכע מינוט און ער האט זיך צוריקגעקערט אַ פארסאַפּעטער.

— אונטן, משה'לע, וואַרט אַ פור...

משה'ס פּנים האט אויפגעשטראלט. ניט אויסרייידנדיק קיין איין וואָרט האט ער גלייך גענומען זיך אָנטאָן.

אָשר האָט אין דער זעלבער צייט שנעל צוזאַמענגעפּאַקט זיינע זאַכן און עס אַרונטערגעטראָגן אונטן.

צולעצט האָט אָשר אַראָפּגעפירט זיין ברודער און אים געהאָלפן זיך אַריינזעצן אין דער פור.

די פור האָט זיך גערירט אין דער ריכטונג צו סלאָבאָדקע.

הונדערטער פורן געפּאַקט מיט מעבל, פּעק און קאַפּערס האָבן פאַרפלייצט די גאַסן, וועלכע האָבן געפירט צום געטאָ.

די פערד און מענטשן האָבן זיך געבאָדן אין שווייס אין דעם הייסן אויגוסט-טאָג, דאַך האָבן זיי געדולדיק געוואַרט אין צוויי לאַנגע רייען, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף. פון איין זייט זיינען יידן געפאָרן פון קאָוונע קיין סלאָבאָדקע, פון דער צווייטער זייט — גויים פון סלאָבאָדקע קיין קאָוונע.

אויף די פּנימער פון די ערשטע זיינען געווען אויסגעגאָסן ווייטיק און שרעק.

אויף די פּנימער פון די צווייטע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גליקלעך שמייכל.

יעדע עטלעכע מינוט פלעגן די פורן בלייבן שטיין. דאָ איז עטוואָס אַרונטערגעפאַלן, דאָ איז עפּעס קאַליע געוואָרן. די נסיעה האָט זיך געצויגן שעהן לאַנג.

— זע, וואָס יעס ווערט פון יידיש האָב און גוטס! — האָט אויסגערופן משה אין העברעאיש און אַ צי געטאָן אָשר'ן פאַרן אַרבל.

אָשר האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ.

פון אַ פור איז אַרונטערגעפאַלן אַ שראַנק און איז צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקלעך.

— באַרואיק זיך, משה'לע! — האָט אָשר, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף דעם ברודערס שולטער, אים באַרואיקט — דאָס איז ניט וויכטיק... פאַרשטיי: מעבל איז לחלוטין ניט וויכטיק... יידישע לעבנס... יידישע לעבנס זאָלן ניט חרוב ווערן ווי אָט דער שראַנק... דאָס איז פאַר אונדז אַליץ. אַלדאָס איבעריקע איז ניט וויכטיק.

משה האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, אָבער באַלד האָט ער געפרעגט אָשר'ן:

— אָשר, איז פאַר יידן שוין דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט טראַנס־פּאָרט־מיטלען ?

— די דייטשן האָבן עס דערלויבט נור פאַר דער עוואַקואַציע.

— איך האָב געהערט ווי די ליטווינער ריידן צווישן זיך, אַז די דייטשן ווילן צונעמען אונדזערע אַלע זאַכן פאַר זיך און דערפאַר דער־לויבן זיי עס אונדז אַריבערפירן אין געטאָ.

— מעגלעך, אַז עס איז ריכטיק, — האָט אָשר פאַרטראַכט געענט־פערט.

די פור איז צום סוף אַריינגעפאָרן אין סלאָבאָדקע און געבליבן שטיין אויף לינקאָווער גאַס נומ. 63.

אָשר איז פלינק אַראָפּגעשפרונגען פון דער פור און איז אַריין אין הויז. אויפן 2־טן שטאָק האָט זיך געפונען די דירה פון זיינע בעלי־בתים. צו זיין גליק איז די אַלטע אין דער רגע ניט געווען אין שטוב. דער אַלטער האָט זיך זייער דערפרייט מיט אָשר'ן.

אָשר האָט אַריבערגעטראָגן זיינע זאַכן אין דעם צימערל, וואָס איז געווען פאַר אים אָפּגעצוימט פון דער קיך. ער האָט אָוועקגעשטעלט האָס בעט. דער אַלטער האָט אים געהאָלפן אויסבעטן.

— ווו האָט איר אַריבערגעפירט אייער ברודער ? — פרעגט ער אָשר'ן.

אָשר מאַכט זיך ניט הערנדיק און מיידט אויס צו געבן אים אַ תשובה.

ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, באַצאָלט אָשר דעם פויער און פירט אַרויף משה'ן צו זיך. ער העלפט אים זיך אויסטאָן און אַריינלייגן זיך אין בעט.

דער אַלטער שטייט אין קיך און קוקט דורך דער אָפענער טיר.

ער פאַרשטייט, אַז אָשר האָט אים געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. ער איז ניט קיין נאַר. שווייגט ער.

קומט אַריין די אַלטע, ווען זי זעט משה'ן ליגנדיק אין בעט, ווערט איר געזיכט רויט פון כעס, זי באַהערשט זיך אָבער גלייך און באַגריסט אים און רעדט מיט אים זייער פריינטלעך.

שפּעטער אַ ווײַלע פאַרבעט זי אָשר'ן צו זיך.

אָשר גייט איר נאָך ווי אַ פאַרזינדיקטער חדר־ייִנגל.

— ה' זעלווער, איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איר זייט פּעאיק אזוי ניט אנשטענדיק צו האַנדלען.

— איך בין... איך בין... שטאַמלט אָשר.

— זייער ניט שיין! — רעדט די אַלטע פאַרביטערט — אזוי האָט איר מיר באַצאָלט פאַר באזאָרגן אייך מיט אַ צימער?

— איך בין געווען דערצו געצוואונגען. דער גוי האָט ארויסגעוואָרפן מיין ברודער אין קאָרידאָר... איך האָב זיך ניט געקענט העלפן.

— ניט שיין, ניט שיין... — שאָקלט די אַלטע מיטן קאָפּ.

— מיין ברודער וועט פאַרנעמען מיין אָרט און איך וועל שלאָפן ערגעץ אַנדערשוווּ.

— איר האָט מיר אָנגעוואָרפן אַ קראַנקן און איר ווילט זיך נאָך פאַרענטפערן — זאָגט בייז די אַלטע און גייט אריין אין צווייטן צימער.

אָשר האָט אָבער געלאַכט פון דער וועלט. ער איז געווען גליקלעך. זיין ברודער איז באזאָרגט. וועגן זיך האָט ער ווייניק וואָס געדאגה'ט.

שפּעטער איז אָשר געזעסן ביי זיין ברודער אויפן בעט און מיט אים אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אויף ווייטער.

זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די ערשטע אויפגאַבע איז צו באַזאָרגן זיך ביז דאָס געטאָ וועט געשלאָסן ווערן כאָטש מיט אַ קליינעם רעזערוו פּראָדוקטן.

אָשר אָבער האָט פאַרמאָגט ווייניק געלט. דער רובל האָט פאַרלאָרן, מיט דעם אָנקום פון די דייטשן, זיין פריערדיקן ווערט. ער איז געווען גלייכווערטיק צו 10 דייטשע פּעניג.

ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט אָשר ארויסגענומען פון זיין קאָפער — משה זאָל ניט באַמערקן — אַ ניי אויבערהעמד און איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אויפן מאַרק.

גייענדיק צוריק פון מאַרק אין זייט גאַס געבן טראָטואַר מיט אַ קערבל פּראָדוקטן אין דער האַנט און מיט די געלע לאַטעס פון פאָרנט און אויפן רוקן, הינקענדיק אויף דער לינקער פוס און שווער אָטעמענדיק

פון מידקייט און צובראכנקייט — האט דאך אָשר ניט פארלוירן זיין מוט און גלויבן.

ער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז ער וועט נאך שטאלץ גיין, מיט דער אָפּצייכענונג פון וויס־בלויען מגן דוד איבער די גאסן פון ירושלים.

די פאנטאזיע האט זיך ביי אים צושפּילט און ער איז אינגאנצן באהערשט געוואָרן פון זיינע געפילן.

ער האט אינגאנצן פארגעסן זיין טרויעריקע לאגע און האט ניט באמערקט די פיינטלעכע בליקן פון די פארביגייער בנוגע אים.

ער איז געגאנגען אַ גליקלעכער און געוועבט די פעדים פון דער צוקונפט. אין זיין פארגעסנהייט איז ער ארויפגעגאנגען אויפן טראָ־טואר . . .

אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ האט אים פלוצלונג ווי פארטויבט, ער איז געפלויגן פון טראָטואר און האט זיך אויסגעצויגן אויף דער גאס אין זיין גאנצער גרויס.

אַ שניידיקער וויטאק האט צוליב זיין נאך ניט גאנץ־פארהיילטע ווונדן אים דורכגענומען. זיין קוישל מיט די פּראָדוקטן איז געפלויגן וויט אויף דער גאס און איז צעמאָלט געוואָרן פון די פארביילויפנדיקע מאַשינעס.

אַ גליקלעכער געלעכטער האט זיך ארויסגעריסן פון צענדליקער גוישע העלדזער :

כאַ — כאַ — כאַ . . .

אָשר האט געעפנט די אויגן. אלע זיינע גלידער האבן אים שרעקלעך ווי געטאָן. ער האט גלייך באנומען זיין טרויעריקע לאגע און האט פאר־שטאנען, אז ער טאר ניט בלייבן ליגן אויף דער גאס קיין איבעריקע רגע.

מיט איבערמענטשלעכע כוחות האט זיך אָשר אויפגעהויבן. ער האט זיך אָפּגעווישט דאס בלוט פון פּנים און געפּרווט ווייטער גיין. זיין פּרווו צו שטעלן דעם ערשטן טריט האט אים פארשאפט שרעקלעכע יסורים.

אין דעם אויגנבליק האָט פאַר אָשר'ס אויגן פאַרבייגעשוועבט די אויסגעמאַגערטע געשטאַלט פון זיין ברודער און ער האָט זיך דערמאַנט, אַז יענער וועט ניט האָבן וואָס צו עסן, אויב ער זאָל גלייך ניט גיין צוריק אויפן מאַרק און... ער איז געגאַנגען.

אַן אויסגעפּוצטער גוי האָט אים צוגעשריען פון טראָטואַר.

— זאָלסט וויסן זשיד, אַז דו האָסט געקראָגן געשלאָגן, ווייל דו ביזט, ווי אַ חזיר, אַרויפגעקראָכן אויפן טראָטואַר.

אָשר קען זיך ניט באַהערשן:

— איך ווייס — ענטפערט ער אים — מיר איז פאַרבאָטן צו גיין ווי מערדער גייען. איך דאַרף גיין איבער דער גאַס ווי אומשולדיקע בעלי־חיים גייען...

אָשר האָט דורכגעשניטן די גאַס און איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט נעבן טראָטואַר (מען האָט געקענט גיין נור רעכטס).

ער איז צוריקגעגאַנגען צום מאַרק און נאָך באַוויזן איינצוקויפן אַ ביסל פּראָדוקטן.

שפּעט אין אָוונט האָט אָשר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין צימער.

— אָשר! — האָט משה צושראָקן אויסגעשריען — זע, ווי דו זעסט שרעקלעך אויס! וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?

— גאָרניט — ענטפערט אָשר — איך האָב זיך עטוואָס צעקלאַפּט.

— ביזט דאָך אינגאַנצן פאַרבלוטיקט!

— אַך, נאַרישקייטן — זאָגט אָשר און דערלאַנגט דעם ברודער אַ פּוטער־ברויט. ער שטייט פון ווייטן און מיט פרייד קוקט ער זיך צו ווי זיין ברודער עסט מיט אַפּעטיט.

— מיין ציל איז איצט אַנצוווענדן אַלע מעגלעכקייטן, אַז דו זאָלסט געזונט ווערן — זאָגט פייערלעך אָשר אַרומגעמענדיק און קושנדיק זיין ברודער...

די נאַכט איז אָשר דורכגעזעסן אויף אַ שטול נעבן זיין ברודער.

אויף מאָרגן דעם 5־טן אויגוסט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פרי. ער האָט געפרישטיקט מיטן ברודער און איז אַוועק אין שטאָט.

אַ פּראַכטפולער אויגוסט־פרימארגן האט אים באגעגנט ביים ארויסגאנג.

לינקאווער גאס האט זיך געבאדן אין ליכט. די קליינע הילצערנע הייזער, די שמאלע טראָטוארן פון ביידע זייטן גאס האבן אים דערמאָנט אן זיין שטעטל.

פון ערגעץ האט זיך דערטראגן אַ ריח פון שבת'דיקע פיש. פאר זיינע אויגן האט פארבייגעשוועבט אַ פרוי פארשטעלט מיט די הענט אירע אויגן ביי ברענענדיקע ליכט, זילבערנע לייכטער, אַ שניי־ווייס מיש־טוך, פארדעקטע חלות, „שלום עליכם מלאכי השרת", שטראלנדיקע פנימער פון אַ גליקלעכער משפחה...

אָשר האט שווער אָפּגעזיפצט און איז געגאנגען פארחלומט ווייטער צו דער סלאָבאָדקער בריק.

אונטן האט געשטראמט דער טייך. כוואליעס האבן גערוישט, זיך געריסן צום ברעג, זיינען געשפרונגען איינע איבער די אנדער און פאר־שלונגען געוואָרן אין דער טיפעניש.

אַנדערע כוואַליעס האבן זיך שטיפעריש אוועקגעלאזט אין אַ ווילדן געיעג ערגעץ ווייט־ווייט...

אָשר האט זיך געאיילט. ער האט געוואָלט זיינע נייע הויזן אויס־ביימן אויפן מארק אויף פּראָדוקטן.

אָשר איז נאר וואָס ארונטער פון בריק און ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואקסן נעבן אים אַ דייטש מיט אַ ביקס אין דער האנט.

אָשר איז טויט בלאס געוואָרן און געפרוווט גיין ווייטער.

יענער האט אים פארשטעלט דעם וועג.

— ארייננעפאלן! — האט אָשר געמורמלט אַ פארצווייפלטער.

ביידע זיינען געגאנגען ווייטער.

פאראויס — אָשר, נאך אים — דער דייטש מיט דער ביקס אין דער האנט.

פארבייגייער האבן נאָכגעקוקט מיט אַ שמייכל.

זיי זיינען פון לוקשיא גאס אריבער אויף סיים גאס.

ביים ארייננאנג אין דער געביידע פון געוועזענעם ליטווישן

סיים זיינען געשטאַנען צוויי פּאַטראָלן. זיי האָבן דורכגעלאָזט אָשר'ן און באַגלייט אים מיט גלייכגילטיקע בליקן.

אין קאָרידאָר האָט דער סאָלדאַט באַפוילן אָשר'ן צו בלייבן שטיין.

אָשר האָט באַמערקט, אַז אין צווייטן עק פון דעם לאַנגן קאָרידאָר באַוועגט זיך אַ מענטש מיט אַ בעזים אין דער האַנט.

אָשרס באַגלייטער האָט אַרויסגעריסן פון יענעמס האַנט דעם בעזים און דערלאַנגט אים איבערן קאָפּ.

פון יענעמס געשרייען און געוואַלדן האָט אָשר דערקענט, אַז יענער איז אַ ייד.

אָשר האָט באַקומען אַ בעזים און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

דער סאָלדאַט איז אַרויס פון קאָרידאָר. אָשר האָט זיך אַרומגע־קוקט און איז שנעל צוגעגאַנגען צום יידן. יענער איז געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אָן דער וואַנט און געבליפּעט.

— פאַרוואָס אַרבעט איר ניט? איר וועט דאָך ווייטער קריגן גע־שלאָגן.

— איך בין שטאַרק קורצזיכטיק און אויך האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געהאַלטן אין מיינע הענט קיין בעזים.

— פרוווט, איך וועל אייך צוהעלפן, האָס איז אַ קנאַפּע תורה — רייסט איבער אָשר דעם יידנס רייד.

אין דעם מאָמענט איז צוריקגעקומען דער סאָלדאַט מיט אַ גומע־נעם שטעקן אין דער האַנט.

אָשר האָט אָנגעהויבן לויפן צוריק צו זיין אָרט.

— בלייב שטיין! — האָט בייז אויסגעשריען דער דייטש.

אָשר איז שטיין געבליבן.

— וואָס טוסטו דאָ, דו פאַרפלוכטער?

— איך האָב געוואָלט בייהילפיק זיין מיין קאַמעראַד — האָט אָשר געענטפערט אָן שום מורא.

— גיי שנעל אויף דיין אָרט און דו טו דיין אַרבעט, ווען ניט וועסטו ביי מיר עפּעס דערלעבן.

אַ ווײַלע איז דער סאָלדאַט געשטאַנען און געקוקט ווי אָשר אַרבעט

און האָן איז ער צוגעגאַנגען צום יידן און אים אַרונטערגעלאָזט עטלעכע מאָל מיט דעם גומי־שטעקן.

אָשר האָט זיך מער נים געקענט באַהערשן. ער האָט אַוועקגע־וואָרפן דעם בעזים און איז דרייסט צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט:

— הער געפרייטער, איך וועל דערלייזדיקן אייך זיין אַרבעט.

— דעם לעצטן מאָל וואָרן איך דיך, אַז דו זאָלסט שטיין אויף דיין אָרט און אַרבעטן — האָט אים געענטפערט דער סאָלדאַט פאַכעג־דיק אין דער לופט מיט זיין גומי־שטעקן.

אָשר האָט זיך געשטעלט ווייטער אַרבעטן און דער סאָלדאַט איז ווייטער ארויס פון קאָרידאָר.

אין דער רגע איז דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר אַ העכערער אָפי־ציר און איז אַרויף אויף די טרעפּ.

ביי אָשר'ן האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק. ער איז שנעל צוגעגאַנגען צום יידן. עס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען ער האָט געזען, אַז יענער איז אינגאַנצן צעבלוטיקט.

— איך וועל אייך פון דאַנעט גלייך באַפרייען.

דער ייד האָט אויפגעהערט צו וויינען און אויסגעשטעלט אויף אָשר'ן אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן.

— איך וועל זיך מוזן באַנוצן מיט אַ ליגן.

— גאָט זאָל אייך באַצאָלן פאַר אייער גוט האַרץ — האָט דער ייד אָנגעכאַפּט אָשר'ס האַנט.

— איר מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז איר וועט די גאַנצע צייט וויינען און גאַרניט ענטפערן דעם סאָלדאַט אויב ער וועט אייך וואָס פרעגן.

— איך זאָג אייך אַלץ צו, אַבי זיך צו ראַטעווען פון דאַנעט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך צוריקגעקערט דער סאָלדאַט. פון ווייטן האָט ער באַמערקט, אַז אָשר שטייט ווייטער נעבן יידן און ער האָט זיך געאיילט צו אים מיט זיין גומי־שטעקן.

— הער געפרייטער! — האָט אָשר אויסגעשריען צום סאָלדאַט — דער אָבער־לייטענאַנט איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט באַפוילן

אייך צו מעלדן איר וואלט באפרייען דעם טויגעניכטס פון דער ארבעט.

— וועלכער אָבער־לייטענאנט ? — האט פארוואונדערט געפרעגט דער סאלדאט און לאנגזאם צוריק ארונטערגעלאזט זיין אויפגעהויבענעם גומי־שטעקן.

— איך בין דאס ערשטע מאל דא און איך קען אים ניט — האט רואיק געענטפערט אָשר.

— איך האב ניט קיין אנדער מאן אים צו פארבייטן — האט דער סאלדאט געזאגט ווי צו זיך.

— איך, הער געפרייטער, נעם איבער אויך זיין ארבעט — האט אָשר געענטפערט.

דער סאלדאט האט אויף אָשר'ן אַ בליק געטאן, אָשר האט אויס־געהאלטן דעם בליק.

— גיי פון דאנעט דו, דרעק־זאַק ! — האט ער אַ געשריי געטאן צום יידן.

יענער האט אוועקגעלייגט דעם בעזים און איז גלייך פארשוונדן.

— דו וועסט מוזן מאכן אויך זיין ארבעט — האט דער סאלדאט געזאָגט צו אָשר'ן.

— איך בין גרייט, הער געפרייטער — האט צופרידן געענטפערט אָשר.

במשך אַ האלבער שעה האט אָשר געמאכט די גאנצע ארבעט.

— איצט קום צום לייטענאנט — האט אים באפוילן דער סאלדאט.

אָשר איז בלאַס געוואָרן ווי קאַלך.

— שנעלער ! — האט אַ געשריי געטאן דער סאלדאט זעענדיק, אַז אָשר איילט זיך ניט.

מיט ארונטערגעלאזענעם קאָפּ איז אָשר ארויפגעשטיגן די טרעפּ. ער האט זיך געמאכט פאַרוואונדערט. וואָס אין אַזאַ צייט ווען זיין ברודער ליגט קראנק און איז אויסגעשטעלט אויסשליסלעך אויף זיין הילף, מאכט ער אַזאַ אומפאראנטוואָרטלעכן שריט.

ער איז אריין אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער. אין מיטן איז גע־שטאנען אן איינפאכער טיש און פון ביידע זייטן לאנגע בענק.

דער טיש איז געווען איינגאַנצן פאַרשמוצט און פול מיט פאַר־טריקנטע איבערבלייבעכצן פון עסנוואַרג.

עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס האָבן איבערגעלאָזט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אייליק אַוועקגעמאַרשירט צום פראָנט.

דער סאָלדאַט האָט אָנגעקלאַפּט. עס האָט זיך געעפנט אַ טיר און עס זיינען אַריינגעקומען צוויי לייטענאַנטן. איינער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, דער צווייטער איז נאָך געווען אַ גאָר יונגער.

— קאָם הער, דו מענדלזאָן — האָט אויסגערופן דער יינגערער לייטענאַנט זעענדיק אָשר'ן.

— עס איז מיר אַ גרויסער כבוד צו גערופן ווערן מיט דעם האַזיקן נאָמען — האָט אָשר אַרויסגעשאָסן.

— שווייג, דו, פאַרפלוכטער יודע !

אָשר איז צוגעגאַנגען נענטער.

— אין משך פון 20 מינוט מוז אָט דער טיש גאַנץ זויבער ווערן. פאַרשטייסט, מענדלזאָן ? — האָט זיך דער יינגערער לייטענאַנט גע־ווענדעט צו אָשר'ן.

אָשר האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, אַבי מען איז ניט דערגאַנגען וועגן זיין אָפּנאַרן דעם סאָלדאַט.

— הער לייטענאַנט, צום ריייניקן דעם טיש דאַרף איך האָבן אַ מעסער, אַ טוך און וואַסער — האָט אָשר געזאָגט.

— קיין איינע פון די זאַכן וועסטו ניט באַקומען. אויך די יידן פון מצרים האָבן פאַבריצירט ציגל פון אייגענעם שטרוי — האָט דער לייטע־נאַנט געוואָלט ווייזן זיין גרויסע בקיאות אין יידישקייט.

— דאָס איז דאָך אוממעגלעך ! — האָט פאַרביטערט אויסגערופן אָשר.

— אויב במשך פון 20 מינוט וועט דער טיש ניט זיין פולקאָם זוי־בער, וועסטו באַקומען ביי מיר 25 שמיץ — האָט דער לייטענאַנט גע־זאָגט און אליין געקוואָלן פון זיין המצאה.

ביידע לייטענאַנטן און דער סאָלדאַט האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער. אָשר האָט געוואָרפן אַ פאַרצווייפלטן בליק אַרום זיך. אויסער

עטלעכע צייטונגען וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש האָט ער מער קיין זאַך ניט באמערקט.

ער האָט צוזאַמענגעדרייט דאָס פּאַפּיר און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, אָבער אומזיסט. עס איז אים ניט געלונגען עפּעס אויפצוטאָן. מיטאַמאָל איז אָשר׳ס בליק געפאַלן אויפן אויוון. ער האָט דאָרט באַמערקט אַ שפּיציק אייזן.

שנעל האָט אָשר אַרונטערגענומען דאָס אייזן פון אויוון. אַ רגע איז ער געבליבן שטיין פאַרטראַכט, אָבער גלייך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן טיש און האָט מיט דעם שפּיציקן אייזן אָפּגעשפּאָלטן פון אונטן אַ שטיק האָלץ.

אָשר האָט זיך גענומען אָפּרייבן דאָס פאַרטריקנטע שמוץ פון טיש. ער האָט איינגאַנצן געפיבערט. מיט זיין גאַנצן כוח האָט ער געאַרבעט, אַז אַ שוויים האָט אים באַגאָסן.

אָנשטאָט אַ מעסער האָט ער באַנוצט דאָס שאַרפע שטיק האָלץ, אָנשטאָט אַ טוך — פּאַפּיר און אָנשטאָט וואַסער — שפּייעכץ.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער טיש איז געווען זויבער.

קוים האָט אָשר באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין אַרבעט, ווי די טיר האָט פּלוצלונג אויפגעפּראַלט און אַ מענטש איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין צימער. גלייך נאָך דעם זיינען אַריינגעקומען ביידע לייטענאַנטן אין דער באַגלייטונג פון דריי סאָלדאַטן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן גומענע שטעקנס.

— 25 שמיץ! — האָט באַפוילן צו די סאָלדאַטן דער יינגערער לייטענאַנט.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אומגליקלעכן.

פאַר אָשר׳ס אויגן האָט מיטאַמאָל אַ גלאַנץ געטאָן אַ געלע לאַטע... און ער האָט אויפגעשוידערט.

— וואַרט! דאָ האָבן מיר נאָך איינעם — האָט דער יינגערער לייטענאַנט דערזעענדיק אָשר׳ן געזאָגט צו די סאָלאַדטן.

— דער יודע ערליידיקט זיין אַרבעט! — האָט זיך אַריינגעמישט דער עלטערער.

דער יינגערער איז צוגעגאנגען צום טיש, אים באטראכט א רגע און אויף זיין שטרענגן פנים האט זיך באוויזן א שמייכל.

ער האט זיך אויסגעדרייט צו אָשר׳ן און געבליבן שטיין מיט אויס־געשפרייטע פיס.

די הענט האט ער אריינגעשטעקט אין זיינע הויזן־קעשענעס און א צופרידענער האט ער אָשר׳ן געזאָגט:

— דו, מענדלזאן, האסט גוט און שנעל ערלעדיקט דיין ארבעט, איצט וועסטו אויספירן א צווייטע ארבעט און דו וועסט קענען גיין א היים.

אין אָשר׳ס קאָפּ איז בליץ שנעל דורכגעלאפן א געדאנק צו בעטן דעם לייטענאנט ניט באשטראפן דעם יידן און ער וועט מאכן אויך יע־נעמס ארבעט.

אבער איידער ער האט באוויזן צו עפענען זיין מויל איז געפאלן דעם לייטענאנטס באפעל:

— דו, מענדלזאן, גיסט דיין קאמעראד 25 שמיץ. פארשטאנען?

אָשר איז געבליבן שטיין ווי געפלעפט.

א גלאנציקער מיט שמאלץ אָנגעגאסענער פנים און א פּאָר גלאנ־ציקע אָפיצערסקע שטיוול האבן זיך א דריי געטאן ווי אין קארעהאָד פאר זיינע אויגן. זיין פנים האט אויפגעפלאמט.

— ניין! איך וועל ניט אויפהויבן די האנט אויף מיינעם א חבר — האט אָשר ניט טראכטנדיק קיין איין רגע אנטשלאסן געענטפערט.

— וואָס? —האט דער לייטענאנט, רויט ווערנדיק פון כעס אויס־געשריען — דו שמוציקער יודע, אנטזאגסט זיך אויסצופירן מיין באַ־פעל? איך דערשיס דיר גלייך ווי א הונט. און ער האט ארויסגעכאַפּט זיין פיסטאָלעט.

— אלע אייערע באפעלן, ה׳ לייטענאנט, וועל איך אויספירן... דעם איינעם ניט... איך בין גרייט צו שטארבן... — האט אָשר געשטאַמלט.

פאר זיינע אויגן האבן אויפגעבליצט א חיה׳שער פנים, א פּאָר מיט בלוט פארלאפענע אויגן און אַן אויסגעשטעלטער צו אים רעוואָלווער. ער איז געשטאנען רואיק און מאָרנע גלייכגילטיק געקוקט.

דער עלטערער האָט דעם ייִנגערן לייטענאַנט עטוואָס אַריינגעשושקעט אין אויער. יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרונטערגעלאָזן דעם רעוואָלווער.

— 35 שמיץ אָט דעם שמוציקן יודע! — האָט ער מיט רוגזה אויסגערופן צו די סאָלדאַטן.

יענע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אָשר'ן. דער עלטערער לייטענאַנט האָט אָבער זיי אָפּגעהאַלטן. ער האָט עפּעס געזאָגט דעם ייִנגערן און אויף זייערע ביידנס פּנים'ער האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. זיי האָבן צוגערוקט אַ באַנק און זיך אַוועקגעזעצט ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן זען אַ שיינע פאָרשטעלונג.

— קאָם הער — האָט זיך דער יונגער לייטענאַנט געווענדעט צום יידן.

דער ייד איז צוגעגאַנגען נענטער.

— איך וועל דיר שענקען דיין שטראָף אויב דו וועסט ווי געהעריק אַריינציילן די 35 שמיץ אָט דעם פאַרפלוכטן.

אָשר האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן. פאַר אים איז געשטאַנען אַ ייד מיט אַ שפּיציק בערדל פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק. זויבער געקליידעט האָט ער אויסגעזען ווי אַ סוחרל אָדער אַנגעשטעלטער. ער האָט געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזן און געשטאַנען שטיל ווי ער וואָלט ניט געהערט די ווענדונג צו אים.

— האָסטו געהערט, וואָס איך האָב דיר באַפוילן? — האָט דער לייטענאַנט מיט כעס אים געפרעגט.

— יאָ, האַרעלע, איך האָב געהערט, האָב רחמנות... איך בין אַ קראַנקער. איך וועל עס ניט אויסהאַלטן... האָב רחמנות! — האָט דער ייד זיך געבעטן און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

— מיר גיבן דיר 3 מינוט צייט זיך צו באַקלערן — האָט זיך אָפּגערופן דער עלטערער לייטענאַנט און אַ קוק געגעבן אויפן זייגער.

אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער.

— — — — — — —

180 סעקונדעס האט א מענטשלעכע נשמה זיך געצאַפּלט צווישן צוויי וועלטן און איבערגעלעבט עפּעס אזוינס, וואָס איז געווען פאר איר אומבאגרייפלעך. געזעסן איז די נשמה אין א גוף פון א קליין מענטשעלע, וועלכער האט זיך פארנומען איבער 40 יאר מיט זוכן חיונה, מיט הערן א בלאט משניות אין בית המדרש, מיט עסן שבת א פעטן משאַלעגט און כאַפּן שפּעטער א דרעמל, מיט גיין אויף חתונות און ברית׳ן ביי קרובים און גוטע באקאנטע אדער אויף לויות להבדיל.

און געקינדלט האט דער מענטש און אויפגעשטעלט א דור — אַזעלכע ווי ער אליין איז...

און דא מיטאמאָל, דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן, האט א בליץ געטאן א נשמה פון א גאנץ אנדער מין, וועלכע איז זיך מקריב אָן א פארוואָס און פארוועז פאר אים, פאר זיין ווילזיין... און די נשמה פון קליין מענטשעלע האט געקראגן גרויס קנאה צו יענער אומבאקאנטער נשמה און געוואָלט זיך א שטעל טאן אויף דער זעלבער מדרגה, לאכן פון טויט אַט ווי יענער. דעם מענטשעלעס אויגן האבן אָנגעהויבן גלאנצן און אלע אברים, באהויכט פון הייליקייט, האבן אָנגעהויבן זינגען דעם הערלעך-הימלשן געזאנג: „ניין״... אבער דער פארמעסט איז געווען צו גרויס און דער ריזן-שפּרונג צו געוואַגט...

אין מענטשעלעס גאָרגל איז דער „ניין״ געבליבן פארשטיקט אין זיין מויל איז געבליבן פארשלאסן.

זיין פּנים איז געוואָרן פינצטער ווי די נאכט. א קראַנקע פרוי... קינדער — יתומים... און מורא. פאר דעם פּאָליציאנט, פאר יסורים... און דער טויט...

א שושקע געטאן אין זיין אויער האט נאטירלעך דער מלאך וואָס באשיצט אים, אז ער איז בארעכטיקט...

— דו ביזט אַלט, קראנק און שוואַך. דו וועסט זיכער די שמיץ ניט אריבערטראגן און יענער איז פיל יינגער, יענער איז געזונט און אפשר אויך אָן משפּחה... יענער וועט זיכער אויסהאלטן... און קריגן וועט יענער במילא די 35 שמיץ. צופיל אויפגערעגט זייגען זיי אויף אים... אויב דו וועסט זיך אנטזאגן, וועלן זיי אליין אים שלאגן.

דאָס פּנים פוגעם מענטשעלע האָט אויפגעשיינט:

— געוויס, געוויס וועל איך געבן שוואַכערע שמיץ ווי די סאָלדאַטן. איך וועל ריזיקירן. געוויס וועל איך ריזיקירן און שטאַרק ניט שמייסן אפילו ווען זיי וועלן מיר באַפוילן...

אָבער יענער קריגט דאָך די 35 שמיץ צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיך צו שמייסן... אָבער צו וואָס האָט זיך יענער בכלל אָנגעהויבן מיט די דייטשן? ווער האָט עס אים געבעטן?... זיי קענען דאָך דערשיסן, וויפל פעלט עס?.. און געוויס וועל איך ריזיקירן און שמייסן שוואַכער... פיל שוואַכער ווי די סאָלדאַטן... אָבער ווי אַזוי קען איך עס טאָן? יענער... יענער האָט דאָך געקענט מיר... ניין... יאָ... איך מוז... מיין קראַנקע פרוי, מיינע קינדערלעך... יאָ... יאָ... ניט צו מאַכן.. און אפשר.. ניין. ניין.. אוי גאָט!..

— — — — — — —

די דריי געשענקטע מינוטן זיינען פאַרביי.

דער עלטערער לייטענאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ פּאָך געטאָן מיט דעם גומי-שטעקן אין דער לופט און זיך געווענדעט צום ייד:

— נו, דרעק-זאַק?

— האָט רחמנות... איך בין קראַנק... מיין פרוי.. מיין..

מיר האָבן שוין דאָס אַלץ געהערט! — האָט זיך אַ ריר געטאָן פון זיין אָרט דער יונגער לייטענאַנט און זיין פּנים האָט געפלאַמט פון כעס.

אין דער רגע האָט זיך דעם יידנס פאַרצווייפלטער בליק צופעליק געטראָפן מיט אָשר'ס...

— — — — — — —

אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט האָט באַהערשט אָשר'ן אין משך פון די דריי מינוטן. זיין בליק האָט געבלאַנדזשעט אין דעם גרויסן צימער און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לייטענאַנטס שפּאָרן, זיך איינגעפרעסן אין ציינערדיקן רעדל און שפּעטער זיך איבערגעטראָגן אויף דעם יידנס

בערדל און ווייטער צוריק אויפן רעדל פון די שפּאָרן און ווידעראַמאָל אויף דעם יידנס בערדל.

אָשר האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס פאַרא סמיכות הפרשה דאָס האָט.

ער איז געווען גרייט צו שווערן, אַז ער האָט ערגעץ ווו געזען אָט די גאַנץ באַזונדערע צוויי אָביעקטן. ערגעץ ווו צוזאַמען, אָבער ווו? אָבער ווו?

זיין מוח האָט זיך אָנגעשטרענגט אין די דריי קריטישע מינוטן צו לייזן דאָס רעטעניש פּונקט ווי זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ וואָלט געווען דערפון אָפּהענגיק.

מיטאַמאָל האָט אַ בליץ געטאָן אַ שטראַל אין די טיפענישן פון זיין נשמה, האָט אויף אַ רגע דורכגעריסן דעם געדיכטן נעפּל פון זיין היינט און אים מיטגעשלעפּט ערגעץ ווייט — ווייט....

קינדער־יאָרן ערב־פּסח. מען באַקט מצות. דאָס רעדל מיט די ציין דרייט זיך פלינק אין די הענט פון דעם שטופּלער און לעבערט דאָס אויס־געוואַלגערטע טייג און ער, אָשר, שטייט מיט אויפגעריסענע קינדישע אויגעלעך און קוקט מיט התפעלות אויף דעם שטופּלער ווי אויף אַ כשוף־מאַכער און קען זיך ניט זעטיקן מיט יענעמס אַרבעט...

און פּלוצלונג האָט איינער, זיך מאַכנדיק אַ וועג מיט די עלנבויגנס, אים אַ שטויס געטאָן פון אָרט און זיך צעשריען אויף דעם שטופּלער, אַז יענער זאָל שטופּלען געדיכטער, ווייל עס איז דאָך מצה שמורה...

ער, אָשר, האָט דאָן אַ פאַרביטערטער אַ דריי אויס געטאָן זיין קינדיש קעפּל מיט כעס און שנאה צו יענעם וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט חוצפּה און שרייט אויף דעם וווּנדערבאַרן שטופּלער...

פאַר אים איז דאָן געשטאַנען אַ ייד מיט אַ שפּיציקן בערדל... און איצט... איצט שווייגט דאָס רעדל אויף די אָפּיצערסקע שפּאָרן, פאַרוואָס? האָט דאָס יידל מיטן שפּיציקן בערדל זיך ווייטער געבייזערט אויפן שטופּלער?.. און אָשר׳ס שגעונדיקער בליק האָט זיך געטראָפן מיט די אויגן פונעם יידן...

— — — — — — —

— ער איז מסכים! ער איז מסכים! — האָט דער ייד קוקנדיק אויף אָשר׳ס פּנים זיך דערפרייט — אַלץ האָט אין יידן געיובלט מיט נצחון איבער דעם „גיין”, וועלכער האָט זיך טיף איינגעגראָבן אין זיין מוח און האַרט געגוססט...

— אוודאי!... אוודאי איז ער מסכים!... און דער ייד האָט גענומען דעם גומי־שטעקן אין האַנט... אויפן ווונק פון לייטענאַנט האָבן זיך אַ נעם געטאָן די סאָלדאַטן צו אָשר׳ן און אים אַנידערגעוואָרפן מיטן פּנים צום דיל.

— זייט מיר מוחל... מיין פרוי... מיין קינד... — האָט גע־פּליסטערט דער ייד האַלטנדיק דעם שטעקן אין זיין ציטערדיקער האַנט.

— וואָס מורמלסטו דאָ, פאַרפלוכטער? — האָט בייז געפרעגט דער ייִנגערער לייטענאַנט דעם אויף טויט דערשראָקענעם ייד.

— זייט מוחל! — האָט דער ייד נעבן אָשר׳ן זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט געשטאַנען שמונה־עשרה — איך בין געצוווּנגען... ווען ניט, וועלן זיי...

דער יונגער לייטענאַנט איז אַרויס פון די כלים. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם גומי־שטעקן פון זיין חבר׳ס האַנט און אים אַראָפּגעלאָזט איבער דעם געזיכט פון ייד.

אַ רויטער פּאַס, ווי אַ רעגן־בויגן אויפן לויטערן הימל, האָט אַדורכ־געשניטן דעם יידנס פּנים. דאָס אָרט איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט און האָט אויסגעזען ווי אַ רויט־געפאַרבענע קישקע.

פון נאָז האָט אַ גאָס געטאָן בלוט.

— געוואַלט! בלוט! בלוט! — האָט דער ייד געיאָמערט פון ווייטאָק.

דער עלטערער לייטענאַנט האָט זיך אַריינגעמישט:

— דאָס לעצטע מאָל וואָרן איך דיך דו זאָלסט גלייך אויספירן די אַרבעט, וועלכע מיר האָבן דיר צוגעטיילט. לענגער וועלן מיר ניט וואַרטן.

— יאָ... יאָ... יאָ... — האָט געדעדט דער ייד ווי אַ צע־מישטער און האָט אויפגעהויבן די האַנט מיט דעם גומי־שטעקן איבער אָשר׳ן.

אין דער רגע האָט זיך די טיר שנעל געעפנט. עפּעס אַ דײַטש אין אַ װײַסן כאַלאַט האָט אַריבערגעטרעטן די שװעל.

— מיטאָגן, מײַנע הערן! — האָט ער װי אױסגעזונגען.

— האַלט, יודע! מיר גײען איצט מיטאָג עסן. שפּעטער װעלן מיר פאַרענדיקן — האָט געזאָגט דער עלטערער לײטענאַנט און אָפּגענומען בײַם ייד דעם גומי־שטעקן.

דאָס צימער איז ליידיק געװאָרן. געבליבן דאָרט זײַנען נור צװײ — אָשר מיט דעם ייד.

אָשר האָט זיך אױפגעשטעלט און זיך אױסגעגלײַכט.

— די דײַטשע פּינקטלעכקײט בײַם פרעסן האָט מיך צײַטװײַליק געראַטעװעט, װײַטער מוז מען זיך אַלײן העלפן — האָט אָשר װי גערעדט צו זיך און זײַן קאָפּ האָט געאַרבעט, געזוכט אַ מיטל װי אַזױ זיך אַרױס־צובאַקומען פון דער חיות־גאָרע.

דער ייד איז געשטאַנען װי פאַרשטײנערט. ער האָט ניט געהערט אָשר'ס װערטער און ניט אױפגעהױבן צו אים זײַנע אױגן.

אָשר איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט געקוקט אױף די רױשיקע גאַס, װאָס איז פול געװען מיט מענטשן, װי ער װאָלט דאָרט געזוכט זײַן רעטונג. אַ רגע איז ער אַזױ געשטאַנען װי פאַרגליװערט אבער באַלד האָט ער זיך אױסגעדרײט צום ייד:

— מיר מוזן אַנטלױפן! מיר מוזן זיך גלײַך ראַטעװען! — האָט אָשר'ס פעסטע שטימע איבערגעריסן די שטילקײט װאָס האָט געהערשט אין צימער.

אַ פּאָר פאַרצװײפלטע אױגן האָבן נאָך אַ קוק געטאָן אױף אָשר'ן. אַ שפּיציק בערדל האָט זיך אַ הױב געטאָן אַרױף און אַראָפּ.

— װי אַזױ? װי אַזױ?

— אַלע זײַנען זײ דאָך אַװעק עסן! — האָט אָשר פּרובירט דעם ייד איבערצײַגן.

— און די װעכטער בײַ דער אַרױסגאַנג־טיר? —האָט דער ייד גע־פרעגט װי אין היגערפּלעט.

— זייט רואיק, מיר וועלן דורכגיין! מיט גאָט'ס הילף! מיר מוזן גלייך גיין!

— איך האָב מורא... זיי וועלן אונדז כאַפּן... זיי וועלן אונדז דערשיסן — האָט דער ייד ווי אַ קליין קינד זיך געבעטן.

— האָט קיין מורא ניט! — האָט אָשר אים באַרואיקט — איך וועל בעמען די גאַנצע שולד אויף זיך. איך וועל זאָגן, אַז איר האָט ניט געוואָלט גיין, אַז איך האָב אייך געצוואונגען...

— איך וויל ניט, אַז איר זאָלט נעמען די שולד אויף זיך. איך בלייב דאָ איבער! — האָט דער ייד אַנטשלאָסן געזאָגט.

— ווען איר וועט דאָ איבערבלייבן, וועלן זיי זיך אין אייך נוקם זיין פאַר מיין אַנטלויפן.

— אוי, רבונו של עולם, וואָס זאָל איך טאָן? — האָט דער ייד געזאָגט און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

— קומט מיט מיר — האָט אָשר אים צוגעגעבן מוט — גאָט וועט רחמנות האָבן און מיר וועלן פון דאַנען אַרויסגיין. דער איינציקער וועג איז אונדז געבליבן צו אַנטלויפן, ווען ניט, זיינען מיר ביידע פאַרלוירן.

— זיי וועלן אונדז דערשיסן, זיי וועלן אונדז דערשיסן... — האָט דער ייד געציטערט.

— שנעלער! קומט, האָט קיין מורא ניט, מיר קענען נאָך חס ושלום פאַרשפּעטיקן!

אָשר האָט גענומען דעם ייד ביים אָרעם און יענער האָט זיך ווי אַ ניט-לעבעדיקער נאָך אים נאָכגעשלעפּט.

— מיר מאַכן זיך אומגליקלעך — האָט דער ייד אַ קרעכץ געטאָן, פּראָטעסטירנדיק קעגן אָשר'ס האַנדלונג.

אָשר האָט לאַנגזאַם געעפנט די טיר און גלייך זי פאַרמאַכט הינטער זיך. זיי זיינען אַדורך דעם קאָרידאָר און געקומען צו די טרעפּ.

— זייט פאָרזיכטיק! — האָט אָשר אַריינגערוימט דעם ייד אין אויער, האַלטנדיק אים פעסט פאַרן אָרעם.

דער ייד האָט שטום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי זיינען גליקלעך אַראָפּ פון די טרעפּ, אבער מיטאַמאָל איז ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן נעבן זיי אַ סאָלדאַט.

דער ייד איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן.

— וווּהין ?

— דער אָבער־לייטענאַנט האָט אונדז באַפוילן דאָ צו וואַרטן — איז געקומען אָשר'ס דרייסטע תשובה.

— זאָ ?

און דער סאָלדאַט איז אַרויף אויף די טרעפּ.

אָשר האָט שנעל געשלעפּט נאָך זיך דעם ייד, ניט אומקוקנדיק זיך אויף אים. מעגלעך, אַז ער וואָלט אפילו ניט געוואָרן איבעראַשט, ווען ער באַמערקט, אַז יענער איז טויט.

— וווּהין קריכט איר דאָ ? איר, שווייַגן ! איר, דרעק־זעק ! ווייסט איר ניט, אַז דאָ איז פאַרבאָטן אַרייַנצוגיין — האָט זיי פאַרלאָפן דעם וועג אַ באַוואָפנטער פון קאָפּ ביז די פיס מיליטער־מאַן.

— פּאַרציִיאונג ! — האָט אָשר דרייסט אויסגערופן — דער אָבער־לייטענאַנט האָט אונדז באַפרייט פון דער אַרבעט. מיר זוכן די אַרויס־גאַנגס־טיר און האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

— קומט ! — און דער מיליטער־מאַן האָט זיי אָוועקגעפירט צו דער אַרויסגאַנגס־טיר.

די צוויי פּאָסטנס האָבן גלייכגילטיק באַגלייט זיי מיט די בליקן.

— זיי קוקן אונדז נאָך ! — האָט דער ייד מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע געוואָרנט אָשר'ן.

— לויפט ניט ! גאָט איז מיט אייך ! — האָט אָשר מיט אַלע זיינע כוחות קוים איינגעהאַלטן דעם ייד.

— האָט רחמנות.. לאָזט מיך.. איך בין משוגע.. לאָזט.. זיי וועלן מיך דערשיסן...

—באַרואיקט זיך !—האָט אויסגערופן אָשר און צוזאַמענגעדריקט, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען זיין אָרעם — מיט אייער לויפן קענט איר אַרויסרופן ביי די וועכטער אַ פאַרדאַכט.

זיי זיינען געגאַנגען נעבן טראָטואַר פון סיים גאַס.

— ווהין זאָלן מיר איצט גיין ? — האט דער ייד מיט משוגענע אויגן געקוקט אויף אָשר'ן.

אָשר האט געשוויגן — ער האט ניט געוווסט, וואָס ער זאָל דעם יידן ענטפערן. יעדער טריט איז געווען סכנות־פול. זיי זיינען געגאַנגען נעבן טראָטואַר מיט אָנגעגייטע געלע לאַטעס פון פאָרנט און הינטן. קיין אַנדערע יידן האט מען ניט געזען.

— איר האט מיך געקויִלעט אָן אַ מעסער — האט דער ייד מיט אַ תחינה־נגון געזאָגט צו אָשר'ן.

— שווייגט ! — האט אָשר אַן אויפגערעגטער אַ ברום געטאָן.

— איך וויל גיין אין סלאָבאָדקע — האט דער ייד זיך געבעטן.

— ניין, אויף דעם וועג איז מעגלעך, אַז זיי וועלן אונדז זוכן.

— איר זייט גערעכט... דערבאַרעמט זיך און קומט שנעלער.

אָשר האט מיט זיין קראַנקן פוס קוים נאָכגעהאַלטן דעם ייד.

זיי האבן דורכגעשניטן גרוים־ווילנער גאַס און זיך פאַרנומען אויף לינקס צו קליין־ווילנער גאַס.

מיטאַמאָל איז אָשר שטיין געבליבן.

— קומט ! וואָס זייט איר שטיין געבליבן, מיר קענען נאָך חס ושלום אַריינפאַלן צו די רוצחים אין די הענט ! — האט דער ייד גע־צויגן אָשר'ן פאַרן אַרבל.

— דאָרט... דאָרט... איר זעט ? איז מיין געוועזענע ביורא — האט אָשר געוויזן מיטן פינגער.

— דערבאַרעמט זיך, קומט !... איך וועל עס ניט אַריבערטראָגן... וואָס איז אייך דאָ וויכטיק אייער געוועזענע ביורא... איך האָב מורא, אַז „זיי" זיינען שוין דערגאַנגען, אַז מיר זיינען אַנטלאָפן... „זיי" קענען נאָך — אַל תפתח פה לשטן...

— איך גיי ניט ווייטער — האט אָשר פּלוצלונג געזאָגט.

— גאָט איז מיט אייך, וואָס מאַכט איר זיך קינדיש ? וואָס רעדט איר גאַרישקייטן ?

— ניין ! — האט אָשר קאַטעגאָריש אויסגערופן — איך גיי צוריק.

— קומט מיט מיר, — האט דער ייד ביי אָשר'ן זיך געבעטן — ניט

ווייט פון דאַנען וווינט אַ יידישער שניידער, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אריבערגעקליבן אין סלאָבאָדקע.

אָשר האָט אויסגעשטרעקט דעם יידן די האַנט זיך צו געזעגענען.

— וווהין גייט איר ?

— פאַר מיר זאָרגט ניט.

— גייט מיט מיר צוזאַמען ! — האָט דער ייד נאָך געפּרוּווט איינ־ריידן — דער שניידער וועט אונדז ביי זיך ביז אָוונט אויסבאַהאַלטן. ער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער און דאַן וועלן מיר זיך קענען צוריק־קערן אין סלאָבאָדקע.

— שנעלער ! — האָט אָשר געדרוועז אויסגערופן. ער האָט באַ־מערקט ווי די גויים פאַרבייגייענדיק שטעלן זיך אָפּ אויפן טראָטואַר און קוקן זיי ביידע נאָך.

זיי האָבן זיך האַרציק געדריקט די הענט.

— זאָל גאָט געבן, אַז מיר זאָלן זיך אין גיכן טרעפן אלס פרייע מענטשן — האָט אָשר געווונטשן.

— איך וועל אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן — האָט געזאָגט דער ייד און איז טרויעריק אַוועק זיין וועג.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט אומרחמנותדיק גע־באַקן. אָשר איז געגאַנגען לאַנגזאַם און זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן.

ער איז געגאַנגען רעכטס און אריבער אויף פּרעזידענט־גאַס. פון דאָרט איז ער אַוועק אויף לוקשיא־גאַס.

זיינע אויגן האָבן געזוכט אין אלע זייטן. אפשר וועט ער געפינען אַ הויז, וווּ ער זאָל קענען אריינגיין און וואַרטן דאָרט ביז אָוונט.

ער איז געווען עפּעס צעשראָקן און אליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס זיין האַרץ האָט אים קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט.

פּלוצלונג האָט אָשר באַמערקט עטלעכע גרופּעס ליטווישע פּאַר־טיזאַנער. זיי זיינען ארויסגעקומען פון די הויפן מיט די ביקסן אין די הענט.

איינע פון די גרופּעס האָט געפירט צוויי יידישע יינגלעך.

אַשר איז געבליבן שטיין פאַרשטיינערט אויף זיין אָרט.

— וואָס איז דאָס ?

— — — — — — —

דאַנערשטיק דעם 7־טן אויגוסט 1941 האָט דער יידישער קבוץ אין קאָוונע ווידעראַמאָל געבראַכט אַ גרויסן קרבן.

גלייך איינדערפרי האָבן זיך באוויזן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט גרופּעס פּאַרטיזאַנער. באַוואָפנטע מיט ביקסן האָבן זיי צונויפגע־כאַפּט די יידן, וועלכע זיינען געקומען פון סלאָבאָדקע זיך צו באַזאָרגן ביי באַקאַנטע קריסטן מיט אַ ביסל פּראָדוקטן.

דעם גאַנצן טאָג האָבן די מערדער געבושעוועט אין די גאַסן פון קאָוונע און האָבן צונויפגעכאַפּט יידישע מענער אומאָפּהייגיק פון זייער עלטער און פיזישן צושטאַנד. שפּעטער האָבן זיי מיט לאַסט־מאַשינעס איבער 1000 יידן אַוועקגעפירט אין דער „געלער טורמע". פון דאָרט זיינען די אַרעסטירטע אין אַ פּאָר טעג אַרום אַריבערגעפירט געוואָרן אויף איינעם פון די קאָוונער פאָרטן און זיינען דורך די מערדער אומ־געבראַכט געוואָרן.

דאָס איז געווען דער לעצטער קרבן פון דער שטאָט קאָוונע פאַרן שליסן דאָס געטאָ.

עס איז מערקווירדיק, אַז ניט נור די אַרעסטירטע יידן האָבן גע־גלויבט, אַז די פּאַרטיזאַנער פירן זיי אויף אַרבעט, נור אפילו די קרובים פון די אומגעקומענע האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער געגלויבט, אַז די טויזנט מאַן לעבן, אַז זיי געפינען זיך אויף אַרבעט...

— — — — — — —

— מאַרש ! פאַרשאָלטענער זשיד, צו דער אַרבעט ! —האָט אַשר געהערט אַ באַסאָווע שטימע.

נעבן אים זיינען געשטאַנען צוויי פּאַרטיזאַנער מיט ביקסן אין די הענט.

— איך בין ניט לאַנג אַרויס פון קראַנקנהויז. איך קען נאָך ניט אַרבעטן.



**Gefangene litauische Juden**
welche die Unsicherheit der ersten Kriegstage zu dunklen Machenschaften zu nutzen suchten, wurden sofort dingfest gemacht

ארעסטירטע יידן אין קאָוונע.

צ. ה. ק.

— דו, הינטישער זון! שנעלער צו דער ארבעט! ווען ניט... — און דער פאַרטיזאַנער האט גלייך מכבד געווען אָשר'ן מיט אַ זעץ איבערן רוקן.

אַ הייסער שטראם האט זיך אַ גאָס געטאן איבער אָשר'ס קער־פער. זיין בלוט האט — ווי תמיד, ווען ער האט זיך געפונען אין סכנה — אנגעהויבן שנעלער צירקולירן.

עפעס אַ שטימע האט אין אים געשריען: — דו ביסט ווידער אריינגעפאלן, ראטעווע זיך!.. ראטעווע זיך!...

— זיי ניט אזוי צעשראקן! — בארואיקט אים דער שכל הישר

— די פאַרטיזאַנער זאָגן דאך: — „צו דער ארבעט". צו וואָס זאלן זיי ליגן זאגן?

— צום טויט!... צום טויט... — ליארעמט ווייטער די זעלביקע שטימע.

אַ שרעק איז אָשר'ן באפאלן. ער האט אינגאנצן געפיבערט און זיינע ליפן האבן זיך באוועגט ווי אין אַ שטילער תפילה צו גאָט.

מיטאַמאָל האט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט אַ האָגל פון קלעפּ.

אַ שניידיקער ווייטאק האט אים דורכגענומען. ער האט זיך גע־פילט שוואַך אויף די פיס און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שטיינער.

צוויי פּאָר פעסטע הענט האבן אים אַ נעם געטון און אָשר האט זיך געשלעפּט, געשלעפּט נאך זיי...

— ווו שטייט דער לאסט־וואגן? — האט געפרעגט איינער פון די פאַרטיזאַנער.

— דא ניט ווייט! — איז געפאלן אַ תשובה פון צווייטן.

אָשר איז געקומען צו זיך. ער האט פארשטאנען, אז אויב ער וועט זיך ניט שטארקן, איז ער פארלוירן.

ער האט באשלאסן זיך אנשטרענגען און אליין גיין, אפשר וועט אים דאן גאט צושיקן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען.

— לאזט! לאזט! — האט ער זיך גענומען רייסן פון זייערע הענט — איך וועל אליין פרווון גיין.

— דו ביסט דאך געקומען צום שכל, דו, שמוציקער זשיד ! — האט איינער פון זיי געענטפערט.

אָשר האט זיך מיט שוועריקייטן אויפגעשטעלט.

— נו, שנעלער ! ניטאָ קיין צייט ! — האט איינער אַ קאָמאַנדע געטאָן.

אָשר האט גובר געווען זיינע שמערצן און איז געגאנגען...

אויפן געדאנק איז אים געקומען יענער בלוטיקער דינסטיק מיט אנדערהאלבן מאנאט צוריק גלייך נאכן אויסברוך פון קריג. דאן האבן באגינען די גרינע בוימער פון פרעזידענטס גארטן געקוקט דורכן פענצ־טער אין זיין קליין צימערל אריין... און שפעטער... שפעטער ווערט ער געפירט אַט פונקט ווי איצט צום טויט... דאן האט ער געראטעוועט זיין לעבן, אבער איצט ? איצט איז זיין לאגע אַ גאנץ אנדערע.

איצט קען ער ניט לויפן, זיין ווונד איז נאך ניט פארהיילט... איצט איז ער איינער אליין און די פּאַרטיזאַנער זיינען צוויי. ווי זאל ער זיך ראטעווען ? ווי אזוי ?...

— שנעלער, זשיד ! מיר האבן ניט אזוי פיל צייט צו קענען זיך שלעפּן דא מיט דיר.

אָשר גייט שנעלער.

זיי זיינען דורכגעגאנגען קליין־ווילנער גאס, דורכגעשניטן לייס־וועס־אלעע און אריין אין פּוטווינסקא גאס.

פון ווייטן האט אָשר באמערקט דעם לאסט־אויטאָ און ער האט אויפגעשווידערט. ער האט פארלאנגזאמט זיין גאנג און זיין קאָפּ האט אָן אויפהער געאַרבעט, געזוכט אַ מיטל ווי זיך צו ראטעווען. דער אומ־גליקלעכער האט פארשטאנען, אַז אויב ניט איצט, איז ער פארלוירן.

די פּאַרטיזאַנער האבן אים געזידלט און געדראָט, אַז אויב ער וועט ניט גיין שנעלער וועלן זיי אים דערשיסן. ער האט עס אבער אפילו ניט געהערט, ער איז געווען פארנומען נור מיט דעם איינעם געדאנק: ווי אזוי ראטעוועט מען זיך ?

פּלוצלונג האבן אָשר'ס אויגן אָנגעהויבן גלאנצן.

אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר האָט ער באַמערקט צוויי דייטשע מיליטער־לייט.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן פון אָרט און ווי באַהערשט פון אַ שנעון האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן.

— בלייב שטיין! מיר שיסן! — האָבן אויסגערופן די פּאַרטיזאַנער און געצילט אין אים מיט זייערע ביקסן.

אָבער אָשר איז שוין געשטאַנען נעבן די דייטשן.

— פאַרצווייאונג — האָט ער, שווער אָטעמענדיק, אויסגערופן צו זיי. די ביידע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים ברעג טראָטואַר און געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך, האָבן פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים.

— וואָס ווילסטו דען, יודע? האָט איינער פון זיי מיט פאַראַכטונג אַ פרעג געטאָן.

אין דעם מאָמענט זיינען צוגעגאַנגען ביידע פּאַרטיזאַנער.

— איך בין איצט אַרויס פון קראַנקנהויז וווּ איך בין געלעגן אַ מאָנאַט צייט און זיי ווילן מיר איצט נעמען צו שווערער אַרבעט, — האָט אָשר געוויזן אויף די פּאַרטיזאַנער.

— וואָס ווילסטו פון אונדז, דו, שמוציקער יודע? דאָס גייט דאָך אונדז אַבסאָלוט ניט אָן! — האָט דער סאָלדאַט אויסגערופן אָן אויפגערעגטער.

— ריכטיק! ריכטיק! דאָס גייט אייך אַבסאָלוט ניט אָן, — האָט אָשר אַ פאַרצווייפלטער זיך נאָך געפּרוּווט ראַטעווען — אָבער די ביידע אומפאַרשעמטע ליטווינער וואַרפן די שולד אויף אייך, דייטשע מיליטער־לייט, אַז איר האָט זיי באַפוילן צונעמען קראַנקע צו שווערער אַרבעט און אַז זיי זיינען אין דעם ניט שולדיק...

— וואָס? — זיינען ביידע סאָלדאַטן אויפגעשפּרונגען פון אָרט — זיי זאָגן, אַז מיר האָבן עס זיי באַפוילן?

— יאָ! יאָ! — האָט אָשר דרייסט געענטפערט.

— איר, ליטווישע הינט! שטימט עס, וואָס דער יודע זאָגט?...

— האָבן זיי זיך געווענדעט צו די פּאַרטיזאַנער.

די לעצטע האבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. זיי האבן ניט פאַר־שטאַנען די דייטשע שפּראַך.

— ניקטש פארשטעע, ניקטש פארשטעע... — האבן זיי געגלאָצט מיט די אויגן.

— איצט וועסטו פארשטיין ! — האט אויסגערופן איינער פון די סאָלדאַטן און אריינגעפאַרן מיט זיין פויסט אין פּנים פון דעם פּאַרטיזאַן, וועלכער איז געשטאַנען נעענטער צו אים.

— וויר ניקטס... וויר ניקטס... האבן די פּאַרטיזאַנער מיט שרעק געפּרוּווט באַרואיקן די אויפגערעגטע דייטשן.

דער צווייטער סאָלדאַט, וועלכער איז געווען ווייניקער אויפגערעגט, האט זיך מיטאַמאָל אַ קער געטאָן צו אָשר'ן :

— ווי אזוי וועסטו באַווייזן, אַז דו גייסט איצט פון קראַנקנהויז ?

— איך האב אַ דאָקומענט, אַ דאָקומענט פון קראַנקנהויז — האט אָשר קוים געענטפערט, ווי עס וואָלט אים פאַרפעלט לופט. ער האט ארויסגעשלעפּט פון זיין טאַש אַ דאָקומענט, וואָס ער האט באַקומען ארויסגייענדיק פון „בקור חולים" און עס דערלאַנגט דעם סאָלדאַט.

מיטאַמאָל האט אָשר אויפגעציטערט. ער האט זיך געכאַפּט, אַז דער דאָקומענט איז דאַטירט דעם 22־טן יולי — וואָס האב איך געטון ? זיך אליין אומגליקלעך געמאַכט. איצט וועלן זיי מיך כאַפּן ביי אַ ליגן און אַלץ איז פארענדיקט, — האט אָשר געטראַכט, קוים זיך האלטנדיק אויף די פיס.

דער סאָלדאַט האט אַ ווײַלע אריינגעקוקט אין דאָקומענט און באַלד עס איבערגעגעבן איינעם פון די פּאַרטיזאַנער.

— שטייט דאָ געשריבן, אַז דער יודע איז היינט באפרייט געוואָרן פון קראַנקנהויז ?

— ניקטס פארשטעע...

— אַך, דו עזל־קאָפּ ! איך האב פארגעסן, אַז דו פארשטייסט ניט. איבערזעץ אים, יודע, וואָס איך פרעג.

אָשר האט איבערזעצט :

— ער פרעגט אויב עס שטייט געשריבן אין דאָקומענט, אַז איך בין באַפרייט געוואָרן מיט אַ האַלבן מאָנאַט צוריק פון קראַנקנהויז.

ביידע פּאַרטיזאַנער האָבן אויפן קול איבערגעלייענט דעם דאָ־קומענט.

— יאָ! יאָ! — האָבן זיי נאָכן איבערלייענען געשאָקלט מיט די קעפּ.

— לאָזט אים גלייך אָפּ! איר, דרעקישע ליטווינער! איר האָט ניט קיין רעכט צו נעמען קראַנקע צו שווערער אַרבעט און שפּעטער אונדז צו באַשמוצן.

— ניקטש פאַרשטעע...

— איבערזעץ, יודע!

— דער סאָלדאַט זאָגט, אַז איר זאָלט מיך זאָפאָרט פריילאַזן און אַז איר זייט דרעקישע ליטווינער.

— מיר פאַרשטייען ניט, פאַרוואָס ער זידלט אונדז.

— וואָס זאָגט ער? — האָט דער סאָלדאַט געפרעגט אָשר'ן.

— ער זאָגט, אַז איר האָט קיין שום רעכט ניט אים צו זידלען — האָט אָשר רואיק געענטפערט.

דער סאָלדאַט איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג און אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער.

— ניקטס פאַרשטעע... וויר ניקטס... — האָבן די פּאַרטיזאַנער צושראָקענע זיך גערוקט אויף צוריק.

— וואָס גייסטו טון? — האָט דער צווייטער סאָלדאַט אים אַ כאַפּ געטון ביי דער האַנט — צוליב אַ דרעקישן יודע גייסטו מאַכן אַ פּראָ־צעס אויף זיך? זאָלן זיי אים אויפהענגען, וואָס איז דאָס דיין עסק?

אָשר האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געזען, אַז זיין לאַגע ווערט ווייטער קריטיש און ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביים סאָלדאַט, וועלכער האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער אין האַנט:

— איך וויל אַרבעטן ביי אייך!... גיט מיר וועלכע עס איז אַר־בעט. איך וועל אַלץ גוט דערלעדיקן... נאָר ניט ביי די ליטווינער... נאָר ניט ביי זיי.

— גוט! — האָט געענטפערט דער סאָלדאַט: דו גייסט מיט מיר.

— צו וואָס? — האָט געפרעגט דער צווייטער.

— וואָס איז דאָס דיין עסק? איך דאַרף אים האָבן.

— זאָג די דרעקישע ליטווינער, אַז זיי קענען גיין — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט צו אָשר׳ן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

אָשר איז געגאַנגען פאָרויס נעבן טראָטואַר און ביידע סאָלדאַטן אויפן טראָטואַר ניט ווייט פון אים.

זיי האָבן דורכגעשניטן לייסוועס און געגאַנגען דורך קליין ווילנער גאַס.

אונטערוועגנס האָט אָשר געטראָפן גרופּעס פּאַרטיזאַנער וועלכע האָבן געפירט יידישע מענער.

אָשר האָט שווער אָפּגעקרעכצט. זיין האַרץ האָט אים געבלוטיקט. פון קליין ווילנער איז ער אַריין אין סיים גאַס.

ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן גיין שנעל, אַז די סאָלדאַטן האָבן אים קוים נאָכגעהאַלטן די טריט. ער האָט מורא געהאַט, אַז ווער פון די דייטשן וועלכע זוכן אים געוויס אַרום, זאָלן אים דאָ דערקענען.

— היר!

אָשר׳ן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די סאָלדאַטן האָבן אים געהייסן אַריינגיין אין דער סיים־געביידע פון וואַנען ער איז מיט אַ פּאָר שעה פריער אַנטלאָפן מיטן ייד.

— ניט צו מאַכן — האָט ער זיך געקלערט — פון גורל קען מען ניט אַנטלויפן. באַשערט דאָ אומצוקומען.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַפּאַטיש. זיין גאַנצע ענערגיע האָט אים פאַרלאָזן. ער האָט אויפגעהערט איינגאַנצן צו טראַכטן.

ביידע פּאָסטנס ביים טיר האָבן אים ווי פריער באַגלייט מיט גלייכ־גילטיקע בליקן. ער איז אַדורך דעם קאָרידאָר, אַרויף אויף די טרעפּ... אָט איז די טיר פון צימער ווו די לייטענאַנטן האָבן אים, אָשר׳ן, און דעם עלטערן יידן געפּייניקט... און אָשר איז מעכאַניש געגאַנגען צו דער טיר...

— ווייטער! — איז געפאלן אַ באַפעל. אָשר איז געגאנגען ווייטער.

טרעפּ. ווייטער אַ קאָרידאָר. דא האט אים דער סאלדאט באַפוילן צו בלייבן שטיין. אָשר האט זיך אָנגעשפּאַרט ווי אַ שיכור אָן דער וואַנט.

לאנג האט ניט געדויערט. דער סאלדאט האט אים ארויסגעטראָגן אַ פּאָר שטיוול, אַ גורט, שיך־פּאַסטע, אַ טוך און אַ בערשטל.

— זאל גלאנצן! — האט דער סאלדאט באַפוילן.

— אַ דאַנק! — האט אָשר ווי צומישט געענטפערט.

יענער האט אויף אים מאדנע אַ קוק געטון און איז אריין אין צי־מער.

אָשר האט זיך מיט זיין גאנצן כוח גענומען זויבער מאכן די שטיוול.

דער סאלדאט איז שפּעטער ארויסגעקומען, באַקוקט די ארבעט און געבליבן צופרידן. ער האט געבראכט נאך 3 פּאָר שטיוול. פון אלע זייטן האבן סאלדאטן געטראָגן צו אָשר'ן זייערע שטיוול און אָשר איז מיט אלע זיינע רמ״ח אברים געווען אריינגעטון אין זיין ארבעט.

עס זיינען פאַרביי עטלעכע שעה און אַ פּאָר צענדליק שטיוול און לעדערנע גירטלען האבן זיך געשפּיגלט אין דער אונטערגייענדיקער זון...

איבער אָשר'ס פּנים זיינען גערונען גרויסע טראָפּנס שוויים. ער איז געווען הונגעריק און דורשטיק און דאך האט ער זיך געפילט גוט. נאָכן זון־אונטערגאנג האט ער פאַרענדיקט זיין אַרבעט.

דער סאלדאט האט אים באַפוילן: — קום! אָשר איז אים נאָכ־געגאנגען.

זיי זיינען אריין אין אַ קליין צימערל. דארט איז געשטאנען אַ טיש, אַ באַנק און אַסאלדאטסקע בעטל.

דער סאלדאט האט פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.

אָשר האט אויף אים געקוקט מיט חשד.

יענער האט אויפגעשלאָסן אַ שראַנק, וועלכער איז געווען איינגע־מויערט אין דער וואַנט, און האט פון דארט ארויסגענומען אַ סאָל־דאַטסקן ברויטל.

— באהאלט עס! — האט ער דערלאַנגט אָשר'ן.

אָשר איז געשטאַנען איבעראַשט און זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט עס ניט דערוואַרט פון אַ דייטש.

— איך בין אַן עסטרייכער — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט, ווי ער וואָלט געלייענט אָשר'ס געדאַנקען — איך בין ניט קיין אַנטיסעמיט... איך האָב פאַר דעם קריג פיל יידישע פריינט געהאַט... איך באַדויער אייער לאַגע...

אָשר האָט באַדאַנקט און פאַרשטעקט דאָס ברויטל ביי זיך אונטערן רעקל.

דער סאָלדאַט האָט אים אַרויסבאַגלייט פון צימער און איז מיט אים אַרונטערגעגאַנגען פון די טרעפּ.

אָשר איז שנעל פאַרבייגעגאַנגען די פּאָסטנס ביי דער אַרויסגאַנג-טיר.

אויף דער גאַס האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט.

אַ שעה צייט האָט געדויערט ביז ער איז געקומען אין סלאָבאָדקע.

לינקאָווער גאַס האָט זיך געטונקט אין עפּעס אַ סודות'פולער שטיל-קייט. געווען אַ ליכטיקער, וואַרעמער אויגוסט-אָוונט.

די הייזער — אין וועלכע יידן האָבן זיך אויס מורא שוין אין די פריע אָוונט-שעה'ן פאַרשלאָסן — האָבן פאַרריסן זייערע קעפּ ווי אין אַ שטומער תפילה צו די הימלען.

אָשר איז געגאַנגען לאַנגזאַם. ער האָט זיך געפילט מיד און צע-בראָכן.

זיין פוס האָט מיטאַמאָל אויף עפּעס אַ ווייכע זאַך אַרויפגעטראָטן. ער האָט אויפגעריסן זיינע אויגן:

אַ פּעקל טשערוואָנצעס (רוסישע צען רובלדיקע) איז געלעגן אויפן טראָטואַר.

ער האָט עס שנעל אויפגעהויבן און פאַרשטעקט אין די קעשענעס.

אַ ווייַלע איז ער שטיין געבליבן און געווענדעט זיינע אויגן, וואָס זיינען פול געווען מיט טרערן, צו די הימלען.

— איך דאַנק דיר, שעפער פון דער וועלט! פאַרבאָרגן זיינען דיינע וועגן!



דער צוים פון שטעכל־דראָט.

זיין גאנצער וועזן איז פול געווען מיט מוט און ענערגיע.

טוואַליעס ליכט האבן געשטראַמט אין זיין נשמה פון אַ שטאַרקן גלויבן אין דער השגחה.

ער האט אין דעם מאמענט געגלויבט באמונה שלמה, אַז אן אומ־זעבארע אויג באגלייט אים אויף זיין פינצטערן וועג.

ווען ער איז אריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין צימערל האט זיין פנים געלויכטן.

— דאנק גאָט! — האט משה אויסגעשריגן זיך אַוועקזעצנדיק אין בעט.

— וואָס איז, ברודערל? — האט אים אָשר ארומגענומען און אַ קוש געטון.

— איך האב געהערט, אז מען כאַפּט יידן אין שטאָט, בין איך געווען זייער אומרואיק... אזוי שפּעט! אזוי שפּעט און דו ביזט נאך נישטאָ!

— האט משה מיטאַמאָל זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— נו, שאַ! איך בין דאך געקומען — האט אשר אים געגלעט און זיין פנים איז פינצטער געוואָרן.

— איך האב די גאנצע צייט געוויינט און געבעטן גאָט, אַז מען זאל דיך פון מיר נישט אַוועקנעמען — האט משה געכליפּעט און צוגע־דריקט אָשר'ס קאָפּ צו זיך.

ווען משה האט זיך בארואיקט, האט אָשר ארויסגענומען פון אונטער זיין רעקל דאס ברויטל.

— סאָלדאַטסקע ברויט? ווי קומט עס צו דיר?

— איך האב עס פארדינט.

— ביי וועמען?

— ביי די דייטשן.

— ביי דייטשן?

— יאָ!

אָשר האט ארויסגעשלעפּט פון די קעשענעס פעקלעך געלט און עס ארויפגעלייגט אויפן טיש.

משה האט אויפגעריסן די אויגן:

— און דאָס ? — האָט ער פארוואונדערט געפרעגט.

— האָט איז אַ מתנה — האָט אָשר מיט אַ טרויעריקן שמייכל געענטפערט.

— אַ מתנה ? פון וועמען ?

— פון דעם גאָט פון נקמה !

— איך פארשטיי דיך ניט ! — האָט משה געזאָגט און אַ שרעק איז אים באַפאַלן.

— פון גאָט, וועלכער איז זיך אַזוי גרויזאַם נוקם אַן דעם יידישן פאָלק.

— איך בעט דיך, אָשר, רייד ניט מיט מיר אַזוי מאָדנע, איך בין נאָך קראַנק און דו שרעקסט מיך איבער.

— שרעק זיך ניט, ברודערל, איך האָב עס געפונען !

און ביידע ברידער מיט טרערן אין די אויגן האָבן איבערגעציילט צען טויזנט רוסישע רובלס.

— — — — — — —

די ערשטע צייט האָבן די יידן ניט געוווּסט ווי עס וועט אויסזען דאָס געטאָ און ווו וועלן זיין זיינע גרענעצן.

שפּעטער האָט מען דעם פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר יידן, אָנגעהויבן ארומצוימען מיט שטעכל-דראָט.

יידן האָבן געמוזט מאָביליזירן יידן, בכדי צו מאַכן פאַר זיך אַ צוים פון שטעכל-דראָט, מאַכן פאַר זיך אַ לאַגער, אַ טורמע.

אויסער דעם צוים האָבן נאָך די יידן געבויט אַ טונעל אונטער דער יורבורקער גאַס צו פארבינדן ביידע טיילן פון געטאָ.

עס איז פּלוצלונג געקומען אַ באַפעל דעם טונעל צוריק צו פאַר-שיטן. עס האָבן זיך געענדערט די גרענעצן. פיל גאַסן זיינען אָוועקגענו-מען געוואָרן פון דעם יידישן שטח.

שפּעטער האָט מען אויסגעבויט אַ בריק איבער פּאַנערו גאַס, וואָס זאָל פארבינדן דאָס געטאָ מיט דעם אַזוי גערופענעם „קליין-געטאָ".

די עטלעכע גאַסן פון קליין-געטאָ האָבן ביזן 4-טן אָקטאָבער גע-האַט די איינציקע פארבינדונג מיטן געטאָ דורך דער הויך-בריק.



די בריק איבער פּאַנערו גאַס, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס געטאָ מיטן קליין־געטאָ.

בכדי אָפּצושרעקן די יידן, זיי זאָלן ניט אַרויסגיין מחוץ פון סלאָ־באָדקע זיך צו באַזאָרגן מיט עסנוואַרג, האָבן די דייטשן געכאַפּט אויף פּאָנערו גאַס דעם 6־טן אויגוסט 26 יידן, זיי אַוועקגעפירט אין אַ וועלדל ביים דאָרף סערגאַן און דערשאָסן.

נאָכדעם איז אַ דייטש געקומען אין יידישן קאָמיטעט און געהייסן וואָרענען, אַז עס איז פאַר יידן פאַרבאָטן ביי ניט־יידן עפּעס צו קויפן אָדער פאַרקויפן.

ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס דערשיסן די 26 יידן איז די ערשטע לעקציע וואָס יידן האָבן שוין געקראָגן.

ביזן 15־טן אויגוסט האָבן פיל געהאַפּט, אַז די יידן וועלן מעגן געוויסע שעה'ן אין טאָג גיין פון געטאָ אין שטאָט זיך איינקויפן פּראָ־דוקטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז גלייך ווי אַלע אַנדערע האָפענונגען — וואָס יידן האָבן געהאַט אין די ערשטע טעג — איז אויך די האָפנונג אויסגערונען.

— — — — — — —

די לעצטע עטלעכע טעג, פאַרן שליסן דאָס געטאָ, פלעגט אָשר יעדן פרימאָרגן, פאַר זון־אויפגאַנג, אַוועקגיין אין שטאָט און קומען שפּעט אין אָוונט צוריק אַהיים.

פאַר אַ קורצער צייט האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ רעזערוו פּראָ־דוקטן.

מיט זיין באַלעבאָסטע האָט אָשר אָפּגעמאַכט, אַז זי זאָל צוגרייטן פאַר משה'ן מיטאָג און פאַר דעם פלעגט אָשר איר אָפּגעבן אַ טייל פון די פּראָדוקטן, וואָס ער פלעגט ברענגען פון שטאָט.

אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין איבער די קאָוונער גאַסן, פלעגט אָשר אין אָוונט, האַלב דרעמלענדיק, אויסהערן פון ברודער די אַלע געשיכטעס, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין סלאָבאָדקע דורכן טאָג.

און געוווסט האָט משה אַלע נייעס, ווייל ליגנדיק דעם גאַנצן טאָג אין בעט און ניט האָבנדיק וואָס צו טון, פלעגט ער ביי זיינע בעלי־בתים און די שכנים וואָס פלעגן אַרויפקומען וועגן אַלץ אויספרעגן.

— אָשר, דו הערסט ?

— יאָ.

— דו שלאפסט דאך.

— ניין.

אין הארצן פלעגט אָשר בשעת מעשה טראכטן : ווען דו וואָלסט געוווּסט, ברודערל, וואָס איך האב דעם טאג אין שטאט איבערגעלעבט, וואָלסטו געווים מיך ניט געפייניקט מיט דיינע געשיכטעס.

אָבער משה, וואָס פלעגט זיך שפירן דעם גאנצן טאג אזוי איינזאם און עלנד, פלעגט אָשר'ן ניט אָפּלאָזן.

און יעדעס מאל פארן שלאף פלעגט זיך פארענדיקן דאס געשפּרעך צווישן ביידע ברידער אזוי :

— וואָס רעדט מען אין שטאָט ?

— דאס זעלבע.

— פארוואָס האסטו ניט געבראכט קיין ליטווישע צייטונג ?

— איך האב פארגעסן.

— וואָס הערט זיך אויף די פראנטן ?

— אויף די פראנטן ? . . .

— מען רעדט אין סלאָבאָדקע, אז דער דייטש כאַפּט שוין קלעפּ.

— קלעפּ ? . . . יאָ . . . יאָ.

— מען רעדט, אז אין א וואָך ארום וועלן דא שוין זיין די רוסן.

— די רוסן ? מעגלעך . . .

— דו האסט דאס געהערט אויך אין שטאָט ? אָשר, דערצייל !

— וואָס דערציילן ?

— אַזעלכע וויכטיקע נייעס און דו ווילסט מיר ניט דערציילן.

— ברודערל, האב רחמנות, איך וויל שלאפן. מארגן דארף איך דאך פרי אויפשטיין . . .

— איך ליג א גאנצן טאָג און וועך משוגע טראכטנדיק — האט משה אָפּגעזיפצט.

— נו גוט, מארגן, יאָ ?

— גוט.

— אַ גוטע נאכט.

דעם 14־טן אויגוסט איז אָשר אויפגעשטאנען פריער ווי תמיד. דאס לעצטע מאל, פארן שליסן דאס געטאָ, איז ער געגאנגען אין שטאָט.

לינקאָווער גאס איז נאך געווען פארזונקען אין שלאָף.

אַ קליין וואָלקנדל מיט אַן אויסגעשטרעקטער האנט אין די הויכע הימלען האט שטום באגלייט אָשר׳ן מיט אַ פינצטערן בליק. אָשר׳ן האט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט אים וויזן דעם וועג אויף צוריק.

— ניין! איך וועל דאך ניט גלויבן אין אלע נארישקייטן, — האט אָשר אַ מורמל געטון און איז געגאנגען עקשנותדיק ווייטער.

די בריק איבער פאנערו גאס, וועלכע איז די לעצטע טעג אויפגע־שטעלט געוואָרן, האט מיט זיין משוגה׳דיקער הויכקייט אויסגעוויזן פונ־דערווייטנס ווי עפעס אַ לעגענדארער ריז פון אַמאָליקע צייטן. אָשר׳ן האט זיך געדוכט, אַז אַ לעבעדיקע באשעפעניש קוקט אים נאך: ער האט זיך ניט געטרויט אומצודרייען דעם קאָפּ, יענער זאל צו אים מיט־אַמאָל ניט שרייען:

— וואוהין? צוריק!

אַ שטעכל־דראָט־צוים האט אָשר׳ן פארשטעלט דעם וועג. ער איז דורכגעגאנגען דעם ניי־אויפגעשטעלטן געטאָ־טויער און איז אַוועק אין שטאָט.

גייענדיק איבער קאָוונער גאך כמעט ליידיקע גאסן ערב שליסן דאס געטאָ, האט זיך אָשר געפילט אין אַ מין ערב יום־כפור שטימונג...

— ווער ווייס — האט זיך אָשר געטראכט — אויב מיר אלע יידן אין געטאָ שטייען ניט פאר אַ גאר גרויסן תענית... ווייל פארגעפלט האט אים אויסגעזען די צוקונפט און אומקלאר איז פאר אים געווען דער מצב פון די יידן אין געטאָ נאך דעם 15־טן אויגוסט.

אָשר איז דורכגעגאנגען סיים־גאס און זיך פארנומען אויף ווילנער גאס.

נעבן הויז נומ. 9 איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן, ווי ער וואָלט זיך עפעס איבערלייגט...

— — — — — — —



א ווינקל ביי די דראָטן פון קאָוונער געטאָ. צ. ה. ק.

אויף ווילנער גאס 9 אויפן צווייטן שטאָק האט געהאט געוווינט אָשר'ס אן אלטער באקאנטער מיטן נאָמען אליהו ווארקול.

ווארקול האט געשטאמט פון ווילנע. ער האט אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג חתונה געהאט אין אַ שטעטל עטלעכע קילאמעטער פון אָשר'ס געבורטס שטעטל שאקי.

אָשר איז געווען אַ קורצע צייט לערער אין דער פאלקס־שולע פון יענעם שטעטל. ער האט זיך שטארק באפריינדעט מיט ווארקולס פאַמיליע.

שפּעטער האט זיך די פאמיליע ווארקול ארויסגעצויגן אין קאָוונע. ווארקול האט געקראגן אַ שטעלע אלס הויפּט־בוכאַלטער און די פרוי האט געעפנט אַ גאסט־הויז.

ווען אשר פלעגט קומען אין קאָוונע, פלעגט ער שטענדיק פארפארן צו די ווארקולס און געווען דארט אַ בן־בית.

אויך די פוילישע דינסט, וועלכע האט געדינט ביי די ווארקולס איבער 20 יאר און איז געווען זיי איבערגעגעבן ווי אַ געטרייער הונט, פלעגט אָשר'ן באטראכטן אלס אן אייגענעם מענטשן.

פיל געוויינט האט די געטרייע דינסט ווען זי האט זיך געמוזט שיידן מיט אירע בעלי־בתים, וועלכע זיינען אריבער אין סלאָבאָדקע.

זי איז געבליבן אין דער וווינונג היטן די מעבל ביז זיי וועלן זיך צוריקקערן.

— — — — — — — —

אָשר האט אָנגעקלונגען.

די דינסט האט אים געעפנט די טיר.

— איר... איר.. האט גאר קיין מורא ניט? — האט זי געשטאמלט און ארייַנגעבעטן אָשר'ן אינעווייניק.

אָשר האט זיך שווער אריינגעזעצט אין אַ פאָטעל.

— וועראָניקא! — האט ער זיך געווענדעט צו דער דינסט — איך בין געקומען בעטן אייַנצוקויפן פאר מיר אויפן מארק אַ ביסל פּראָדוקטן.

די דינסט האט גלייך מסכים געווען.

— וויפל איך וועל נאר קענען טראגן, וועל איך איינקויפן — האט זי מיט א שמייכל געזאגט, געמענדיק ביי אָשר'ן דאס געלט.

פארן אוועקגיין האט זי געבעטן אָשר'ן, ער זאל זיך פארשליסן אינעווייניק און קיינעם אין וווינונג ניט אריינלאזן.

נאך דעם, ווי ווערא־ניקא איז אוועק אויפן מארק האט זיך אָשר אוועקגעזעצט ביים פענצטער און איז פארזונקען אין געדאנקען...

שווער צו זאגן ווי לאנג אָשר איז אזוי געזעסן.

א גרויסער טומל אויפן הויף האט אים מיטאמאָל אויפגעוועקט.

מענטשן זיינען געלאפן פון אלע זייטן.

אָשר האט דערהערט קולות:

— עס ברענט! עס ברענט! פייער! פייער!

ווי איינער וואָס וועקט זיך אויף מיטאמאָל פון שלאף און די ערשטע רגע קען ער ניט געפינען דעם גרענעץ צווישן חלום און וואר, אזוי האט אָשר באלד ניט געקענט אונטערשיידן צווישן פאנטאזיע און רעאלערווירקלעכקייט.

עפעס האבן זיך אין זיין קאפ צוזאמענגעמישט די מיטאמאָל אפ־געהאקטע געדאנקען מיט די געשרייען אויף דער גאס.

— עס ברענט... די מוטער איז געבליבן עלנט אין שטעטל... עס ברענט!... משה ליגט קראנק אין סלאבאדקע..., עס ברענט דאס שטעטל... עס ברענט סלאבאדקע... פייער! פייער!

אבער באלד האט זיך אָשר אויסגעניכטערט. אינסטינקטיוו האט ער געשפירט, אז ער געפינט זיך אין א סכנה.

ער האט זיך א הויב געטאן פון אָרט.

פאר זיינע אויגן האט זיך פארבייגעטראגן דער קליינער וואָלקן מיט דער אויסגעשטרעקטער האנט.

איצט האט אָשר געגלויבט באמונה שלמה, אז ביים געטאָ־טויער האט מען אים מן השמים געוואָרנט, ער זאל גיין צוריק.

א ציטער איז אדורך זיין קערפער. ער האט געפרווט זיך באַרואיקן:

יאָ, עס ברענט, איז וואָס? דאס האט דאך אבסאלוט ניט צו טון מיט מיר. איך וועל גלייך ארונטערגיין און העלפן לעשן דאס פייער.

— עס ברענט! עס ברענט! — די קולות פון אונטן האבן זיך פארשטארקט.

אָשר איז געגאנגען צו דער טיר.

— וואוהין? — האט אן אינערלעכע שטימע אים מיטאַמאָל פאר־האלטן.

ער איז צוריקגעגאנגען און געעפנט דאס פענצטער און ארויסגע־קוקט אין הויף.

— פייער! פייער! גויים זיינען ארומגעלאפן צעמישטע. עטערס האבן זיך צעקלונגען... טש... טש... האט זיך דאס וואסער געריסן פון דער פייערלעשער־קישקע און פארגאסן דעם הויף ווי א שלאקס־רעגן.

אָשר איז געשטאנען פארגלאצט די אויגן און עס האט אים אויס־געזען, ווי די העלע זון האט זיך שמייכלענדיק צעוויינט און גיסט מיט טרערן אויף זיין גורל.

ער האט פארמאכט דאס פענצטער, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און ארונטערגעלאזן דעם קאָפּ.

— אפשר ברענט דאס הויז, איך קען נאך פארזאמען זיך צו ראַ־טעווען...

אָשר האט ניט געקענט באשליסן, און ער האט זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער איז ווידער אַמאָל צוגעגאנגען צום פענצטער.

וואָלקנס רויך האבן זיך געצויגן צו די הימלען און האבן פארשלונ־גען די מענטשן און די געביידעס. דא און דארט האט זיך דורכגעריסן א פאראיינצלטער זון־שטראַל, אבער די שווארצע מחבלים האבן אים נאָכגעיאָגט און פארשלונגען...

אין צימער האט אנגעהויבן ארייגדרינגען דער רויך.

פּלוצלונג האט עמיצער פעסט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אָשר האט אויפגעציטערט.

— עפן שנעל — איך, ווּעראניקא! — האט זיך געהערט א שטימע פון דער צווייטער זייט טיר.

אָשר האט די גויע אריינגעלאזט. זי האט זיך ארייגעריסן אין צי־מער מיט א פולן זאק אויף דער פלייצע. זי האט גלייך פון זיך ארונטער־

געוואָרפן די משא און קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם האָט זי אויסגעשריען צו אָשר'ן:

— ראַטעווע זיך!

— גוט! מיר לויפן צוזאַמען, וועראָניקאַ! — האָט אָשר איר אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

— ניין! — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך שווער אַריינזעצנדיק אין אַ פאָטעל, ווי עס וואָלטן איר פאַרפעלט ווערטער.

— איך וועל דיר העלפן אַרונטערגיין די טרעפּ — האָט געזאָגט אָשר מיינענדיק, אַז די גרויסע, דיקע גויע, וועלכע איז כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, האָט פאַרלוירן אירע כוחות.

— ניין! — האָט זי שטיל קוים אַרויסגערעדט — דאָס פייער איז שוין כמעט איינגעלאָשן, אָבער... דו... ד...

— וואָס איך? — האָט אָשר פאַרחידושט געפרעגט.

— זיי זאָגן אַלע, אַז די יידן האָבן דורכדעם געוואָלט זיך נוקם זיין פאַרן אַרויסוואַרפן זיי פון זייערע הייזער... זיי גייען זוכן יידן... זיי וועלן דיך דאָ געפינען, וועלן זיי אויך מיר אומברענגען — האָט זיך די גויע מיטאַמאָל פאַנאַנדערגעוויינט.

אָשר איז טויט בלאַס געוואָרן, אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט און ווי תמיד, אין דער צייט פון סכנה, האָט ער שנעל אָנגעהויבן זוכן אַ וועג זיך צו ראַטעווען. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז צוגעגאַנגען צו וועראָניקאַ, וועלכע איז האַלב געזעסן אויפן שטול און האַלב געלעגן אָנמעכטיק אויפן טיש — און האָט איר געזאָגט:

— באַרואיק זיך און שטאַרק זיך, ווען ניט זיינען מיר ביידע פאַרלוירן.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ גלאָז קאַלטע וואַסער.

— קריך אַריין אין בעט, איך וועל דיר צודעקן מיט דעם בעטגעוואַנט — האָט זי עטוואָס קומענדיק צו זיך, אים געעצה'ט.

ער האָט איר ניט געפאָלגט און איז שנעל אַרויסגעלאָפן אין צווייטן צימער.

דערווייל איז דאָס פייער איינגעלאָשן געוואָרן.

אַ מאַסע גויים זיינען געשטאַנען אויפן הויף און איינער האָט גע־זוכט צו איבערשרייען דעם צווייטן:

— די זשידעס האָבן אונטערגעצונדן די דרוקעריי!

— געוואַלד! ווי קען אַנדערש אויסברעכן אין מיטן העלן טאָג אַזאַ מין שרפה? דאָס האָבן די זשידעס געמאַכט דאָס שטיקל אַרבעט!

— די זשידעס האָבן זיך געוואָלט אין אונדז נוקם זיין, איידער זיי ווערן מאָרגן פאַרשלאָסן אין געטאָ.

— מען דאַרף ניט לאָזן לעבן קיין איין זשיד!

— גלייך זיי דאָ צונויפקלייבן און אויסשיסן ווי הינט!

— יאָ, יאָ, זאָלן מיר זיי גלייך דאָ ברענגען צושלעפּן!

— יאָ! יאָ! — האָט געשטורעמט די מאַסע.

— זיי זיינען דאָך שוין אַלע אין געטאָ, ווי וועט איר זיי ברענגען?

— האָט געשטעלט איינער אַ קשיא.

— דו, אַלטער נאַר — האָט אים צוגעוואָרפן אַ צווייטער — ווען זיי האָבן אונטערגעצונדן די דרוקעריי, מוזן זיך דאָך כאָטש עטלעכע פון זיי געפינען.

— זוכן אין אַלע ווינקלען! — האָט געשריען דער המון: — זאָלן מיר זיך צעטיילן אין גרופּעס און דורכזוכן אַלע ווינקלען — האָט איינער אַ קאָמאַנדע געגעבן.

— שאַ! שטיל! לאָזט הערן, וואָס עס דערציילט דאָס יינגל פון סטרוזש.

די מאַסע איז שטיל געוואָרן. דער 13 יעריקער יינגל האָט דער־ציילט:

— מיט עטלעכע שעה צוריק האָב איך דאָ געזען אַרויפגיין אויף די טרעפּ אַ יונגן ייד אין אַ בלויען קאָסטיום. ער האָט אַביסל אונטער־געהונקען און מיר האָט זיך, אַז ער איז אַריין אין וואַרקולס וווינונג.

אַ גרופּע גויים האָט זיך אַ לאָז געטון צו די טרעפּ.

— — — — — — —

דערווייל איז אָשר אַרומגעלאָפן, ווי אַ געפאַנגענע חיה, פון איין צימער אין צווייטן און ניט געפונען קיין באַהעלטעניש.

פון הויף האבן צו אים זיך דערטראגן די קולות.

— אוי, גאָט האב רחמנות! — האט אָשר ארויסגעקרעכצט און פון זיין פנים האט זיך געגאסן אַ שווייס.

— זיי גייען! — האט ער מיטאמאָל געהערט פון צווייטן צימער וועראניקאס פארצווייפלטן קול.

— שליס שנעל אויף די דרויסן־טיר! — האט אָשר אַ פּאַרסאָ־פּעטער איר געענטפערט און איז ארייגעלאפן אין קיך.

ווי נאר ער איז אריבערגעטרעטן די שוועל, אזוי איז זיין בליק גלייך געפאלן אויף דער וואַנט לינקס, וווּ ס'איז שטענדיק געהאנגען אַ פּאַק שליסלען.

די שליסלען האבן זיך געפונען אויפן זעלבן אָרט. אָשר'ן איז ליכ־טיק געוואָרן אין די אויגן. ער האט זיך צו זיי געוואָרפן ווי אַ דורש־טיקער צו וואַסער.

מיט ציטערדיקע הענט האט ער געפּרוווט אויפשליסן אַ טיר, וועל־כע האט פון דער קיך געפירט צו אַ זייטיקן צימערל.

ער האט אבער באלד ניט געפונען דעם פּאַסיקן שליסל און איז גע־וואָרן שרעקלעך נערוועז.

צום סוף האט זיך אים דאך איינגעגעבן אויפצושליסן די טיר און ווי אַ שטורעם האט ער זיך אריינגעריסן אין צימערל און באלד עס צוריק פארשלאסן פון אינעווייניק.

ער איז געבליבן שטיין אין אַ קליינעם מונקעלן צימערל.

דער איינציקער פענצטער, וואָס דאס צימערל האט פארמאגט, האט זיך געפונען אין צפון־זייט. זייער קליין און נאך דערצו פארשטעלט פון אַ צווייטן הויז, וואָס האט זיך געפונען בשכנות.

אָשר'ס פלוצלונגער אריבערגאנג פון די העל־באלויכטענע צימערן אין אָט דער טונקלקייט האט אים די ערשטע רגע ווי בלינד געמאכט.

די פייכטע לופט האט געווירקט אויף אים עטוואָס בארואיקנדיק. ער האט זיך אויך לאנגזאם צוגעוווינט צום שוואַכן ליכט און זיך ארומ־געקוקט — — —

ניט איינמאל קומענדיק צו די ווארקולס, פלעגט ער טרעפן אין די

זומערדיקע הייסע טעג די פרוי וואָרקול אדער וועראניקא ארויסטראגנדיק פונעם צימערל פארפרוירן פלייש אדער פיש.

דאן האט אים ניט געקענט איינפאלן, אז עס וועט קומען אַ טאָג און ער וועט דווקא דא מוזן זוכן אַ רעטונג פאר זיין לעבן.

איצט איז ער דא געשטאנען, געווישט זיך דעם שווייס פון פנים און געזוכט אַ באַהעלטעניש פאר זיין פיבערדיקן גוף. אבער אַ חוץ אַ קיל־שראנק און עטלעכע פאַליצעם פול מיט געשיר, פושקעס און ליידיקע פלעשער, האט ער אין צימערל מער קיין זאך ניט געזען.

ער איז געוואָרן פארצווייפלט און אָנגעהויבן זיך צו שליידערן הין און צוריק ווי אַ חיה אין אַ שטייג. ער איז איצט זיכער געווען, אז ער האט געמאכט אַ פאַטאַלן טעות מיטן פארשליסן זיך אין צימערל.

ער האט אַ פאַריאושטער אַ מאַך געטון מיט די הענט:

— יאָ! זיי וועלן קומען! פון דאנעט קען איך דאך ניט אנטלויפן.

ער האט איצט שטארק באדויערט וואָס ער האט ניט געפאלגט וועראניקאס עצה זיך אויסצובאהאלטן אין אַ בעט.

פון די ווייטע צימערן האט זיך צו אים דערטראגן אַ טומל. ער האט אינגאנצן אויפגעשווידערט.

אַ מין שגעון איז אים מיטאמאָל באפלן. ער האט אַ כאַפּ געטאָן עפעס אן אייזן וואָס איז געשטאנען אין ווינקל און זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר גרייט צו באגעגענען די מערדער, וואָס קומען רויבן זיין לעבן.

ער איז אין דער רגע גרייט געווען צו קעמפן און צו שטארבן, כדי ניט ארייננצופאלן אַ לעבעדיקער צו די מערדער אין די הענט. פלוצלונג איז זיין בליק געפאלן אויפן פענצטערל.

— אפשר וועל איך דורך אים דורכקריכן? — האט אַ בליץ געטטון ביי אָשר'ן אַ געדאנק. ער האט צוריק אָוועקגעשטעלט דעם אייזן אין ווינקל, ארויסגעצויגן די שליסלען פון דער טיר און איז שנעל צוגעגאנגען צום פענצטערל. דאס פענצטערל איז געווען גאר הויך און אָשר האט אים ניט געקענט דערגרייכן.

— אָ, יעזוס מאַריא! אָ, יעזוס מאַריא! — האָט אָשר מיטאַמאָל דערהערט וועראָניקאַס קלאָגעדיקע שטימע.

אָשר האָט זיך אַ הויב געטאָן אויפן קיל־שראַנק און פון דאָרט זיך אַ וואָרף געטון צום פענצטערל.

ער האָט אים אויפגעפּראַלט און דורכגעשטעקט דעם קאָפּ, אָבער ווייטער איז ניט געגאַנגען.

ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, זיך צוזאַמענגע־קוועטשט, געשטעקט די הענט פאָרויס — עס האָט ניט געהאָלפן. ער האָט בשום אופן ניט געקענט אַריינקריגן ביידע פּלייצעס אין דער עפנונג.

געווים האָט זיך דאָס אים ניט איינגעגעבן צוליב זיין נערוועזי־טעט, צוליב זיין פאַרצווייפלונג, צוליב זיין איילעניש.

ער האָט כמעט רעזיגנירט פון זיין פּלאַן און שוין געוואָלט צוריק אַרונטערקריכן פון פענצטער.

אָבער מיטאַמאָל איז אין קיך געוואָרן אַ גרויסער טומל.

אָשר האָט געהערט אַ פּעסטע מענער־שטימע.

— צום לעצטן מאָל וואָרן איך דיך, מכשפה! אויב דו וועסט אונדז גלייך ניט זאָגן, וווּ דו האָסט דעם זשיד באַהאַלטן, וועלן מיר דיך גלייך דערשיסן ווי אַ הונט.

— איך ווייס ניט! האָט רחמנות, איך ווייס אַליין ניט וווּ ער האָט זיך פאַרשטעקט — האָט אָשר דערקענט וועראָניקאַס וויינענדיקע שטימע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טיר?... ווייטער האָט שוין אָשר ניט געהערט. ווי אַ קלאָאון האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין פענצטערל מיט די פיס פאָרויס. זיין קערפּער איז געבליבן הענגען האַלב אינדרויסן האַלב אינעווייניק.

ער האָט זיך געדרייט, צזאַמענגעקוועטשט, געדריקט, געשטופּט, זיך געוואָרפן רעכטס און לינקס. זיין קערפּער ביז די פּלייצעס האָט זיך צום סוף שוין געפונען אין דרויסן.

איצט איז אָשר'ן נאָר געבליבן איין אויסוועג, אויפצוהויבן די הענט אין דער הויך און מיטאַמאָל זיך אַ ריס געבן פון פענצטער. ער האָט

עס אָבער ניט געטאָן, ווייל ער האט געוווסט, אַז ווען ער זאָל זיך ארונ־טערוואַרפן פון כמעט 10 מעטער הויך אויף דעם שטיינערנעם באָדן איז עס אַ זיכערער טויט.

פלוצים האט אימיצער אַ שטאַרקן ריס געטון די טיר פון צימערל.

— רבונו של עולם, טו ניט אָפּ פון מיר דיין חסד, לאָז מיר ניט אריינפאַלן צו די מערדער אין די הענט! — האבן אָשר׳ס ליפּן זיך באַ־וועגט מיט אַ שטילער תפילה.

אויפגעריסן די טיר! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

אָשר האט צוגעמאכט די אויגן:

— בידך אפקיד רוחי!...

ער האט אויסגעצויגן די הענט. דער קערפּער האט זיך קאָנ־וולסיוו צוזאמענגעדרייט ווי ביי אַ געהאנגענעם און מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטון מיט זיין גאנצן כוח פון פענצטערל.

אַ הייסער שטראָם האט זיך אַ גאָס געטאָן איבערן קערפּער, וועל־כער איז ארויסגעפלויגן מיט גרויס געשווינדקייט.

אַ פּאָר פאַרצווייפלטע אויגן האבן זיך מאָמענטאַל אויפגעריסן. עס האט אַ בליץ געטאָן אַן אָפּגרונט... בום! האט זיין קאָפּ פּלוצלונג אַ וועץ געטאָן.

בו—ו—מ—ם!... — האט אין זיין מוח ווי אַן עכאָ אָפּגעקלונגען.

— — — — — — — —

אַ צענדליק גוים, אין דער באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע פּאַר־טיזאַנער, האבן זיך אריינגעריסן אין ווארקולס דירה.

— ווו איז דער זשיד, וועלכער באהאלט זיך אויס דאָ ביי דיר? — האבן זיי זיך געוואָרפן צו ווערוניקאַ, וועלכע האט פאַר זיי געעפנט די טיר.

— איך ווייס ניט — האט ווערענֹיקאַ קוים ארויסגעשטאמלט און אירע ציינער האבן געקלאַפּט פון שרעק.

— דו פארשאָלטענע פּאָליאַטשקע, דו אַלטע פּאַסקודע, דו יידן־קנעכטין, אויב ביי דיר איז עפּוואָס ווערט דיין לעבן, זאָלסטו אונדז גלייך ווייזן ווו עס געפינט זיך דער זשיד, וועלכער האט אונטערגעצונדן דאָס

הויז! — האָט זיך צו איר געווענדעט איינער פון די „פּאַרטיזאַנער" און צוגעשטעלט צו איר פּנים אַ רעוואָלווער.

— איך... איך ווייס נישט — האָט וועראָניקאַ אין טויט־שרעק זיך געצלמט.

— זאָג נור מיר, דו אַלטע מכשפה! — האָט זיך אַריינגעמישט דער צווייטער „פּאַרטיזאַן" — איז אַ זשידלאָק אַרויפגעקומען היינט פרי אין דיין וווינונג? זאָג אָבער דעם אמת! ווען ניט, וועלן מיר דיר די קישקעס פון בויך אַרויסציען.

— געווען... אַ באַקאַנטער... יאָ... איך ווייס ניט ווו...

— גענוג! — האָט דער „פּאַרטיזאַן" אויסגעשריען מיט צאָרן.

די גויים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די צימערן. זיי האָבן געגישטערט אין די בעטן, געזוכט אין די שרענק, און ניט דורכגעלאָזט קיין איין אָרט, וווּ עס איז מעגלעך פאַר אַ מענטשן זיך צו פאַרשטעקן.

געזוכט, געגישטערט און קיינעם ניט געפונען. זיינען זיי אַרויס פון די כלים.

זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט די פויסטן אויף וועראָניקאַ און גע־שלאָגן איר מכות רצח.

אָבער די גויה האָט געשוויגן ווי אַ פיש, ווייל זי האָט באמת ניט געוווּסט, וווּ אָשר געפינט זיך.

שפּעטער האָבן זיי אַנטדעקט אין קיך די פאַרשלאָסענע טיר, וואָס פירט אין קעמערל פון די פּראָדוקטן.

— ווו איז דער שליסל צו אָט דער טיר? — האָט איינער פון די פּאַרטיזאַנער מיט רוגזא אַ געשריי געטאָן צו וועראָניקאַ, וואָס איז גע־בליבן אין צווייטן צימער.

— די שליסלען הייגגען אויף דער וואַנט נעבן דער טיר — האָט וועראָניקאַ כליפּעגדיק געענטפערט.

זיי האָבן געזוכט און ניט געפונען.

דער פּאַרטיזאַן האָט אַריינגעשלעפּט וועראָניקאַ אין דער קיך.

— ווו?

וועראָניקאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער וואַנט, וווּ שטענדיק

איז געהאַנגען דער פּאַק שליסלען און האָט אויפגעציטערט: — שלעכט, זיי האָבן אים געפּאַקט! — איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק.

— וואָס ביזטו געבליבן שטיין ווי אַן אידיאָטקע? אויב דו ווילסט בלייבן לעבן, זאָלסטו אונדז גלייך זאָגן, ווו די שליסלען זיינען! — האָט איינער פון דער באַנדע געדראָט וועראָניקאַן.

— מן הסתם האָבן די וואַרקולס מיטגענומען די שליסלען מיט זיך — האָט וועראָניקאַ פּלוצלונג דרייסט געענטפערט און אויפגעהויבן איר קאָפּ.

— אַזוי?! — האָט דער פּאַרטיזאַן אויסגעזונגען און מיט זיין גאַנצן כוח האָט ער אַ שלעפּ געטאָן דאָס טירל.

אָבער אומזיסט איז געווען זיין טירחה. די טיר איז געווען אַ מאַסיווע מיט אַ פעסטן שלאָס און זי האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן.

די גויים האָבן געבראַכט אַ האַק. די טיר איז אויפגעבראָכן געוואָרן.

די פּאַרטיזאַנער מיט רעוואָלווערן אין די הענט זיינען אַריין אין טונקעלן קעמערל און עס באַלויכטן מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל.

זיי זיינען געבליבן שטיין איבערראַשטע. דאָס קעמערל איז געווען ליידיק. קיין לעבעדיקע באַשעפעניש איז דאָרטן ניט געווען.

אויך וועראָניקאַ איז געשטאַנען מיט אַן אָפענער מויל און געסאַפּעט ווי אַ גאַנז. דערויף האָט זי זיך ניט גערעכנט. אויסער אָשר'ן האָט דאָך קיינער די שליסלען ניט געקענט נעמען.

— דער יידישער גאָט! — איז ביי דער גויה דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — דער יידישער גאָט האָט געראַטעוועט דעם אומשולדיקן אָשר'ן.

די גויים האָבן געעפנט דאָס טירל פון קיל־שראַנק. זיי האָבן באַקוקט יעדע קלייניקייט אין קעמערל, ווי זיי וואָלטן געזוכט שפּורן פון פאַרשווונדענעם יידן.

— אפשר איז די פויגל דורכגעקראָכן דורכן פענצטערל? — האָט אימיצער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— נאַרישקייטן! — האָט אַ צווייטער געענטפערט — דורך אַזאַ קליין פענצטערל איז אוממעגלעך אפילו פאַר אַ קינד דורכצוקריכן.

יענעם פּאַרטיזאַן אָבער האָט די האַזיקע ווערטער ניט איבערצייגט. ער האָט אַריינגעטראָגן פון קיך אַ באַרשט מיט אַ לאַנגן שטעקן און פּרובירט דערמיט צו עפענען דאָס פענצטערל.

אָבער דאָס פענצטערל איז געווען פעסט צוגעקייטלט פון אויסן!

— איך מיין — האָט זיך אָפּגערופן אימיצער — אַז דער פּאַר־שאַלטענער זשיד האָט ויסגענוצט די בהלה, וואָס איז אַנטשטאַנען בעתן דער שרפה און געמאַכט פּליטה דורכן הויף. מיר האָבן געווים דאָן געלאָשן דאָס פייער און אים ניט באַמערקט.

די זאַך האָט זיך געלייגט אויפן שכל. אַלע האָבן מסכים געווען.

זיי האָבן זיך געקליבן אָוועקצוגיין.

— וואָס מאַכט מען מיט איר? — האָט זיך אייגער פון זיי דער־מאָנט אָן ווערעָניקאַ, וועלכע איז געשטאַנען אַ צוזאַמענגעבראָכענע.

— לאָז איר צופרידן! — האָט אַ צווייטער זיך אָפּגערופן — זי איז דאָך ניט שולדיק. אַ גאַנץ לעבן איז זי געווען, נעבעך, אַ שקלאַפין ביי די הינטישע וואַרקולס און זיך געפּונען מער צווישן די זשידעס ווי צווישן אונדזעריקע. עס וועט נאָך אַ לאַנגע צייט נעמען צו ברייינגען איר מוח אין אָרדנונג.

— אמת! — האָבן אַלע מסכים געווען.

עי, דו! — איז צוגעשפּרונגען צו ווערעָניקאַ אַ יונגער גוי פון אַ יאָר 17 — דאָס מאָל שיינקען מיר דיר, אָבער געדיינק! אויב דו וועסט ווייטער האָבן געשעפטן מיט די פאַרשאָלטענע זשידעס, וועלן מיר דיר דערשיסן ווי אַ הונט!

די באַנדע האָט זיך אָפּגעטראָגן.

ווערעָניקאַ האָט געקרעכצט פון ווייטאָק. איר ליבן אָרעם האָט זי ניט געקענט רירן.

— אוי, יעזוס! אוי, יעזוס — האָט זי ווייַנענדיק געמורמלט.

זי האָט אַ בליק געטאָן דורכן פענצטער. די זון איז געווען פאַר־שטעקט אין וואָלקנס. ווערעָניקאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז דעם גאַנצן טאָג האָט זי ניט געגעסן.

זי האָט געמאַכט פייער און אַרויפגעשטעלט אַ טיי־קענדל.

— אַן אמתער טייוול! — האָט זי אַ קלער געטאָן וועגן אָשר'ן. אַ שוואַכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם פּנים פון דער קריסטין. עס איז פאַר איר געווען אַ רעטעניש, ווי האָט אָשר זיך געקענט באַהאַלטן.

ווען וועראָניקאַ האָט זיך געזעצט עסן האָט זי אַ קלער געטאָן: אַ רחמנות, נעבעך, דעם גאַנצן טאָג האָט ער ניט געגעסן.

די קריסטין האָט געלאָזן שטיין איר עסן און געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן און שטיל געריידט צו די צעוואָרפענע בעט־געוואַנט און צו די אָפענע שריינק: — אָשר! אָשר! איך האָב דיר עסן געבראַכט!

ווען זי האָט ניט געקראָגן קיין תשובה, האָט זי זיך געטראַכט: געוויס וויל ער ניט אַרויסקריכן פון זיין באַהעלטעניש, ביז ס'וועט פינצטער ווערן.

די קריסטין האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט. מורא פאַר אירע שכנים און נייגיר צו וויסן ווו אָשר געפינט זיך האָבן זיך געמישט אין איר קאָפּ.

— און אפשר האָט ער זיך דורכגעוואָרפן דורכן פענצטער און ער איז טויט? — האָט זי אַ טראַכט געגעבן: — נאַרישקייטן! — האָט זי פאַרטריבן די שלעכטע מחשבה. זי האָט געוווּסט, אַז די פענצטער גייען אַרויס אין גאַס און אין הויף. מאָמענטאַל וואָלטן זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן.

אַ פאַרוואָלקנטע נאַכט האָט זיך פאַמעלעך אַרונטערגעלאָזן אויף די הייזער.

— קריך אַרויס, אָשר, פון דיין באַהעלטעניש און לויף שנעל אַ היים! — האָט וועראָניקאַ זיך געשלעפּט איבער די צימערן מיט איין פּזמון.

קיין תשובה!

דער זייגער האָט געשלאָגן 9 און אויך 10. אָשר איז ווי אין דער ערד אַריין.

אַ מידע האָט זיך די קריסטין צוגעשפּאַרט אויף דער סאָפע און איז אַנדרעמלט געוואָרן.

אַ שאַרפער קלונג האָט זי פּלוצלונג אויפגעוועקט.

זי האָט אויפגעריסן די אויגן :

— זייגען זיי ווייטער געקומען אים זוכן ? — האָט זי אויפגעשוי־דערט. ס'איז געווען אַרום האַלב עלף.

מיט געבויגענע פיס איז וועראניקאַ צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ווער איז דאָ ? — האָט זי ציטערנדיק געפרעגט.

— עפן שנעל, וועראניקאַ ! — האָט זי דערהערט עפּעס אַ באַ־קאַנטע שטימע.

זי האָט געעפנט די טיר.

פאַר איר איז געשטאַנען אָשר זעלווער.

— — — — — — —

ווען אָשר האָט אַ פאַרצווייפלטער זיך אַרונטערגעוואָרפן דורכן פענצטערל, כּדי ניט אַריינצופאַלן צו די מערדער אין די הענט, האָט פּאַסירט איינער פון די פילע ניסים, אַ דאַנק וועלכע אָשר האָט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דער אויבערשטער טייל פון זיינע הויזן האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַן אייזערנעם שטאַנג, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער מויער־וואַנט.

אָשר איז געבליבן הייגגען בערך 9 מעטער איבער דער ערד.

פון גרויסן שוווּנג האָט זיין קאָפּ אַ זעץ געטאָן אָן דער וואַנט און ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוווּסטזיין. דער קלאַפּ איז אָבער ניט געווען קיין געפערלעכער. — אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אָשר געקומען צו זיך פון זיין פאַרחלשט'קייט און ער האָט געעפנט די אויגן.

ער האָט אויפגעציטערט. ער האָט דערזען, אַז זיין לעבן הייגגט אויף אַ האָר. איין פאַלשע באַוועגונג — און ער פליט פון אַזאַ ריזיקער הייך.

אָשר האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט. פאָרזיכטיק האָט ער זיך אַ וויג געטאָן אין דער לופט און מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אייזן, מיט דער צווייטער האָט ער באַפרייט די הויזן.

גלייך נאָכדעם האָט ער אויך מיט דער צווייטער האַנט זיך אָרויפ־געצויגן אויפן אייזערענעם שטאַנג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך האַלטנדיק אָן דער האָס פונעם פענצטערל האָט ער אַרונטערגעצויגן זיין רעקל, וואָס איז האַרט געהאַנגען. מיטאַמאָל האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן שטאַרקע קלעפּ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען ברעכט די טיר.

ער האָט שנעל צוגעמאַכט דאָס פענצטערל און פאַרבויגן דאָס משוועקל וואָס איז געווען אין דער האָס, אַז מען זאָל ניט קענען עפענען דאָס פענצטערל פון אינעווייניק.

אָפּגעפּטרט דאָס וויכטיקע שטיקל מלאכה האָט זיך אָשר צוריק אַראָפּגעזעצט אויפן אייזערנעם שטאַנג און זיך אַרומגעקוקט, וואָס ער האָט ווייטער צו טאָן.

ער האָט זיך געפונען צווישן צוויי גרויסע ווענט, וועלכע זיינען געשטאַנען בערך אַ צוויי מעטער איינע פון דער אַנדערער.

אָשר׳ס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט באַמערקט אַ סך איי־זערנע שטאַנגען אין דער וואַנט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ גלייכן מרחק איינער פון דעם אַנדערן.

דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער לייטער פאַרן קוימענקערער.

זיין שמחה איז אָבער באַלד צושטערט געוואָרן. די שטאַנגען זיינען געווען זייער ווייט פון אים. דער נאָענטסטער האָט זיך געפונען בערך 3 מעטער נידעריקער.

אָשר איז געוואָרן פאַרצווייפלט. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער טאָר ווייטער ניט בלייבן אין אַזאַ געפערלעכן מצב. יעדע מינוט האָט אימיצער פון הויף געקענט אים באַמערקן. אַ רגע האָט זיך אָשר פאַר־טראַכט, אָבער באַלד האָט ער עפּעס באַשלאָסן.

ער האָט אַרונטערגעצויגן פון זיך זיין רעקל. פעסט צוזאַמענגע־בונדן ביידע אַרבל און אַרויפגעטאָן זיי אויפן שטאַנג. דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן, זיך האַלטנדיק פעסט פאַר די פּאָלעס פון רעקל.

אַ טויט־שרעק איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן. זיינע פיס האָבן ניט

דערגרייכט דעם אייזן און עס איז אים אויסגעקומען, אַז דער קנופּ פון די צוזאמענגעבונדענע אַרבל ווערט לויז און גייט זיך פונאַנדער.

אַ קאַלטער שווייס האט אים באגאסן. עס האט אים אַ שווינדל געטאָן פאר די אויגן. נאך אַ רגע און ער וואָלט ארויסגעלאזן די פאַלעס פון רעקל פון זיינע פארקראמפּטע פינגער.

ער האט זיך אָנגעשלאָסן אויף דאס לעצטע.

זיך צודריקנדיק מיטן אויבערשטן טייל קערפּער צו דער וואַנט, האט ער מיט די פיס אַ פיר געטאָן אין דער לופט.

די ישועה איז געקומען. זיינע פיס האבן דערגרייכט דעם שטאַנג.

— גאָט צו האנקען! — האט זיך ארויסגעריסן פון אָשר'ס מויל. ער האט זיך ארונטערגעזעצט אויפן אייזן און זיך אָנגעשפּארט אָן דער וואַנט.

אַ געוויסע צייט איז אָשר געזעסן אַ פארגליווערטער און ניט געקענט קומען צו זיך. ער איז געווען שרעקלעך אויסגעשעפּט ביז דער לעצטער מדרגה, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, ווען ס'געלינגט זיך צו ראטעווען אין דער לעצטער מינוט.

ווי נור אָשר האט זיך אַ ביסל געשטארקט, האט ער ארונטערגעשלעפּט פון אויבן זיין רעקל און אַ שטראַלנדיקער אָנגעהויבן פּאַרזיכטיק צו קלעטערן איבער די אייזערנע שטאַנגען אַראָפּ צו דער ערד.

אונטן האט ער באמערקט אַ קאַסטן מיט זאמד. ער האט לאנג ניט געקלערט, איז אהין ארייגעקראָכן און זיך איינגעגראבן אין דעם זאמד מיטן פּנים צום הימל.

אַ פארחלומטער איז ער געלעגן און געקוקט אויף די פארוואָלקנטע הימלען, וועלכע זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער פארכמורעט.

ער האט זיך געשפּירט טויט מיד. זיינע ביינער האבן אים געבראכן ווי נאך אַ קריינק. אויך איז ער געווען הונגעריק נאך אַזאַ טאָג פון פאַסטן. טראָץ דעם איז ער אין אַ ווייַלע ארום אנדרעמלט געוואָרן.

ווען ער האט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען פינצטער. די לופט האט געשטיקט און ס'האט געוויזן אויף אַ געוויטער.

אָשר איז ארויסגעקראָכן פון קאַסטן, אָפּגעשאָקלט דעם זאַמד פון די בגדים. פארזיכטיק, איינגעהאַלטניק דעם אָטעם, ווי אַ גערודפטע חיה האָט ער געשלייכט צווישן די ווענט.

ער איז אריין אין הויף. שטיל איז געווען ארום. אַלץ האָט זיך געטונקט אין שלאָף.

ערגעץ ווו אין אַ הויף האָט אַ קינד זיך פונאַנדערגעוויינט.

אָשר איז געגאַנגען און מיט די הענט געטאַפּט אין דער פינצטער. זיינע פיס האָבן אים געבראַכט צו די טרעפּ, וואָס פירן צו וואָרקולס וווינונג.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען פארקלערט. פאר זיינע אויגן האָבן געשוועבט זיין ברודערס לענגלעך און מאָגער געזיכט און אַ זאַק פול מיט פּראָדוקטן...

ער האָט זיך געפרעגט:

— אין אַזאַ פינצטערער נאַכט — ווער וועט מיך דערזען? און אָשר איז שנעל ארויף אויף די טרעפּ און אָנגעקלונגען צו וואָראָניקאַ.

— — — — — — —

— דו!.. וואָס.. — האָט וואָראָניקאַ אַ צושראָקענע קוים ארויסגערעדט.

— איך! שאַ־שטיל! — האָט אָשר מיט אומרו געענטפערט.

— גיי שנעל פון דאַנעט! — האָט וואָראָניקאַ מיט איר געזונטער האַנט אים געפּרוווט ארויסשטופּן צוריק דורך דער טיר.

— יאָ, יאָ, איך גיי!..

— גיי! גיי! זיי וועלן מיך דערהרגענען! אַ האַנט האָבן זיי שוין מיר אויסגעבראַכן....

— יאָ, יאָ, וואָראַניקאַ, לאָז, איך גיי שוין! איך וויל נור נעמען דעם זאַק מיט די פּראָדוקטן.

די קריסטין האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, ווי פאר איר וואָלט געשטאַנען ניט קיין נאָרמאַלער מענטש. פון איר מויל האָט זיך נאָר ארויסגעריסן איין וואָרט:

— וואָס?...

אָבער איידער די גויה האָט אים באַוויזן צו פאַרהאַלטן, האָט זיך שוין אָשר געטראָגן מיטן זאַק פּראָדוקטן אויף דער פּלייצע.

— בלייב געזונט, וואַראָניקאַ!

די גויה האָט זיך פונאַנדערגעבליפּעט.

— — — — — — — —

אַ שטורעם האָט אויסגעבראָכן אין דער נאַכט־פינצטערניש.

מאַוימדיק האָט געוואָיעט דער ווינט איבער דער שטאָט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אַרונטערצורייסן די דעכער און פאַרניכטן די הייזער מיט די מענטשן צוזאַמען.

אַ בליץ האָט דורכגעשניטן דעם הימל.

— טראַך, טאַראַראַך! — האָט אַ דונער אָפּגעהילכט ערגעץ אין די מרחקים. אַ שלאַקס־רעגן האָט אַ פּלייץ געטאָן.

דורכגענעצט ביזן ביין האָט אָשר קוים זיך צוגעשלעפּט צום געטאָטויער.

ער האָט אַ שליידער געטאָן פון זיך דעם זאַק עסנוואַרג און געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע מידע הענט צו די פינצטערע הימלען:

— ווו ביזטו, גאָט פון נקמה? אין ווינט? אין שטורעם? ניין!

אַ שטיק פייער האָט פאַר זיינע אויגן אַ בליץ געטאָן פון די הימלען.

ניין, אויך דאָרט איז גאָט ניט געווען.

ער האָט דערהערט עפּעס אַ קול אין זיך גופא:

— גיי צו דיינע ברידער אין געטאָ און צוזאַמען מיט זיי לייד און קויף אויס די זינד פון מענטשן...

אָשר האָט די שטימע גלייך דערקענט. דאָס האָט גערעדט דער גאָט פון רחמים.

אַ רגע האָט אָשר אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און געבליבן שטיין מיט הכנעה, גרייט צו זיין דער געפּאַדערטער קרבן.

אָבער דאַך האָט עפּעס אין אים רעוואָלטירט. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט.

אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין נשמה־טיפעניש:

— ווו ביזטו, גאָט פון נקמה?

— טראַך, טאַראַראַך! ... — האָבן די הימלען געשאָסן מיט פייער. ס'איז ליכטיק געוואָרן אויף דער גוישער גאַס נעבן געטאָ־טויער ווי אין מיטן העלן טאָג.

זיין בליק איז אין דער רגע געפאַלן אויף אַ פענצטער:

אויף אַ נאַכט־טישל האָט געגלאַנצט אַ גאָלדענער מגן־דוד באַצירט מיט בריליאַנטן און נעבן בעט האָט געקניט אַ קריסטין פאַר די בילדער פון יעזוס און מאַריא...

דאָס אַלץ איז באַלד פאַרשלונגען געוואָרן אין דער פינצטערניש.

אָשר'ן האָט געררוישט אין די אויערן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די מערדערין זאָגט דאָרט איר נאַכט־געבעט:

„אין דיינע ווונדן, אָ גאָט, שליס מיך איין, דאַן שלאָף איך זיכער, לויטער און ריין”.

אָשר האָט אויפגעפלאַמט ווי אַ שטיק פייער. ער האָט פאַרביילט זיינע פויסטן צום הימל:

— ווו ביזטו, גאָט פון משפט? ווו ביזטו, גאָט פון נקמה? ווו ביזטו, גאָט פון מיינע אבות?

— או—או—או! — האָט זיך דער שטורעם פונאַנדערגעהוליעט.

אין דער רגע האָט אָשר אויפגעשטראַלט:

דער אור־אַלטער יידישער גאָט, אָנגעטאָן אין אַ לבוש פון נקמה האָט אַראָפּגענידערט פון די הויכע הימלען...

אָשר האָט אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען דער זעלביקער גאָט, וואָס פלעגט אַמאָל מיט אַ מעכטיקער האַנט נקמה נעמען פון די יידישע שונאים.

— לויף אין וואַלד! — האָט זיך געהערט גאָט'ס שטימע ווי אַמאָל צו איובן דורכן שטורעם.

— אַ קראַנקער ברודער... — שטעלט אוים אָשר זיינע שגעון־פולע אויגן צו דעם קאָכיקן אָרום.

— דאַן גיי אין געטאָ און גרייט זיך דאָרטן צו קאַמף און נקמה!

אָשר האָט ארויפגעלייגט דעם נאַסן זאַק אויף די פּלייצעס און איז מיט פעסטע טריט דורכגעגאנגען דעם געטאָ-טויער.

טראַך!... טראַ—ראַ—ראַך! — האָט אַ דונער זיך געקייקלט איבער די שוואַרצע הימלישע ווייטקייטן.

אַ בליץ האָט ווידער דורכגעשניטן די פינצטערניש. דער מבול האָט געפּלייצט אָן אויפהער.

אַ געבויגענע געשטאַלט פון אייביקן וואַנדערער, מיטן זאַק אויף דער פּלייצע האָט אַ שימעריר געטאָן פונדערווייטנס און איז פאַר-שוווּנדן אין דער גרויליקער שטאָק-פינצטערניש פון דער נאַכט.

— — — — — — —

דעם 15-טן אויגוסט 1941 איז האָט געטאָ אָפגעשלאָסן געוואָרן.

---

(סוף פון ערשטן טייל)